STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00636

YERUSHE

S. Berlinski

Permanent preservation of this book was made possible by
Jack & Joan Wolfsdorf
in memory of
Benjamin & Yetta Wolfsdorf

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. בערלינסקי

י ר ו ש ה

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

118

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

ש. בערלינסקי

ירושה

(דערציילונגען)

*

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס, 1956 — תשט"ז

אינהאַלט

	זייט
ירושה	7
צוויי גאַסן	21
אַנטוישונג	49
גאָלד	55
גורל	58
אַ יידישער בוים	66
די משומדת	69
צו שופר־בלאָזן	75
אַ גערצנגל	79
די לבנה אין שטאָט	82
פּאַרטאָג אין פּאַרק	85
די אלמנה און איר טעכטערל	88
מילבן	93
אַ גרושה	98
צוויי חברטעס	104
מיידלעך	115
נאָכן טויט	127
אַלטע לייט	131
אַ געשריי	139
שטערן אין שטוב	153
גדלות	170
אַ זינגערין	175
די יונגע שוישפּילערין	179
די טענצערין	189

ירושה

אַ ווינטערדיקער פרימאָרגן. דער פראָסט האָט זיך צעבליט אויף אונדזער פענצטערל. דורך די אייז־קווייטן האָט זיך דער נייער טאָג גע־שטעלט בלאַסלעך, ווי אויסגעצערט פונעם פראָסטיקן אָטעם. איז מיין טאַ־טע אויפגעשטאַנען, ווי אַלע אינדערפרי דער ערשטער און גענומען אונ־טערהייצן די פליטקע, שפּאַלטן און לייגן אַזוי שכלדיק און מיט שיק אַ שפּענדל נאָך אַ שפּענדל און צוגענאַרן דאָס פלעמל אין אַ פלאַם־פייער. רויטע פייער־צינגלעך האָבן אַזוי פריילעך אָנגעהויבן הודזשען אין דער גרויער שטוב, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים צעלאָזן זיך כאַטש אין גאָלד.

נאָך די הכנות און נאָך לאַנג־לאַנג וואַשן זיך צו דריי מאָל איבער אַ האַנט, האָט מיין טאַטע גענומען שפּרייזן איבערן צימער און זאָגן ברכות התורה. ער איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך. יעדעס מאָל ביים אויס־דרייען זיך האָט ער אָנגעקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס, אַפערגעשאַרצט די עקן פאות און אַראָפּגעגלעט די אויסגעקעמטע בלאָנדע באָרד, די קרוין פון זיין יידישקייט, וואָס האָט יעדע האָר ווי אַ גאָלד־פאָדעם אויסגעהיטן. און ער האָט ווייטער גענומען שפּרייזן, ציענדיק אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט: „אלוהי, מיין גאָט, די נשמה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, איז אַ ריינע, דו האָסט זי באַשאַפן, דו האָסט זי געשטאַלטיקט".

איך בין געלעגן אין בעט, אַנטבלויזט דעם קאָפּ, מיט אַ גרויסער צע־פלאָשעטער טשופּרינע פון די אייגענע טונקל־בלאָנדע האָר, ווי דעם טאַטנס באָרד און פאות, און האָב געהאַלטן „וויקטאָריאַ" פון קנוט האַמסון.

זיין שאַרף שניידן די ווערטער, זיין זיכערקייט אינעם איבערשמועסן זיך מיט גאָט, האָט מיך אויפגערעגט, געצונדן, — מעגלעך, ווייל איך האָב יעדן טאָג צו אַ נייעם גאָט געדינט, עפּעס פרישס באַוווּנדערט, און גאַנץ מעגלעך, ווייל ער האָט מיר פשוט געשטערט אין לייענען, מיך צע־

מישט און געצווונגען אים אויסצוהערן, אַזוי, אַז מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער מיט זיין שטאַרקער אמונה איז מיך מבטל — ראַנגלט זיך מיט מיר און קומט מיך ביי. האָב איך אַ בורטשע געטאָן פאַר מיר, אָפּמעסטנדיק אים מיט מיין בליק: „ווי דער טאַטע שרייט באַלד אינדערפרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, די גאַנצע באָרד אין זיינע צוויי הענט אַריינגענומען, אַרויפגעצויגן די ברעמען און געפאָרן מיט זיין בליק איבער מיין אָפּגעדעקטן קאָפּ האָר, איבערן בוך, וואָס איז אָפן געלעגן פאַר מיר, און אונדזערע בליקן, גאַליקע,ביידע פון טונקל־גלאַנציקע ביר־אויגן, האָבן זיך באַגעגנט.

איך האָב געזען אין זיין בליק אַ שניידיקע עקשנות, אַז ער איז גרייט די אָדערן זיך אַרויסצוטרייבערן פאַר זיין אמת. ס'איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן פאַרוואָס ער זאָגט מיט אַזאַ הנאה די פסוקים פון דער עקדה: „וישלח אברהם את ידו ויקח את המאכלת לשחוט את בנו..." (און אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און ער האָט גענומען דאָס מעסער צו שעכטן זיין זון). ער וואָלט דאָך זיין זון מקריב געווען אויפן מזבח פאַר זיין גאָט. דאָס אייגענע האָב איך אין יענעם מאָמענט דערפילט אין מיר: איך וואָלט דאָך מיין לייב געקאַטעוועט פאַר מיין אמת און גראָד מיט דער אייגענער עקשנות.

אונדזערע בליקן האָבן זיך אַזוי שניידיק קעגנגעשטעלט, ווי די שאַרפן פון צוויי מעסערס, וואָס וואָלטן געשניטן אין איין טיף. איך האָב אין יענעם פרימאָרגן דערפילט אין מיר מיין טאַטן.

צו יענער צייט איז ביי אונדז געווען אַן איינגייער דער אַלטער מאירל, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער ייד מיט אַ גרוי, שיטער בערדעלע, וואָס די הויט האָט זיך דורכגעקריגן, ווי ביי אַן אונטערגעפּליקטער גאַנדז. קומען פלעגט ער אין די וואָכן, און מיר אַלע האָבן אים שוין אויסגעקוקט.

ס'פאַלט צו די ווינטער־נאַכט. אונדזער שטיבל, וואָס אויפן עק שטאָט, ווערט אַרומגענומען מיט שטרעקעס שוואַרצער אומהיימלעכקייט. מיר זיצן איינגעטוליעטע, ווי די הינדלעך אויפן שטענגל פאַרן שלאָף — האָט זיין קומען אַ סך הייטערקייט אַריינגעבראַכט.

ס'רוב שעהן האָט ער פאַרבראַכט מיטן טאַטן אין לערנען, געשאַרפט

די קעפּ ביי שווערע סוגיות אין דער גמרא. געשפּאַרט, געאַמפּערט זיך.

די קינדערלעך און דער מאַמען איז עס געגאַנגען אין דער צווישן־צייט פון לערנען, — ווען דער טאַטע האָט אַרויפגעלייגט די פאַטשיילע אויף דער אָפענער גמרא, און זיי זענען פון אַזאַ פרעמדער וועלט. פון אַזעלכע אומבאַקאַנטע שפּאַרענישן, פון בבלס צייטן, איבערגעגאַנגען צו אונדזערע: וועגן פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט צעכוואַליעט איבער רוסלאַנד, וועגן פאַרשידענע גזירות.

די מאַמע פלעגט מיט מורא קוקן צו דעם שוואַרצן, נאַכט־באַגאַסענעם פענצטערל, צי עס הערט חלילה ווער נישט אונטער, אַז מען רעדט אויפן קייסער, און זיך בעטן: „הערט שוין אויף, הערט שוין אויף — מע קאָן דאָך, חלילה, דערהערן".

כדי נאָכצוקומען דער מאַמעס בקשה, האָט דער אַלטיטשקער אָנגעהויבן דערציילן אין אַזאַ צעפּראַלטן פריילעכן טאָן וועגן פאַרשידענע בטלנים, שלימזלניקעס, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן.

ער האָט געשטאַמט פון געזונטע האַרעפּאַשניקעס, אַליין געלעבט פון פּראַצע, געווען אַן אויפזעער אין דער ציגעלניע, וואָס ביי אונדז אין שכנות. הגם ער האָט געקאָנט לערנען, האָט ער אויסגעלאַכט די שוועבל־דיקע חסידישע יונגעלייטלעך, פאַרציילט פון אַ רבל, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגעבן עקזאַמען, און ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעשמועסט מיט נאַטשאַלסטווע. דער רוסישער אינספּעקטאָר האָט אים מיט אַ גראָבער שטימע געפרעגט, וואָס דער טייטש איז: „אָטשען כאַראָשאָ", און ער האָט אַרויסגעקעקעצט אויף לשון־קודש: „לגמרי טוב". אָדער וועגן אַ קעסט־איידעמל, וואָס האָט זיך נישט געקענט אויף קיין צורת מטבע, גענומען זיך צו מסחר און האָט איינגעקויפט פאַרן גאַנצן נדן שטיוול אויף איין פוס.

אונדזער שטיבל איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט געלעכטער. דער טאַטע האָט זיך פאַרקייכט, אַז ער האָט דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן, אויסגעווישט מיט דער פאַטשיילע די טרערן פון די אויגן און זיך געבעטן, הגם מען האָט געזען, אַז ער וויל דאָס נישט: „הערט שוין אויף, ר' מאירל, הערט שוין אויף". די מאַמע און די קינדערלעך האָבן זיך אויך געוויגט אין געלעכטער. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט זיך געהוידעט אין פרייד.

ביים אַוועקגיין פלעגן אַלע שטוביקע מיט אָנגעגאָסענע ליכטיקע בליקן אים באַגלייטן מיט אַ „גוטע נאַכט“, און דער טאַטע פלעגט אים, מחמת דרך־ארץ, צופירן האַלב וועג.

דאָס געלעכטער האָט אַ סך געשמאַלצן אונדזער גרוי, מאָגער לעבן. מיטאַמאָל אַן אויפדערנאַכט, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין אונדזער שטוב, האָט דער טאַטע זיך עפּעס צעהיצט אין לערנען, געפּאָרן און געברענט וועלטן איינגענומען און האָט זיי מיט נצחון אָקעגנגעטראָגן דעם אַלטן. און דער אַלטער איז גראַד געזעסן, געצופּט דאָס בערדל און איז עפּעס געווען פאַרטראַכט פאַר זיך. מיין טאַטע איז אויפגעשפּרונגען פאַר צאָרן, אַ געשריי געטאָן: „צו וועמען רעד איך, צו דער וואַנט?!“ און איז אַרויס פון שטוב. דער אַלטער האָט ערשט איצט אָנגעהויבן קומען צו זיך און האָט זיך דערפילט ווי אויסגעפּאַטשט.

די מאַמע און מיר, קינדער, וואָס האָבן דעם טאַטן שוין געקענט, האָבן מורא געהאַט זיך אַריינצומישן. מיר האָבן נאָר געזען, ווי אַ כמאַרע יאָגט זיך אָן אויף אונדזער שטיבל. די מאַמע האָט מער צו אונדז, ווי צום אַלטן געזאָגט: „אַ כעסן, אַ כעסן, — וואָס זאָל מען מאַכן מיט אים“.

דער אַלטער איז געזעסן, אַז ס'האָט דאָס האַרץ געשניטן, און האָט זיך אַלץ געוואָלט דערוואַרטן אויפן טאַטן, — ביז ער האָט געמוזט זאָגן „אַ גוטע נאַכט“ און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַז דער טאַטע איז צוריקגעקומען, איז ער ווייס געווען ווי קרייד, — מער נישט געלערנט, געדרייט זיך אַרויף און אַראָפּ און מיטן קריאת־שמע לייענען געוואָלט צערייבן דעם פּאַרדרוס, — האָט ער געקייט די ווערטער. ער האָט זיך צו דריי מאָל אַרומגערינגלט מיט דער הייליקער סווי־טע מלאכים, וואָס האָט אוודאי געציטערט ביים דערנענטערן זיך צו אים, — אַזאַ כעס האָט אים פון די אויגן אַרויסגעקוקט.

ס'איז פאַרגאַנגען אַ ווינטער און אַ זומער, און ערב יום־כיפּור איז דער אַלטיטשקער אַריינגעקומען איבערבעטן דעם טאַטן, הגם — האָט ער געזאָגט — ער ווייסט נישט, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט.

דער טאַטע איז ווייס געוואָרן, דערזעענדיק אים. די נאָז־לעפלעך האָבן זיך אים אָנגעהויבן באַוועגן. ער האָט דעם אַלטן די האַנט געגעבן, ווייל ס'איז ערב יום־כיפּור געווען, און איז אַרויס.

— אַ מאָדנער ייד איז אייער טאַטע, — האָט דער אַלטיטשקער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ צו אונדז קינדער און צו דער מאַמען, צוגעוווּנטשן אונדז מיט באַדויערן און איז אַוועק.

מער איז ער אין אונדזער שטוב נישט געווען.

ביי מיר האָבן זיך אין דער צייט זוימען אָנגעהויבן פונאַנדערצונעמען אין מיין יונג לעבן: עפּעס איז אויפגעגאַנגען, עפּעס האָט געבלעזלט, ווי אויף אַ טייך, בעת עס כוואַליעט זיך אין זיינע וואַסערן.

פּאַר מיר האָט זיך אויסגעשפּרייט די וועלט מיט אירע דערשיינונגען און קאָנפליקטן, און איך האָב געדאַרפט זי אָנהייבן באַנעמען. פלעג איך גיין מיט מיין איבערגעלאָדנקייט איבער די גאַסן און רעדן צו זיך, מאַכן מיט די הענט, אַרויסברענגען פאַרשידענע העויות אויפן פּנים, אַז נישט איין מאָל פלעגט מען אָפּשפּרינגען פון מיר, ווי פון אַ נישט־גוטן.

גאָר אומגעריכט האָט זיך מיר אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט אַ חבר אָפּגע־זוכט. אויך ער איז געגאַנגען אַליין. אַ בלאָנד בחורל, מיט אַ פּאָר גלאַ־טיקע, מיידלשע בעקלעך, וואָס ער האָט אויף זיין שטייגער, נישט אַזוי שגיידיק ווי איך, געוואָלט זיך אויסטייטשן די וועלט. אָבער דווקא זיין מילד קוקן אויף אַלץ מיט אַ בליק פון אַ רואיק עופהלע האָט מיך געצויגן, — עפּעס האָט עס געגלעט אויף דער שאַרפקייט, וואָס איך האָב מיטגע־נומען אין לעבן אַריין, און מיר האָבן זיך צוזאַמענגעהאָפטן, אַז ער איז מיין אייגציקער חבר געוואָרן.

ווי־זשע האָב איך געקאָנט האָבן נאָך חברים, אַז יעדע פרייע מינוט האָבן מיר צוזאַמען געלעבט און פאַרבראַכט: ער האָט געוואַרט, ביז איך וועל אָפּאַרבעטן און אָפּעסן, און איך, ביז ער, און — ווייטער איינייגעם.

און מיר האָבן זיך אָנטפּלעקט, מיר האָבן גערעדט וועגן אַלץ, וואָס איז פאַרביי אונדז, מיט אַלץ זיך געטיילט.

אויב ס׳האָט אונדז ווער געצויגן איינעם פון אַנדערן, איז עס געווען אַ פרוי, — און אַפילו דעם נסיון זענען מיר בייגעשטאַנען.

איך געדענק, ווי איצט. מיר זענען געגאַנגען אין שטאָטישן פּאַרק. ס׳איז געווען פאַרנאַכט. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן וויקלען צווישן די ביימער, ווי אַ בלוי געשפּין. אין דער אַלייע, ווו מיר זענען געגאַנגען, זענען מיר געווען אַליין. אַזוי האָבן מיר געמיינט. נאָר פּלוצלינג איז פון

צווישן דיביימער אַרויסגעוואַקסן אַ מיידל אין ווייסן אָנגעטאָן. זי האָט גייענדיק, שנעל באַוועגט מיט אירע הענט, אַז אין מיינע אויגן האָט זי אויסגעזען אַ שמעטערלינג, אַ ווייסער שוועבנדיקער שמעטערלינג אין דער אָוונט־בלויקייט, אין וועלכן דער יונגער לבנה־סערפּ האָט ווייסע זילבער־בייטן דורכגעשניטן.

מיר זענען איר שנעל נאָך, און מחמת ס׳איז געווען פאַרנאַכט צווישן ביימער, אַ מיידל אַליין, האָבן מיר זי גלייך גענומען געאַרעמט. זי האָט אין מיין זייט אַ שמייכל געטאָן. ניין, וויפל איך האָב מיר אויסגעמאָלט איר פּנים לויט איר גראַציעזער פיגור, איז עס אַלץ שענער אויסגעקומען. אַזאַ אָנגעגאָסענע פרישקייט אין אירע גרינע אויגן — ווי צייטיקע טרויבן, וואָס בעטן: פאַרזוך מיך.

איר פּנים איז געווען אַ לענגלעכס, אָבער ס׳האָט זיך אַזוי איידל אַראָפּגעוועלבט צו דעם שפּיציקן גאָמבקעלע; אויפן שטערן האָט זי געהאַט אַרומגענומען פאַסן בלאָנדע האָר, ווי אַ בראַנדז־באַליישונג.

זי האָט צו מיר געלאַכט פאַר מיין דרייסטקייט, פאַר מיין בחורישן ספּריט און אין מיין חברס זייט אַריין האָט זי זיך געווענדט: „אַנטשול־דיקט!״ — און האָט זיך באַפרייט די האַנט פון זיינער.

איך בין ווייטער מיט איר געגאַנגען, אויסגעשפּילט מיינע באַגערן אויף איר אַנטבלויזטער האַנט, און מיין חבר האָט אָנגעהויבן ווערן אַן איבעריקער, אַן אונטערשטעליקער, ביז... ער איז שוין הינטער אונדז נאָכגעגאַנגען. איך האָב געפילט, אַז איך באַגיי אַן עוולה לגבי אים, אַז איך טו אים וויי, און האָב די אויגן נישט געקאָנט אויסדרייען אין זיין זייט.

אָבער דאָס געפיל צו גיין מיטן מיידל, צו האַלטן איר האַנט איז אַזוי שטאַרק געווען — בפרט, ווי קאָן איך זי סתם לאָזן שטיין, ווען זי שמייכלט אַזוי ליבלעך צו מיר? — איך האָב זי צובאַגלייט ביז אַהיים, איינגעהאַלטן מיינע פרייד־אויסגעשרייען, נישט צו רייצן מיין חבר, און אינדערשטיל געשטימט זיך מיט איר צו טרעפן. מיר האָבן זיך געזעגנט, און איך האָב זי געבעטן, זי זאָל צורופן מיין חבר און זיך מיט אים פריינדלעך געזעגענען. זי האָט מיר צוליב געטאָן און האָט אים אַפילו גע־שיקט אַ לופט־קושל.

אָבער זיין פאַרדראָסלעך געפיל האָט דאָס נישט געלינדערט. ער איז געווען בלאָס אויפן פּנים, ביי די מויל־ווינקלען האָט זיך אים אַ קנייטש געוויקלט — נאָר צום וויינען, און דער עיקר די אויגן: אַזאַ פייערל האָט געברענט אין זיי, אַז יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיי אויפגעהויבן אויף מיר, האָט ער זיי באַלד געמוזט אַראָפּלאָזן — פאַרדעקן מיט די אויגן־לעפּלעך. ווי איך האָב נישט געזאָלט וועלן, איז מיר אוממעגלעך געוואָרן וועגן דער פּאַסירונג נישט צו רעדן. ס׳האָט זיך נישט געקלעפּט דער פריערדיקער שמועס, און דאָס שווייגן האָט ווי מיט מעסערס געשניטן. ביז טיף אין דער נאַכט אַריין האָבן מיר זיך צערעדט. איך האָב אים אַלץ אַנטפּלעקט, אַז איך האָב זיך באַשטימט מיט איר צו טרעפן, נאָר איך וועל נישט גיין, — כ׳וועל אויף אַלץ מוותר זיין צוליב אונדזער פריינד־שאַפט.

נאָר איינמאָל, בעת איך האָב אים אָפּגעוואָרט פאַר זיין טיר, האָט ער מיך לאַנג געלאָזט וואַרטן און האָט זיך נישט געוויזן.

מיך האָט דאָס גלייך אָנגעהויבן טראָגן פון אָרט.

איך האָב מיר אַלץ געוואָלט אויסריידן: אפשר עפּעס אַ סיבה. — הגם די טיר זייערע איז אַפילו געווען אין דער נידער. אָבער עפּעס אַ זור־דיקער צאָרן האָט זיך אויפגעהויבן אין מיר, וואָס האָט מיך אינגאַנצן פאַרפלייצט.

איך בין גלייך אַוועק אַהיים און האָב אים צוגעשריבן, אַז איך וויל זיך מער נישט זען מיט אים.

דאָס האַרץ, האָב איך געפילט, ווערט מיר צעשניטן, ס׳איז מיר אומ־מעגלעך צו לעבן אָן אים. און פאַרוואָס שנייד איך אַזוי בחינם פון אים און פון מיר?

און וואָס מער דאָס האָט מיך אַזוי געפּייניקט, אַלץ מער האָט אַ בייזער צאָרן אין מיר געברויזט.

צומאָרגנס האָב איך אים אָנגעשריבן: אויב ער פאָרט נישט אַוועק פון שטאָט, וועל איך אַוועקפאָרן. און דער עיקר — כ׳וויל אים שוין קיינ־מאָל נישט זען.

און אַזוי זיצנדיק און אויסטראַכטנדיק די משונהדיקסטע בייזקייטן,

דערפיל איך מיטאַמאָל, אַז איך האַנדל דאָך פּונקט ווי מיין טאַטע — פּונקט ווי מיין טאַטע.

איך האָב אים, דעם טאַטן מיינעם, דערפאַר פיינט געהאַט, פּונקט ווי איך פיניק מיך פאַר דעם. אָבער פאַרוואָס זאָל איך אַנדערש האַנדלען, פאַרוואָס זאָל איך נישט גיין אַהין, צו מיין חבר, און אים איבערבעטן — זאָגן אים, אַז איך וויל גערן רעדן מיט אים, אַז איך וויל ווייטער אַזוי ציען אונדזער פריינדשאַפט? און ס'איז דאָך, אייגנטלעך, קיין שום בייז נישט געשען צווישן אונדז. נאָר איך קאָן נישט, איך קאָן נישט.

אָבער נאָך ערגער איז געוואָרן מיט מיר, בעת איך האָב פאַרענדיקט דעם טערמין פון דער לערע, האָב אָנגעהויבן ווערן אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער, און מען האָט צו מיין האַנט צוגעגעבן אַ לערן־יינגל. דאָס איז געווען מיין ערשטע געלעגנהייט צו געוועלטיקן איבער אַ מענטשן. אומ־מ־ם, ווי איך האָב געהערשט איבער אים, געפיבערט ביי יעדן וואָרט זיינעם, וואָס איז מיר פאַרגעקומען נישט לויט מיין כבוד! נישט איין מאָל האָב איך אים אַפילו צוגעוואָרפן עפּעס פון די אַרבעט־מכשירים, וואָס כ'האָב גראַד אין האַנט געהאַלטן.

דאָס יינגל פלעגט מיט אַלע מיטלען מיר ווערלן געפעלן, אונטערקומען. אָבער אַלע וועגן האָב איך אים מיט שטעכעדיקע דראָטן פאַרצוימט. ער האָט שוין דעמאָלט געלייענט ביכער און האָט אַמאָל ספּעציעל געבראַכט אַ בוך, אַנידערגעלייגט עס אין מיין זייט, וווּ איך בין געזעסן. — אפשר וועל איך עס פאַרלאַנגען, — מעגלעך אַזוי אַרום וועט ער אָפּציען מיין צאָרן פון זיך. איך האָב מיך געמאַכט נישט זעענדיק. נאָר אַז מען האָט אים פון דער אַרבעט אַוועקגעשיקט מיט אַ שליחות, האָב איך דאָס בוך געעפנט: „טוביה דער מילכיקער“ פון שלום־עליכם. איך כאַפּ אַ בליק צו דער ערשטער שורה: „הודו לאדוני כי טוב, זאָגט טוביה“. עס ווילט זיך מיר שטאַרק לייענען דאָס בוך, נאָר איך לייג עס פינקטלעך אַוועק ווו עס איז געלעגן, ער זאָל חלילה נישט באַמערקן, אַז איך האָב עס אין דער האַנט געהאַלטן. בסך־הכל איז דאָס יינגל געווען אַ לעבעדיקער יתום. דער פאָטער זיינער איז לאַנגע יאָרן אַוועק קיין אַמעריקע און האָט נישט געלאָזט הערן פון זיך אינגאַנצן. די מוטער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ האַלב מבוסמה איבער די הייזער און האָט צונויפגעבעטלט שטיקלעך

ברויט, אַ פֿאַר גראָשן פֿאַר זיך מיט איר איינציק קינד. און דער פּערעצל, אַזוי האָט ער געהייסן, האָט אַלץ געוואָלט פֿאַר ליב נעמען, זיך אויס־לערנען אַ פֿאַך און אַריבערפֿאָרן קיין אַמעריקע אויפֿזוכן דעם טאַטן. אין האַרץ האָב איך גרויס מיטלייד געהאַט מיט אים. ווער שמועסט, ווען די מוטער האָט מיך אַמאָל אָפּגעוואַרט פֿאַרן וואַרשטאַט און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, פֿאַרוואָס איך פּייניק אַזוי איר איינציק קינד, — אַ טאַטער וואָלט דאָך דאָס נישט געטאָן!

איך האָב איך געענטפֿערט, זי זאָל מער נישט צוקומען מיט אירע בליפּערייען, אַנישט וועל איך אים באַזייטיקן פֿון וואַרשטאַט. נאָר מיר, מיר האָב איך די האַנט צעביסן איבערן וועג. פֿאַרוואָס, דו אַכזר איינער, אַז איך בין צוריקגעקומען אין וואַרשטאַט אַריין, איז ווייטער דאָס איי־גענע געשען: כאָטש כ׳זאָל מיך דערהרגענען, האָב איך גלייכגילטיק נישט געקאָנט רעדן צו אים.

דערפֿאַר האָב איך לגבי דעם עלטסטן אַרבעטער פֿון וואַרשטאַט אַרויסגעוויזן די גרעסטע מאָס אומטערטעניקייט, אים אַזוי געהאַרכזאַם נאָכגעקומען. ווי מיר, וואָס איך האָב אַלץ פֿאַרשוויגן און פֿאַר ליב גע־נומען — און אַלץ אינדערשטיל. ברי לי כ׳האָב געזען, איך בין גערעכט, — קוים האָט ער זיך קעגנגעשטעלט, בין איך פֿון מיינעם אָפּגעטרעטן. דערצו איז דאָס געווען אַ טעמפּער קאָפּ. אין דער אַרבעט האָט זיך סוף־כל־סוף אַרויסגעוויזן, אַז איך בין גערעכט, און ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. איך האָב געשוויגן, ווייל איך האָב געפֿילט זיין אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער מיר, און האָב, ווי אַ געשלאָגענער הונט, דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט.

און דאָס נישט נאָר ביי דער אַרבעט, — האָב איך אַ שוואַכערן פֿאַר זיך געטראָפֿן — מיט די פֿיס געטראָטן, און פֿאַר אַ שטאַרקערן אַזוי הכנעהדיק זיך אונטערגעגעבן.

מיך האָט געעקלט פֿאַר דער דאָזיקער מידה מיינער, אָבער עפּעס אַזוי ווי אין צוואַנגען בין איך געלעגן און נישט געקאָנט אַנדערש. אָן מיין ווילן האָט זיך פֿאַר אַ שטאַרקערן אַלץ אין מיר געבויגן, און אַ שוואַ־כערן — פֿאַר אַ וואָרעם אים געוואָלט מאַכן פֿאַר מיר.

אויך דאָ בין איך געפֿאַלן אויף די שפּורן פֿון מיין טאַטן. ער איז גע־

ווען אַ מעקלער ביי היפּאָטעקן, גיטער, דער טאַטע מיינער. און ווי ווייך ער האָט גערעדט מיט די דאָזיקע געלט־לייט. איך האָב אים קיינמאָל אין שטוב אַזוי נישט געהערט רעדן. כ׳געדענק, כ׳האָב אים געטראָפן פאַר אַ גרויסן האָטעל אָפּוואַרטן פּריצים. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט אויף זיין שטעקעלע און געגלעט, ווי זיין טבע איז געווען, זיין צעקעמטע באָרד. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיין שטרענגן בליק פון הינטער די געדיכטע ברעמען אָפּער און געפרעגט מיך עפּעס אין לערנען. פּלוצלינג איז אַרויס־געגאַנגען פון האָטעל אַ רייכער ייד, — מען האָט עס אָן די גאָלדענע פּענסנע, וואָס ער האָט געטראָגן, דערקענט, און אין זיין נגידישן בליק. מיין טאַטע איז אים גלייך נאָך. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים. און אַז ער האָט דעם קאָפּ קאַפּויער געהויבן, איז ער שוין דער אייגענער נישט געווען: אַזאַ אונטערטעניקייט־שמייכעלע האָט געשוועבט אויף זיין פּנים, אַז ס׳האָט פון יעדן קאָרב אַרויסגעקוואָלן. דורכן מויל, וואָס איך בין עס געוווינט געווען צו הערן שטענדיק באַפעלעריש־שטרענג רעדן, האָבן זיך אַזעלכע גלאַטיקע און וויציק־אויסגעפּילטע ווערטלעך אַרויסגע־טראָגן, אַז דער רייכער האָט כסדר געשמייכלט, פאַרהאַלטן זיך פון דער באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט יעדעס מאָל צום גיין. ס׳האָט זיך גע־האַנדלט אין באָרגן געלט אויף אַ היפּאָטעק. מיין טאַטע האָט פאַר אים דעם ענין אַזוי ווייך, אַזוי זיידן־פּוכיק מסביר געווען, דורכגעפלאָכטן מיט זיינע אָן אַ שיעור ווערטלעך, כדי אים אויפצוהאַלטן פון אויטאָ, וואָס האָט אַ זודיקער פון אומגעדולד געוואַרט אויף אים. איך האָב מיר אין זין געהאַט: ווי שיין מיין טאַטע קאָן רעדן. ווען ער זאָל זיך אַזוי באַנע־מען מיט דער מאַמען און מיט אונדז קינדער, — אונדזער שטוב וואָלט דאָך אַ גן־עדן געווען, און נישט ווי איצט — אַלעמען כאַפּט אָן אַ שרעק, ווען מען הערט: דער טאַטע קומט. קוים איז דער רייכער אין אויטאָ אַריין, איז זיין פּנים צוריק שטרענג געוואָרן, די אויגן בייזע, אונטער די גרויסע ברעמען פאַרזעצט — דער אייגענער טאַטע.

סוף־כל־סוף האָט ער פאַר אונדז אייגענע נאָך אַ געפיל געהאַט, וואָס האָט געקלאַפּט הינטער דעם שטרענגן פאַנצער זיינעם. דאָס פלעגט זיך דערהערן, ווען די מאַמע אָדער ווער פון אונדז קינדער איז קראַנק גע־וואָרן. ער האָט זיך געדרייט פאַרן בעט פון חולה, צוגעטאָן די האַנט צום

שטערן, פֿאַר די לעצטע גראָשנס נאָך אַ רופֿא געשיקט. און אויב ס'איז גאָר שלעכט געוואָרן, פֿלעגט ער אָן אויפֿהער בייסן די שפּיצן פֿון דער באָרד.

דערפֿאַר איז ער אכזריותדיק געווען צו פֿרעמדע, קלענערע פֿאַר אים. אַ ייד, וואָס האָט נישט געקאָנט לערנען, איז אַ שפּין ביי אים אין די אויגן געווען. נישט איין מאָל פֿלעגט ער זיי דאָס בלוט צאַפּן, אַז מיין יונג האַרץ איז צעשניטן געוואָרן. ער איז געשטאַנען אַמאָל אין בית המדרש אָנגעטאָן אין טלית און תפֿילין. נעבן אים איז געשטאַנען אַ ייד און האָט הויך געדאַוונט. ער האָט אָבער שטאַרק פֿאַרגרייזט די עברי, דערצו האָט ער הויך געשריגן. דער גאַנצער עולם אַרום האָט געשמייכלט. נאָר מיין טאַטע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, אַרויפֿגעשאַרצט די הויכע ברעמען און אַ געשריי געטאָן: „שטילער!" און צום עולם האָט ער זיך געווענדט: „ווי דער רבונו של עולם איז אַזאַ דערבאַרעמדיקער, אַז ער לאָזט „דאָס" אַרומדרייען". דער ייד האָט זיך פֿאַר גרויס בושה צעוויינט.

און ווי להכעיס האָבן מיר געוווינט הינטער דער שטאָט צווישן פּראָסטע אָרעמע יידן, בעלי־מלאכות, ס'רוב דאָרפֿגייער, וואָס האָבן גע־האַנדלט מיט בהמות, פֿעלעכלעך. ס'איז דאָרט אויך געווען אַ בית המדרשל, און די פּרייטיק־צו־נאַכטסן, מחמת ס'איז מיין טאַטן וויַיט גע־ווען צו גיין צווישן זיינע חסידים אין שטיבל אַריין, האָט ער דאָרט מקבל־שבת געווען. די יידן דאָרט האָבן אים גרויס כבוד אָפּגעגעבן, דעם וועג אים אָפּגעטראָטן און אים אַרויפֿגעלאָזט צו דער מזרח־וואַנט, ווו ער איז געשטאַנען. פֿאַראַן געווען אַזעלכע צוגעלייגטע, דרך־ארצדיקע יידן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, בעת ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען. נאָר ער, דער טאַ־טע מיינער, פֿלעגט דעם „גוט־שבת" נאָכן דאַוונען אויסשרייען אין חלל אַריין, ווי קיינער אַרום אים וואָלט נישט עקזיסטירט. מיט קיינעם פֿון זיי האָט ער נישט גערעדט, סיידן עס פֿלעגט אים ווער פֿרעגן אַ דין. און אינדערהיים פֿלעגט ער זיך נאָך באַקלאָגן פֿאַר דער מאַמען: „רחל'ע, כ'זאָל מיך נישט פֿאַרזינדיקן מיט די רייד. כ'פֿיל, ווי כ'וואָלט צווישן בהמות אַריין".

מיטאַמאָל איז מיר אומדערטרעגלעך געוואָרן צו לעבן.

באַקאָנט זיך מיט אַ מיידל אַ יונגיטשקער, אַ בלאָנדער, מיט העל־בלויע

אויגן און מיט ראָזע רויזן־בלוט. דאָס רויזן־בלוט האָט געשפּראָצט אויפן ווייסן פּנימל, אויפן גאָמבעלע, אויף די אויערן־לעפּלעך — ווו ס׳האָט נאָר אָרט געהאַט צו בליען. געווען בין איך ביי איר דער ערשטער. מען האָט גלייך געפילט, אַז זי געפינט זיך דאָס ערשטע מאָל אונטערן שאָטן פון אַ מאַנספּאַרשוין.

אַז מיר האָבן אין אַ העל־בלויען אָוונט שפּאַצירט אין אַ שטיל געסל און אונדזערע שאָטנס האָבן זיך אַזוי צוזאַמענגעטראָפן, געוואָרפן זיך איינס אויף דאָס אַנדערע, איז זי אויפגעשפּרונגען, אָפּגערוקט זיך אין אַ זייט, נישט אַזוי לייכט געלאָזט פאַלן אַפילו אונדזער אָפּשיין...

זי פלעגט זיך אַרויסגליטשען פון מיינע הענט, ווי אַ צאַפּלדיק שלייענדל, לויפן מיטן בלאָנדן צעפּעלע — איך נאָך איר, זי געכאַפּט, אָבער זי האָט זיך ווייטער אַרויסגעגליטשט. האָבן זיך וואָכן נאָך וואָכן אַזוי געצויגן יעדן אָוונט אונטער טיפע, סאַמעטענע אָקטאָבער־הימלען אין אַ זיס־פיינלעך געיעג צו באַהערשן זי.

געשען איז עס אומגעריכט. מיר האָבן זיך אַמאָל אַריינגעזעצט אין אַ נישע פון אַ צוגעמאַכט געוועלב. דאָס געפינען זיך אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקעלע האָט אונדז אינטימער געמאַכט. זי האָט מיר אָנגעהויבן דער־ציילן וועגן איר מוטער, וואָס איז שוין פינף יאָר טויט, און זי שטייט נאָך פאַר איר אַ לעבעדיקע אין יעדן ווינקעלע פון זייער שטוב. זי האָט פון איר אַ הייליקן אָנדענק — אַ קנעפּעלע, וואָס זי האָט איר צוגענייט צו אַ סטענדל אין קראַנקן־בעט אַ פּאָר שעה פאַרן טויט. ניין, זי וועט זיך קיינמאָל נישט שיידן מיטן סטענדל, הגם ס׳איז איר שוין ענג און אויס־געוואַקסן. און זי קנעפּלט אויף איר זיידן געשטרייפט בלוזקעלע און ווייזט מיר דאָס סטענדל, פונוואַנען ס׳האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ קלאָר, צעבליט הערצל מיט אַזאַ גלוסטנדיק שטעגל אין דער מיט, וואָס האָט געפירט צו אירע בריסטלעך.

ווען מען איז אין אַזאַ מאָמענט איינגעפאַלן שלעכטע מחשבות, און דאָך האָבן מיר זיך פאַרקנסט דעמאָלט. זי האָט עפּעס אַנטפּלעקט, גע־עפנט פאַר מיר, און דאָס האָבן מיר ביידע דערפילט.

אַז איך האָב דערנאָך אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף איר בלאָנד קעפּל און געגלעט, געגלעט, האָט זי זיך אַזוי געטוליעט אונטער מיין האַנט

— זי איז שוין געווען מיינע. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פֿון טוליען זיך איינס צום אַנדערן — איינס ווערן. יעדער אבר מיינער האָט געגאַרט צו באַהעפֿטן זיך צו אירן. אין אַ מאָמענט, ווען אונדזערע הערצער האָבן זיך אַזוי געדריקט, געוואָלט אַריבערשפּרינגען איינס אין אַנדערן, האָב איך איר פּנים אָנגעהויבן קושן, אַזוי ברייטקלינגענדיק קושן, — און איך דערהער פּלוצלינג דעם אייגענעם קלאַנג פֿון מיין טאַטנס אַ קוש, וואָס האָט זיך געהאַט אין מיינער אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט אַריבערגעטראָגן צו מיר דורכן ווענטל פֿון זיין צימער.

איך האָב דאַן אויפֿגעגרוילט, געקלאַפּט מיט דער פֿויסט איבערן שטערן, געוואָלט פֿאַרטרייבן דעם דמיון, וואָס האָט מיר אַלץ געוואָלט מאָלן, ווי אַזוי און וווּ מיין טאַטע געפֿינט זיך איצט.

איך האָב געפֿילט, ווי דער מוח רירט זיך מיר ביי דעם געדאַנק. דער שטרענגער, בייזער טאַטע! ווי אַזוי געשעט דאָס מיט דער ווייגענדיקער, אויסגעצערטער מאַמען מיינער!... ס׳האָט עפּעס אַרויסגעשריגן פֿון דעם אַלץ ווי דאָס געיאָמער פֿון קעץ בעת זייער צוזאַמענלעבן, וואָס מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעדאַכט, אַז זיי ווערן געטריבן פֿון אַזעלכע גרויזאַמע אינסטינקטן צו דעם.

איך האָב דערפֿילט צו מיר אַ שנאה, אַן עקל, וואָס איך האָב פֿון אַזאַ מאָמענט געזאָלט געבוירן ווערן, און איצט דאָס אַליין אויפֿלעבן — דער אייגענער קוש, וואָס מיין טאַטע.

דאָס מיידל האָט דערפֿילט מיין ענדערונג. שוין די ערשטע פּרווילעבע אויפֿלעזונג אירע, ווי ביי דעם קנאָספּ די ערשטע עפֿענונג, איז מיר אויסגעקומען איר צו פֿאַרביטערן. זי האָט מיך אַזוי שרעקעוודיק אָנגעקוקט: „וואָס איז געשען?״

איך האָב שטום מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן. האָב איך איר דען געקאָנט דערציילן, אַז איך האָב דורך איר אויסגעדריקט דאָס גאַנצע שווידערלעכע לעבן פֿון דער היים, פֿון וועלכן כ׳האָב אַזוי געוואָלט אַנטלויפֿן, ווייט זיין דערפֿון. אין איר שרעקעוודיק קוקן אויף מיר האָב איך שוין געזען, אַז איך וועל זי פּייניקן, פּונקט ווי דער טאַטע האָט די מאַמע געפּייניקט. אין יאָמער־מאָמענטן וועל איך האָבן מיט איר קינדער, וואָס

ש. בערלינסקי

איך וועל ווערן אַ שרעק פאַר זיי, און זיי מיטגעבן אין לעבן אַריין די שלעכטע מידות — אויפשטעלן די זעלבע היים.

סוף־כל־סוף בין איך פון דער היים אַנטלאָפן. ביי אַלע געוויינען פון דער מאַמען האָב איך אַפילו קיין העמד נישט געוואָלט מיטנעמען. דאָס האָט געזאָלט הייסן — איך רייס איבער, וויל גאָרנישט האָבן קיין זכר פון יענער היים.

צוויי גאַסן

פון אונדזערע ליימיק־קלעפּיקע געסלעך, וווּ מען פלעגט קונציק שפּרייזן פון איין אַנידערגעוואָרפן ברעט אָדער שטיין אויפן אַנדערן, בין איך געגאַנגען „אויף דער לער״ אין איינער פון די פּרינציפּאַלע גאַסן פון שטאָט. און אַלץ האָט מיך דאָ פאַרכאַפּט, ווי תמיד, ווען מען קומט פון אַ פינצטערניש אויף דער ליכטיקער שיין.

די גאַסן זענען דאָ געווען אויף ביידע זייטן אויסגעפלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער. אין דער מיט — אַ גלאַנציקער אַספאַלט, אויף וועלכן די פערדישע פּאָדקאָוועס האָבן ריטמיש געקלאַפּט, ווי מען וואָלט כסדר געפירט דעם „קייסערס קאַרעטע״.

ביי די זייטן זענען געשטאַנען יונגע, העל־קעפּיקע אַקאַציע־ביימלעך, ארומגענומען מיט דראָטענע געצן, ווי די פישביינער אַרום אַ מיידלשער טאַליע. אויך די הייזער זענען דאָ געווען גאָר אַנדערש. זיי האָבן מיט זייער ברייטער געזעצטקייט און הויכע גאָרנס פאַרכאַפּט — אין מיינע אויגן — גאַנצע שטיקער וועלט. און די פיל פענצטער זייערע האָבן געפינקלט אין דער ליכטיקייט — צעבלאַנקטע זון־שפּיגלען. איבער זיי זענען געווען אַראָפּגעלאָזט גאַרדינען, וואָס האָבן געוועקט ביי מיר טונקעלע באַגערן צו וויסן, וואָס זיי פאַרשטעלן אַזוינס. אינדרויסן זענען אַרום די פענצטער געווען געפלאָכטן אייזערנע באַלקאָנדלעך, באַפּוצט מיט גרינס און בלומען, וווּ מען האָט זיך געקאָנט אַרויפשטעלן און זיך האַלטן אין דער מיט, צווישן הימל און ערד.

נאָר גאָר חידושלעך האָבן מיר אויסגעזען די נעכט דאָ. אַנשטאָט דער ברייט־צעלייגטער, אומהיימלעכער פינצטערניש אין אונדזערע געסלעך, וווּ יעדער דראָנג אָדער צייכן אויף אַ פּלויט איז אויסגעוואַקסן אין אַ נישטגוטן, אין אַ פאַרזעעניש, זענען דאָ צעהאָנגען געווען אונטערן הימל פאַרצעלייענע אַבאַזשורן, וואָס זענען געווען אָנגעגאָסן מיט ליכט. איז דאָ

טאַקע זייער היימלעך געווען אין די אָוונטן. שילער אין מונדירן, מיט גלימערנדיקע קנעפּ, אין היטלען מיט גרינע אָדער ווייסע קאַנטן, האָבן דאָ שפּאַצירט גרופּנווייז אויף און אַראָפּ. זיי פלעגן ציען די היטלען, גריסן זיך פּאַר די גימנאַזיסטקעס אין ברוינע קליידלעך. שפּעטער פלעגן זיי זיך שוין צושאַרן צו זיי. און דאָס דאָזיקע יונגוואַרג האָט דאָ אַרומגעפלאַטערט אין די ליכטיק־באַגאָסענע גאַסן, ווי די פליגעלעך אין די זומער־פאַרנאַכטן אַרום אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ. דאָ זענען אויך אַרומגעגאַנגען אָפיצירן מיט זייערע בלאָנדע דאַמען, וואָס יעדעס מאָל איז אַ זעלנער פאַר זיי אַראָפּ פון טראָטואַר און געבליבן שטיין מיט דער האַנט פאַרן דאַשעק, ווי אַן אויסגעשטאָפּטע פיגור. באַלד איבערפרי, אין געווייגלעכע טעג, פלעג איך דאָ שוין הערן מוזיק פון די פענצטער אַרויס. טענער פון קלאַוויר, פון פידל, קלאַנגען פון געזאַנג האָבן לוסטיק געצאַפּלט איבער די שטילע, אין צעמענט און שטיין אָנגעטאָענע הויפן. מיר האָט אויסגעדאַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן דאָ איז ווי אַ פאַרשטעלונג, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ צושפּיל. אונטער די טענער באַוועגט מען זיך, הייבט מען די פיס, אַ לעבן — אַ טאַנץ.

און ווי אַנדערש איז דאָס געזאַנג דאָ געווען.

אין אונדזערע געסלעך זענען אומגעגאַנגען לידער וועגן יתומים, וואָס די מאַמע איז זיי אָפּגעשטאָרבן, און זיי האָבן נישט, ווער עס זאָל זיי קעמען און צוואָגן; וועגן אַ סאָלדאַט, וואָס וואָלט געפלויגן אַהיים ווי אַ פויגל אין נעסט אַריין; וועגן אַן עלנטן מענטש, וואָס איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל, און קיינער האָט אים נישט באַוויינט און נישט באַגלייט אויף זיין לוויה; וועגן בלינדע, וואָס די וועלט איז פאַר זיי אַ פינצטער קבר. דאָ אָבער האָבן די טענער אַרויסגעפּראַלט פריידיק, געשמיסן מיט לוסט צום הוליען, צום שפּרינגען ביז אויסצוגיין. אַפילו ווען זיי זענען געווען טרויעריקע, די טענער, האָבן זיי אויך גערופן זיך צו טוליען, אומצואַרעמען. די ווערטער פון די לידער זענען אויך געווען אַנדערע: אַ טרויקע, וואָס האָט זיך געהוידעט דריי טעג אויפן שניי; נעכט, וועלכע כישופן מיט זייער צויבער, וועגן פרויען און וויין. מען האָט אויך געזונגען לידער וועגן פאָלק, וועלכע מען האָט ביי אונדז לגמרי נישט געהערט. דאָס פאָלק, האָט מען געזונגען, זאָל אויפוואַכן, נעמען די פאָן אין האַנט און מאַר־

שירן אין אייגענעם לאַנד. מען האָט אויך געזונגען וועגן אַ צעטראָטענער בלום, וואָס ליגט אין מיטן וועג. זי וויינט און בעט ביי יעדן, וואָס גייט דורך: זעט, זעט ווי איך ליג! נעמט מיך אַהיים צוריק! און דאָס האָט מען גאָר געמיינט די יידן.

ווער האָט די לידער געזונגען? צומערסטן פרויען, וואָס זענען באַלד אינדערפרי געגאַנגען אַזעלכע אויסגעפּוצטע, פּיין־פּאַרקעמטע און באַצירטע.

גאָרנישט די ווייבער, וואָס ביי אונדז, וועלכע לויפן אינדערפרי אַרום אין די פּאַטשיילעס אויף די קעפּ אין די געוועלבער אַריין, אין יאַטקעס, און זוכן אַרום, נישטערן ווי הונגעריקע הינט. אַז נישט — שטייען זיי אין דער היים מיט „ראָגעווקעס" אויף די קעפּ און לופטערן דאָס בעטגעוואַנט, וואַשן, קעמען די קינדער — און עס טראָגן זיך געוויינען פון די שטיבער אַרויס.

אמת איז, אַז איך פלעג דאָ אויך טרעפן דינסטן, וואָט זענען אַפילו אום ווינטער געגאַנגען אָן זאָקן, מיט קובלעס קוילן אָדער קוישן פּראָדוקטן פון די שפּייכלערס. זיי פלעגן ליגן אויף די פּאָדלאָגעס אַנידערגעקאַטשעט, רייבן און וואַשן. איך פלעג אויך טרעפן טרעגערס מיט פּעק און קאַסטנס, פון אונטער וועלכע מען האָט זיי די קעפּ נישט אַרויסגעזען, נאָר בלויז ריטשנדיקע צוויי פיס מיט אַ מאַסע. הענדלער, שמאָלע, שמעקנדיקע, מיט בערד און קעפּ האָר, ווי באַרשטן אַרויפגעזעצט. און מחנות אָרעמעלייט, קאַליקעס, וואָס האָבן אַריינגעלאָמט אין די ציכטיקע גאַסן דאָ.

אָבער די אַלע פלעקן פלעגן זיך נאָר באַווייזן און פאַרשווינדן, און די גאַסן זענען זיך ווייטער געלעגן גלייכע, סימעטרישע, ווי פון אַ פורעם אויסגעגאָסן. געהוילטע, פאַרשידנפאַרביקע דאַמען־פאַנטאָפּעלעך זענען איבער זיי געשפּרונגען, ווי פייגעלעך, מענער־טופליעס אָדער לאַקירטע שטיוועלעך מיט שפּאָרן האָבן איבער זיי מאַיעסטעטיש געשפּרייזט.

ביים שפּאַציר איז מען געגאַנגען געאָרעמט, זיך באַגריסט מיט די היט איינער מיטן אַנדערן, דעם וועג אָפּגעטראָטן ביים באַגעגענען, פאַרבייגעלאָזט, ביים אַרויסגיין פון אַ טיר האָט מען די פרוי פריער אַרויסגעלאָזט, און צוויי מענער האָבן זיך געבעטן מיט די הענט איינער ביים

צווייטן, ווער עס זאָל אַרויס דער ערשטער. פון די צימערן האָט זיך גע־
טראָגן אַ געזאַנג, אַ פריילעכקייט.

אויך דער מייסטער, צו וועלכן איך בין געגאַנגען אין דער לער אַריין,
איז געווען אַן אַנדערער, ווי די בעלי־מלאכות פון אונדזער געסל. דער
נאָמען זיינער איז געווען דוד גאָלדשפיץ. געהאַט האָט ער אַ היטל־גע־
שעפט. און די פירמע האָט געהאַט אַ מין הערב — אַ טיגער מיט צוויי
פאַרצוקנדיקע אויגן. דאָס האָט געדאַרפט ווייזן די מעכטיקייט פון דער
פירמע. דער דאָזיקער טיגער האָט אַראָפּגעבליקט פון די עטיקעטן אויף
די שאַכטלען, וואָס זענען אין גלייכע שטויסן געשטאַנען אויף די גלעזער־
נע שענק; פון די דריי גרויסע שילדן אין דער גאַס אַרייַן, צעהאַנגען אי־
בער די טירן פון געשעפט מיט דער גרויסער וויטרינע אין דער פאָרם פון
אַ „ח“.

ביינאַכט האָט זיך דער טיגער אויף די גלעזערנע שילדן אָנגעצונדן
אין אַ רויט־פייערדיקע חיה. פון די פייערדיקע אותיות אויף די שילדן
פלעג איך די ערשטע צייט פאַרציטערט בלייבן, ווי זיי וואָלטן געווען פון
הימל אָנגעשריבן.

***

דער מייסטער מיינער, דוד גאָלדשפיץ, האָט אַליין נישט געאַרבעט.
ער איז געשטאַנען אין געשעפט, דעם סענטימעטער אָנגעהאַנגען אויף דעם
וואָלענעם שלאַפראָק, אויפגעוואָרפן טוכן, קאַרטן אויף דער ברייטער טאַ־
שעוואַניע (פאַרקויף־טיש), אויפגעשטעלט אויף די שטאַפּן פאַרשידענע
פאָרמען און צוגעריכטעוועט די אַרבעט.

געווען איז ער אַ מיטל־וווקסיקער, נישט קיין איבעריק דיקער, נאָר
אָנגעטאָפּטשעט, ווי אַן אָנגעפילט זעקל. די באָרד זיינע, אַ קאַשטאַן־
ברוינע, האָט מיט צוויי שפּיצן שאַרף אַראָפּגעשטעקט, ווי אַ לאָפּעטקע.
ברעמען האָט ער געהאַט — גאַנצע בינטלעך האָר, וועלכע האָבן פאַר־
שטעלט אַ העלפט פון די אומהיימלעכע אויגן־גלעזער זיינע, און אַז מען
האָט אין זיי אַריינגעקוקט — איז, ווי דורך די בלויע ברילן פון די בלינ־
דע, אויסגעמעקט געוואָרן די וועלט. דערצו זענען ביי אים אַראָפּגעהאַנ־

געגן אַ פּאָר בייזע אויגן־טאָרבעלעך, וואָס האָבן דערמאָנט אָן ווילדע הינט.

דאָס אַלץ האָט אויף מיר אָנגעיאָגט אַ מורא. אַז ער פלעגט נאָר מיין נאָמען אויסרופן צו דערלאַנגען עפּעס אָדער אַריינצוטראָגן די צוגעשניטענע אַרבעט אין וואַרשטאַט, וואָס איז געווען אין שכנות מיטן געשעפט, פלעג איך גלייך אויפשפּרינגען.

אויך דאָ האָב איך נאָך געהאַט אויסצופירן אַרבעטן, וואָס זענען געהאַנגען אויף אַ משקולת. איך פלעג דאַרפן טראָגן שטויסן שאַכטלען מיט די טייערסטע פוטער־היטלען פון דעם קליינעם סקלאַד אויפן הויף אין געשעפט אַריין אָדער פאַרקערט. מען פלעגט מיר געבן אַ באַרג אַזעלכע ווייסע פוטער־היטלען, וואָס איז געווען דריי מאָל העכער פון מיר און וואָס איך האָב וויל געוווסט, אַז קוים צעשיט איך אים — איז אַן עק, מאַך איך אַ תל פון דער סחורה. מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן פאַר מיר, האָב איך נישט פאַראויסגעזען. איך האָב נאָר געפילט, אַז אַ גרויס אומגליק הענגט איבער מיר. ווי נאָר ער פלעגט קומען אין מיינע הענט אַריין, דער הויכער שטויס, און איך האָב אַ בליק געוואָרפן צו זיין שפּיץ, האָט מיר גלייך אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. ס׳האָט מיר אויסגעדאַכט, אַז ער וואַקלט זיך, בייגט זיך אַהער און אַהין. מיין שונא איז געוואָרן יעדער פאַרבייגייער, ביי יעדן צונויפטרעפן מיט אַ מענטש, האָט זיך מיר אויסגעוויזן: אָט־אָט וועט ער אים מיר אַ צעשיט געבן, און איך האָב שוין געזען ווי איינעם מיט דעם צעשיט זיך מיר די וועלט, פאַלט־איין, ווי סדום.

די אַנדערע פלעגן ביי מיר אַרויסטרעטן, ווי די שטריקלעך, און אַ שווייס האָט באַדעקט מיין לייב. ווען איך פלעג אַנידערשטעלן דעם שטויס, האָב איך געקאָנט אויסדרייען מיינע בגדים. כאָטש דער גאַנצער וועג איז געווען פון הויף אין געשעפט אַריין, האָבן זיך ביי מיר די קני געבראָכן, און די מאַסע איז מיר נאָכגעגאַנגען, נישט צו באַפרייען זיך פון איר. אַפילו אַז איך פלעג שוין גיין אויף דעם אייגענעם שטיקל וועג מיט אַ כלי, וואָס איך האָב פעסט געהאַלטן אין דער האַנט און בין געווען זיכער מיט איר, איז דאָך די סכנה פון מיר נישט אָפּגעטראָטן. פונקט ווי די זיילן פון דער וועלט וואָלטן זיך פאַר מיר איינגעבראָכן, און עס קאָן אַ ליאַדע מינוט עפּעס געשען.

די קונים דאָ זענען פאַר מיר אויך געווען אָפּשרעקנדיקע. ס׳רוב פלעגן אַריינקומען יעגער מיט די ביקסן אויף דער פּלייצע, מיט געשאָסענע האָזן אָדער פייגל אין די געשטריקטע טאָרבעס. די הינט, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט, זענען אין איין מינוט געווען אין אַלע ווינקלען און האָבן יעדן איינעם באַשמעקט. אויף מיר פלעגט די הויט ציטערן, צי זיי וועלן נישט עפּעס ביי מיר דערשנאַפּן. די יעגער פלעגן זיך דאָ באַשטעלן אַלט־פּוילישע קאָנפעדעראַטקעס מיט די פעדערן אין דער זייט. עס פלעגן קו־מען אַלטע כראַביעס (פּריצים), וואָס די קאַרעטעס זייערע זענען געבליבן שטיין פאַרן געשעפט, און די גאַנצע גאַס איז געווען אייף מיט זייער אָנקום. נאָר צומערסטן פלעגן דאָ באַשטעלן זייערע היטלען מיט געלע אָדער רויטע לאַמפּאַסן די הויכע רוסישע מיליטערלייט.

אַז עס פלעגט זיך באַווייזן ווער פון די קונים, איז דאָס גאַנצע גע־שעפט מיטן וואַרשטאַט געשטאַנען גרייט צו דינסט.

דער מייסטער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס שוואַרץ־טוכענע היטל און איז געבליבן שטיין אין בלויזן קאָפּ, וואָס איך פלעג דאָס זען איז דער היים נאָר בעת אַ דאָקטער פלעגט קומען. ער איז דאַן געפאָרן, דער מייס־טער, מיט די גרויסע אויגנגלעזער אין אַלע זייטן, ווי מיט באַטאַרייע־לעמפּלעך, ווען מען וויל מיט זיי עפּעס אויפלייכטן.

די צוויי טעכטער זיינע, וואָס זענען געווען די פאַרקויפערינס, זע־נען געשטאַנען אין די שוואַרץ־עלעפאַגענע פאַרטעכלעך, גרייטע — אפשר וועט מען דאַרפן אַריינוואַרפן אַ וואָרט אָדער אַ שמייכל דעם הייכגע־שעצטן קונה. אין וואַרשטאַט האָבן ביי די געזעלן די הענט געציטערט ביים אויספּאַרטיקן אָדער ביים אָפּפּרעסן די אַרבעט, בעת דער קונה האָט געוואָרט אויף איר. מען האָט געוואָרפן אַלץ, וואָס איז געלעגן אונטער דער האַנט און ס׳האָט אויסגעדאַכט, אַז עס קאָן שטערן. איין געזעל פלעגט פּרעסן, אַ צווייטער — פּוצן. און צווישן די אַלע בין איך געשטאַנען גרייט, טאָמער וועט מיר ווער־עס־איז געבן אַ ווונק מיט אַן אויג, און איך וועל דאַרפן לויפן, שפּרינגען, קלעטערן אויפן לייטערל מיט דער גע־שיקטקייט פון אַ קאַץ.

דער רעספּעקט פאַר די קונים איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען פלעגט זיי צוטראָגן דאָס פאַרלאַנגטע, איז מען צוריק אָפּגעטראָטן אויף

אַ פּאָר טריט. מען האָט נישט געוואַגט אַרויפצוזעצן דאָס היטל אויף דעם חשובן קאָפּ, הגם עס האָט זיך ממש געבעטן צו פאַריכטן עס, אַראָפּרוקן עס מער אויפן שטערן אָדער פאַרקערט — אַרויפרוקן, כדי עס זאָל שטימען מיט דער מאָס.

אַלע אין געשעפט, אויך דער עלטסטער געזעל, וואָס האָט די אַרבעט אויסגעפירט, זענען געשטאַנען אַרום און נאָר מיט די אויגן און מיט די הענט פונדערווייטנס געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף דאָס היטל אַראָפּ אָדער אַרויפרוקן. און אַז דער קונה, נאָכן פאַרדרייען פאַרן גרויסן שפּיגל די פּריצישע וואָנצעס, פּונקט ווי ביי זיך אין דער היים, האָט באַוויליקט טאָקע אַרויפצוזעצן דאָס היטל אויפן ריכטיקן אָרט, האָט זיך ביי אַלע פון מויל אַרויסגעריסן: „אָט אַזוי, אָט אַזוי, געערטער הער״, אַ שטייגער ווי עס וואָלט געווען די גרעסטע קונץ אויף דער וועלט.

יעדער פון די קונים האָט שוין געהאַט זיין באַזונדערן צונאָמען אין געשעפט. דעם אַלטן, עמעריטירטן גענעראַל האָט מען גערופן: „וואָט, וואָט, וואָט!״ דערפאַר, ווייל אויב מען האָט אים צוגעטראָפן מיטן שטאָף אָדער מיט דער אַרבעט, פלעגט ער לאַנג ציען: „וואָט, וואָט, וואָט!״ איינער ווידער, אַ פּריץ, האָט געהאַט אַ געוווינהייט יעדע פּאָר מינוט אַ צוק טאָן מיטן לינקן אויג, — מען האָט אים גערופן: דאָס פאַרדרייטע פּנים. אַ דריטער, אַ יונגער אָפיצער, פלעגט אונטערטאַנצן ביים גאַנג, האָט מען אים גערופן: „דאָס טענצערל״.

די קונים האָבן דאָ אָפט אַרויסגעוויזן זייערע קאַפּריזן. זיי פלעגן ווען אַריינקומען אין וואַרשטאַט, וווהין עס האָט געפירט צום געשעפט, און האָבן דאָ צוגעוואַרט אויף דער אַרבעט. זיצט אַמאָל אַ יונג אָפיצערל, די אַרבעט ברענט אונטער די הענט, די נאָדלען — פליען, און דאָ קאָן מען נישט שרייען איינער צום אַנדערן, מען האַלט זיך אַפילו אָפּ פון רעדן. און דאָס אָפיצערל שטייט דערווייל און ווישט זיך אָפּ די לאַקירטע שטיוועלעך, פּאַכעט מיט אַ רייט־שטעקעלע און קוקט זיך צו צו דער אַרבעט. זיינע קליינע וואָנסעלעך הייבן זיך אונטער, שמייכלענדיק איבער דעם אימפּעטיקן געיעג. פּלוצלינג גייט ער צו און גיט אַ דריי אַראָפּ דאָס ליכט. מיר זענען אַלע געבליבן זיצן, ווי אַ שוואַרצע שאַרף וואָלט אַלץ איבערגעשניטן. מיר זיצן, מען האָט מורא דאָס ליכט צוריק אַרויפצודרייען

— און דאָס אָפּיצערל לאַכט אין דער פינצטער און שרייט: „סקאָריי, שנעלער! ווי לאַנג וועט מען דאָ וואַרטן ביי אייך?״

אָדער אַ פּריץ — פאַלט אים אַמאָל איין, נעמט ער אָן די עלטערע טאַכטער, דעם מייסטערס, ביי דער געמבע און דריקט זי אַזוי, אַז דאָס בלוט קומט איר אין פּנים, און ער לאָזט אַלץ נישט אָפּ. און דער מייסטער, און מיר אַלע אַרום, מוזן שטיין און שמייכלען איבער דעם שפּאַס, וואָס דער ווילגעבוירענער מאַכט זיך.

ווען די אַרבעט איז שוין פאַרטיק און פאַרפאַקט, שטיי איך גרייט זי אָפּצוטראָגן. און וואָס האָב איך זיך נישט אָנגעזען און ווו בין איך נישט אויסגעווען מיט אָט די היטלען, וואָס זענען געלעגן אין די שאַכטלען מיט די עטיקעטן פון דער פירמע „דוד גאָלדשפּיץ״!

***

ס׳רוב פלעגט מיר אויסקומען אָפּצוטראָגן די פאַרטיקע היטלען אין שמאָלע געסעלעך הינטער אַ צערקווע.

וואַכן האָבן זיך דאָ געדרייט פון אַלע זייטן. אַ וואַך — ביי אַ צעך־הויז מיט גראָבע, פאַריגלטע טירן, ווו דער צוגאַנג איז געווען באַוואַקסן מיט שיטער גראָז פון ווייניק טרעטן דאָ; אַנדערע זענען געשטאַנען ביי וואַך־בודקעלעך אָדער זעלנעריש געשפּרייזט ביי גרענעץ־סלופּעס, גע־פאַרבטע מיט רויט־ווייסע פּאַסן. ביי יעדער וואַך איז געהאָנגען אַ גרוי־סער גוואַלד־גלאָק. אַזוי האָט מען זיך געדרייט הין און צוריק מיט די ביקסן אויף די אַקסלען. און איך האָב דאָ געטראַכט, ווי די ערד וואָלט גע־ווען באַלייגט מיט דינאַמיט און וואָלט יעדע מינוט געקאָנט אויפרייסן.

אויסער אָפּיצערן האָבן דאָ אויך געוווינט רוסישע באַאַמטע פון דער פּאַלאַטע, פון דער פּאָסט. זיי האָבן געטראָגן שוואַרץ־סאַמעטענע לאַמ־פּאַסן אַרום די היטלען. און אַפילו די פּריוואַטע פּערזאָנען זענען געווען גאָר אַנדערע ווי די קריסטן פון אונדזערע געסלעך. זיי האָבן דאָ געטראָגן בערד מיט לאַנגע האָר, אונטערגעגאָלט אויפן קאַרק, רובאַשקעס, אַריבער־געוואָרפן איבער די הויזן; און איך בין דאָ אַריינגעפאַלן ווי אין אַן אַנדע־רער מדינה. אין די דאָזיקע געסלעך האָט פאַר מיר אויפגעלויכטן „ראַ־

סייע" (רוסלאַנד), יענץ „ראַסייע", ווו דער קייסער זיצט און שיקט אַהער זיינע גובערנאַטאָרן און שררות. און ביי מיר אין קאָפּ פלעגט זיך אויס־מאָלן, אַז „ראַסייע" — דאָס זענען לויטער קאַזאַרמעס: מיט זעלנער, מיט אָפיצערן, מיט גענעראַלן, אַזוי ביז צום קייסער.

אַז איך פלעג אָנקומען מיטן באַשטעלטן היטל אויף דעם באַשטימטן אַדרעס, פלעגט מיר שטענדיק אַרויס עפּענען אַן אָרדינאַנס, און אַ הונט, גרויס ווי אַ קאַלב, האָט זיך געריסן צו דער טיר. דער זעלנער פלעגט זען מיין מורא, האָט ער מיך געפירט מיט איין האַנט און דעם הונט — ביי דער צוים — מיט דער צווייטער, און די גאַנצע צייט האָט ער מיך באַ־רואיקט. „ניע באָיסיאַ! — האָב קיין מורא נישט, יינגל!"

אין צימער פלעג איך אַריין, ווו די וועגט זענען געווען באַהאָנגען מיט שווערדן, רעוואָלווערן, ביקסן, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָ שיסט מען זיך כסדר. און דאָך האָט זיך געטראָגן אַזאַ מילדקייט אי־בער די צימערן. שטענדיק האָט מען דאָ געהערט שפּילן אויף קלאַוויר און זינגען אַזעלכע פאַרבענקטע מעלאָדיעס, וואָס פלעגן אין מיר אויפגיין, בעת איך פלעג בלייבן אַליין, און דאָס האַרץ האָט זיי עפּעס פון זיך אַליין אויסגעברומט.

די אָפיצערן זענען אין דער היים געווען שטאַרק צוגעלאָזענע און האָבן יעדעס מאָל ביים אָננעמען דאָס היטל פאַרן שפּיגל אויף מיך גע־פרעגט: „נו־קאָ, מאַלטשיק, כאַראָשאָ?"

— טאַק טאָטשנאָ, — פלעג איך ענטפערן, ווי אַ סאָלדאַט, און שטיין מיט די הענט גלייך. און ביים אַוועקגיין האָב איך געקראָגן דערפאַר „נאַ טשײַ".

איינמאָל האָט מיט מיר עפּעס פּאַסירט אין די דאָזיקע געסלעך, וואָס האָט מיך אינגאַנצן צעשרויפט.

איך האָב אָפּגעטראָגן אַן אַרבעט פאַר אַן אַלטן גענעראַל און האָב צוגעוואַרט אין אַ געררים, ליכטיק צימער מיט צוויי ווענעציאַנער פענצ־טער.

איך שטיי און קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקן — אויף דער זון, וואָס האָט זיך דאָ צעטריפט אין די זיידענע גאַרדינען, ווי צעלאָזן גאָלד, וואָס אָט־אָט הייבט עס אָן פליסן. נישט ווייט פון פענצטער שטייט אַ שאַפקע

מיט קרישטאל־זאכן, און יעדער קאַרב אין דעם דאָזיקן גלאָזוואַרג צע־פינקלט, צעבלאַנקט זיך. און עס מיניעט און שעמערירט פון דער שטוב צום הימל אַרויף, און דער הימל שיקט צוריק זילבער־בלענדיקע שפּיז־לען. איך שטיי דאָס ערשטע מאָל פאַרטרונקען אין אַזאַ נעץ פון ליכטי־קייט, קאָן די אויגן נישט אָפּרייסן און זע גאָרנישט, וואָס אַרום מיר טוט זיך.

פלוצלינג גיט צו מיר אַ לויף צו דעם גענעראַלס אַ טאָכטער, אַ סטודענטין מיט אַ בלייך, לענגלעך פּנים און דעליקאַטע ווייסע הענט. זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער שוועל און מיך געזען. איצט כאַפּט זי מיך אַרום: „וואָס פאַראַ קלוגע אויגן דו האָסט! דו קוקסט דאָך אַזוי דורכדרינגלעך מיט זיי, ווי אַ הונט". און זי נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און וויל מיך אַריינציען אין אַ צווייט צימער, אַריינשרייענדיק פאַרויס: „גאָספּאָדאַ, זעט נאָר דעם יעווריייטשיק! ער טרינקט דאָך דאָס ליכט מיט די אויגן, פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פּאָעט".

מיר איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים. איך האָב מיך צוריקגע־האַלטן, זיך נישט געלאָזט אַריינציען אין צווייטן צימער. דאָס מיידל, האַלטנדיק מיך ביי דער האַנט, האָט אַריינגעשריגן ווערטער, וואָס נישט אַלע האָב איך פאַרשטאַנען. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער גע־נעראַל מיט אַ פּאָר יונגע אָפיצערן. איך האָב די אויגן געהאַלטן אַראָפּגע־לאָזט, נישט געקאָנט זיי קוקן גלייך אין פּנים.

דאָס מיידל האָט פּאָר אַלעמען אין די אויגן מיך געגלעט מיט אירע ווייכע הענט, מיר דעם קאָפּ קאָפּויער געהויבן, און זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן אויף אַ שפּראַך, וואָס איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. מיר האָט אויסגעדאַכט, אַז זיי קלינגען עפּעס אויס מיט זייערע רייד, ווי מיט אַן אינסטרומענט.

ביים אַוועקגיין האָט דעם גענעראַלס טאָכטער געכאַפּט אויף זיך דאָס סטודענטישע היטעלע און מיך באַגלייט איבערן גאַנצן געסל. זי האָט מיך גע־האַלטן געאָרעמט און האָט די גאַנצע צייט אין מיר אַריינגערעדט: „קום צו אונדז! איך וועל דיך לערנען, וועסט שטודירן. האָסט עלטערן? וועל איך גיין צו זיי".

איך האָב מורא געקראָגן, מען זאָל זיך אין דער היים נישט דערוויסן

וועגן דעם, און האָב איר געענטפערט, אַז איך האָב נישט קיין עלטערן. זי האָט מיר ביים עק פון געסעלע געגעבן אַ פינף רובלדיקן גאָלד־שטיקל און האָט צו מיר געזאָגט:

— נו, ווען קומסטו? קום מאָרגן — וועל איך דיר געבן די ערשטע לעקציע. יאָ?

איך האָב — אַ צעמישטער פון אַלץ — צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בין אַוועק. איך בין צומאָרגנס נישט געגאַנגען. ווי האָט מיר דען געקאָנט איינפאַלן דאָס צו טאָן, אַז ביז צען אינאָוונט בין איך געלעגן אין וואַר־שטאַט און האָב געדאַרפט נאָך דער אַרבעט ערשט צוקערן און אַלץ גלייכ־שטעלן.

אָבער די זאַך איז פאַר מיר גלאַטיק נישט פאַרביי. אין דער לופט האָט עפּעס אָנגעהויבן פאַר מיר ווייען מיט אַ צוזאָג, אַז איך וועל אַריין אין אַן אַנדער לעבן; נישט פון קיין וואַרשטאַט און נישט פון דער חושכ־דיקער היים.

די אַלע בילדער, וועלכע האָבן זיך ביי מיר געוועבט אין דער שטיל, האָבן עפּעס באַקומען אַ באַדייט — אַ פּאָעט. און אַז איך האָב קורץ נאָך דעם געפּאַקט אַ בלעטל פון אַ רוסישן זשורנאַל, אין וועלכן מען האָט מיר עפּעס געהאַט איינגעפּאַקט, און עס איז דאָרט געווען אַ בילד, אונטערגע־שריבן דער פּאָעט לערמאָנטאָוו, — האָב איך מיך מיט דעם בלעטל נישט געשיידט. גאַנצע שעהן האָב איך זיך איינגעקוקט דערין, עס פלעגט מיר אַ ציטער אַדורך ביים געדאַנק, אַז איך האָב טאָקע אפשר אַ שייכות מיט אַזעלכע מענטשן און אַז איך וועל אַמאָל אַריין אין אַזאַ וועלט. דער מיידלס גלעטן פלעגן דאַן לעבעדיק ווערן אויף מיין פּנים, ווי דורך אַ כישוף אַרויסגערופן, און אירע רייד האָבן זאַפטיק זיך געטראָגן פאַר מיין געהער: „דאָס וועט זיין אַ גרויסער פּאָעט".

דאָס גאָלד־שטיקל, פּונקט ווי דעם גאַנצן סוד, האָב איך געהאַלטן אין דער שטיל ווי אַ קמיע און האָב קיינעם דערפון נישט דערציילט. דאָס פלעגט מיך וואַרעמען, צוגעבן מער גלויבן. אַפילו פאַר מיינע חברים אין געסל, וואָס איך פלעג זיי אָנדערציילן פון די אַלע גרויסע לייט, וואָס קו־מען אין „אונדזער" געשעפט אַריין, און זיי ווייזן יעדעס טרינק־געלט,

וואָס איך פלעג באַקומען, האָב איך דעם פאַל פאַרשוויגן, הגם עס האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט דערציילן.

אַמאָל, אַז איך בין געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָב איך גע־טראָפן די מאַמע שטיין פאַרן בעט פון מיין יונג שוועסטערל. זי האָט זיך געבראָכן די הענט: „וואָס טוט מען, מענטשן? דאָס קינד פאַלט מיר אַוועק און כ׳האָב נישט אויף קיין דאָקטער".

איך בין שנעל אַרויס און גלייך צוריק אַריין: „מאַמע, כ׳האָב געפונ־נען" און האָב געעפנט די האַנט מיט דעם גאָלדענעם רענדל.

די מאַמע האָט דעריין געזען אַ גרויסן נס. זי פלעגט דאָס יאָרנלאַנג דערציילן און פאַרענדיקן, אַז דאָס קינד איז איר טאַקע גלייך געזונט גע־וואָרן.

**
*

גאָר אַנדערע פּאַסירונגען פלעגן מיט מיר פּאַרקומען, ווען איך בין געגאַנגען אָפּטראָגן אַרבעט פאַר די פּוילישע פּריצים.

ס׳רוב זענען דאָס געווען צוגערייזטע כראַביעס, וואָס זענען איינ־געשטאַנען אין „האָטעל פּאָלסקי".

שוין דער אַריינגאַנג אין האָטעל האָט מיך געמאַכט פילן, ווי איך וואָלט ערגעץ פאַרשלונגען געוואָרן. די ברוינע, יוסטע, פּיר־שטאָקיקע גע־ביידע איז געווען באַצירט מיט גרויסע קעפּ, וואָס האָבן געהאַט אָפענע מיילער און האָבן אַראָפּגעקוקט צום אַריינגייער — נאָר אים איינגעשלונ־גען. און אינעווייניק, אין די קוים־באַלויכטענע לאַנגע קאָרידאָרן, מיט די שטילע טריט, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין די ווייכע טעפּיכער, האָט זיך ערשט אויסגעדאַכט, נאָך דער רוישיקייט פון דער גאַס, ווי מען וואָלט אַריין אין עפּעס אַ גרויסן, וואַרעם־אַנגענעמען, ווייכן אינגעווייד.

פון ביידע זייטן קאָרידאָרן האָבן זיך געצויגן ווייסע טירן מיט נו־מערן, ווו אין דער סאַמע הויך זענען געווען איינגעשטעלט נישט־דורכ־זיכטיקע שויבן.

אַרום די דאָזיקע טירן האָבן זיך געוועקט מיינע ערשטע טונקעלע באַגערן. אַלץ איז דאָ געווען פאַר מיר פאַרהילט אין אַ געהיימנישפול־

קייט. פלעג איך זען אין די אויבערשטע שויבן, אַז עס לייכט זיך אין צי־מער, האָבן אין מיר אויפגעשיינט געפילן פון העלער לוסט. אויב עס איז טונקל געווען און עס האָבן זיך געהערט רייד פון צימער, האָט עס מיך מיט אַ פאַרבאָרגענעם זודיקן רייץ אַרומגענומען. יעדער מענטש, וואָס איך האָב געטראָפן אַריין אָדער אַרויסגיין פון די נומערן, האָט עפּעס אַ סוד מיטגעטראָגן מיט זיך. דאַכט זיך: איך האָב דאָך ערשט געזען פאַר־פעלקער, יונגע פּאָרלעך, זיי האָבן שפּאַצירט איינייִנעם, געפירט זיך גע־אַרעמט — און גאָרנישט: ס'איז מיר אַפילו נישט אויפפאַלנד געווען. דאָ, אַז איך האָב געזען אַריינגיין אַ מאַן, אַ פרוי, ווער שמועסט — אַ פּאָר, איז עס מיר אויסגעקומען גאָרנישט פשוט, עפּעס פאַרהילט אין טונקל־קייט. און די אַלע פּנימער, וואָס איך פלעג דאָ זען, זענען אויפגעשווומען פאַר מיר, ווען איך פלעג ליגן אויפן געלעגער, און האָבן זיך פאַרשפינט אין די פאַנטאַסטישסטע מעשיות.

ווי אויף להכעיס, האָט מען אין די צימערן פון די פּריצים, צו וועל־כע איך פלעג ברענגען די אַרבעט, נישט געלאָזט אַריינגיין. די פּעקלעך פלעג איך דאַרפן איבערגעבן דעם האָטעל־דינער, און ער, שטייענדיק אַ פּאָר מינוט הינטער דער טיר און צוהערנדיק זיך, צי מען „קאָן", האָט אָנגעקלאַפּט און איז אַריין. איך פלעג בלייבן וואַרטן אין קאָרידאָר ביי דער טיר. און די פּריצים האָבן שוין מיט דעם האָטעל־דינער אַרויסגע־שיקט דאָס געלט לויט דעם רעכענונג פון דער פירמע און אַפילו פאַר מיר מיטגעשיקט אַ פּאָר קאָפּיקעס טרינק־געלט.

אָבער דאָס טרינק־געלט איז מיר נישט ניחא געווען. איך פלעג עס האַלטן אין האַנט, ווי אַן אומריינע זאַך. דאָס אַוועקשטעלן מיך אויף דער צווייטער זייט טיר, האָט אַרויסגערופן ביי מיר באַליידיקונג. אַלץ אין מיר האָט זיך געוועדט און געשריגן, אַז איך בין נישט קיין זאַך צום „אַוועקשטעלן". אויב עס האָט אַמאָל געטראָפן אַ פאַל, אַז די אַרבעט האָט נישט געפּאַסט אָדער איז נישט געפעלן געוואָרן, און מען האָט מיך אַריינ־גערופן, איז עס פאַר מיר געווען נאָך באַליידיקנדיקער.

איך האָב דאַן געמוזט בלייבן שטיין ביי דער טיר, און די פּריצים וואָס פלעגן ליגן אויף די פּליושענע אַטאָמאַנען אָדער זיך דרייען מיט די צעפלאָשעטע וואָנצעס איבער די צימערן, האָבן געשריגן צו מיר, נישט

אומקוקנדיק זיך אינגאַנצן אין מיין זייט: „נעם צוריק, די אַרבעט טויג גישט״!

אַ סך מאָל פלעגן זיי זיין איבערגעזויפּן, די פּריצים, און זיי האָבן מיר די אַרבעט צוגעוואָרפן: „וואָן, אַרויס דערמיט!״ איך בין אין אַזאַ פאַל אַוועק, ווי איך וואָלט אַ פייל מיטגעטראָגן אין מיין לייב. אַמאָל, אַז דער האָטעל־דינער איז אַריין אין אַ באַשטימטן נומער מיט אַן אַרבעט, וועלכע איך האָב געבראַכט, האָב איך געהערט פון יענער זייט טיר גע־זאַנגען און געשרייען.

באַלד איז אַרויס אַ הער אין אַ שוואַרצן פראַק מיט בלאַנקנדיק־ווייסע מאַנזשעטן און האָט מיך אַריינגעפירט אין צימער.

די ערשטע מינוט האָב איך געמיינט, אַז דאָ איז עפּעס געשען אַ טעות.

איבער דער גאַנצער לענג פון דעם ווייסן צימער איז געווען אויפ־געשטעלט אַ לאַנגער טיש, סערווירט מיט געבעקסן, מיט געטראַנקען, פרוכטן. אַרום טיש זענען געזעסן מענער און פרויען — אַ מאַן צוואַנציק. ס׳רוב פרויען זענען געזעסן אויף די שויסן פון די מענער, אַנדערע האָבן פאַרלייגט די קעפּלעך אויף זייערע אַקסלען. אַלע האָבן זיי געליאַרעמט, געזונגען. איבערן צימער האָט זיך געטראָגן אַ צעוואָרפנקייט פון רייד, פון געשרייען, פונקט ווי עס זענען געשטאַנען צעוואָרפן אויפן טיש די קעלישקעס וויין.

אַז איך בין אַריין מיטן הער, האָט ער מיך צוגעפירט צום טיש און האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די געסט: „דאָס איז אונדזער פריינד, — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר, — דער כראַביע וויעלקאָפּאָלסקי. נו, גיי צו, קוש די דאַמען!״ — האָט ער מיך אונטערגעטריבן.

די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט אָנגעהויבן לאַכן צו מיר מיט צעשמאָלצע־נע פּנימער און זיך פאַר מיר כלומרשט פאַרנייגט.

איך בין געבליבן שטיין, און פון מיינע אויגן האָט אָנגעהויבן אַרויס־שיסן אַ צעשפּיזטער צאָרן. דער צאָרן האָט אייניקע, איבערהויפּט פון די דאַמען, אַזוי געטראָפן, אַז זיי האָבן אָפּגעקערט די בליקן פון מיר.

אָבער דאָ איז איינער פון די הערן, מיט קליינינקע וואָנצעלעך, צו־

צוויי גאָסן

געגאַנגען מיט אַ בעכער ווייַן און האָט צו מיר גענומען רעדן אויף „יידיש":

— נו, טרינק! לח—לחיים!

ביים טיש אַרום האָבן זיך אַלע געוואָרפן פאַר געלעכטער. די דאַמען האָבן צו אים געפּאַטשט מיט די הענט.

אַז איך האָב אים געלאָזט שטיין מיטן בעכער אין דער האַנט, האָט ער אים גענומען צופירן צו מיין מויל און געוואָלט מיר אים מיט כוח אַריינגיסן. נאָר איך האָב אים אַזאַ פּאַטש דערלאַנגט, אַז דער בעכער ווייַן איז אים אַרויס פון דער האַנט און זיך צעשפּריצט איבער אַ האַלבן זאַל.

דאָס געלעכטער איז מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן פון אַלעמענס פּנימער. מען האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, כדי איך זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן.

אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב געזען זייערע פאַרבייזטע פּנימער, איז מיר אַ סך לייכטער געוואָרן. איך האָב זיך געפילט גלייך מיט זיי, און דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט. עס זענען צו מיר צו עטלעכע און האָבן מיך מיט גוואַלד אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול. זיי האָבן מיך געהאַלטן ביי די הענט, ביי די פיס, איך זאָל מיך נישט קאָנען ווערן, און עס האָט זיך איבער מיר אָנגעהויבן אַ משפט.

איך בין געשטאַנען ווי אַ קאַץ, וואָס ווערט אַרומגערינגלט פון אַ סטאַדע הינט, און האָב זיך געריסן מיטן מויל צו די הענט, וואָס האָבן מיך ווי צוואַנגען צוגעהאַלטן.

קיינער איז שוין ביים טיש נישט געזעסן. זיי האָבן זיך רעדלעכווייז געהאַלטן איבערן זאַל. זיי זענען צוריק אַריין אין אַזאַ פריצישער שטייפ־קייט, און צו מיינע אויערן האָבן זיך געטראָגן ווערטער: „האַנאָר, האַנאָר".

מיטאַמאָל האָבן מיך אַלע אַרומגערינגלט, און איינער פון זיי, אַ דיקלעכער, מיט טונקעלע, געדיכטע וואָנצעס, ווי אויסגעגאָסענע פון אייזן, האָט זיך צו מיר געווענדט:

— קליינער זשידעק, דו האָסט באַליידיקט אונדזער געזעלשאַפט. אַלס שטראָף דערפאַר שיס איך דעם קעלישעק פון דיין קאָפּ אַראָפּ. דו מוזט שטיין גלייך. אַ ליאַדע בייג — און עס וועט דיך קאָסטן דיין לעבן.

דאָס אָפּזאָגנדיק, האָבן זיי זיך אויפסניי אָנגעהויבן באַראַטן.

איך בין געשטאַנען און האָב שוין די צוויי, וועלכע האָבן מיך גע־האַלטן, קיין שום ווידערשטאַנד נישט געשטעלט. איך בין געווען דער־שעפּט פון מיין פריערדיקן ראַנגלען זיך. דער מוח איז ביי מיר געווען פאַרגאַסן. איך האָב אויפגעהערט צו באַנעמען, וואָס אַרום מיר גייט דאָ פאָר. דאָס האָט מיינע שומרים אַביסל באַרואיקט, און זיי האָבן מיך גע־פּרוווט, צי איך ווער זיך נאָך. שפּעטער האָבן זיי מיך אינגאַנצן געלאָזט אַליין און זיינען אַלע אַוועק אויף דער „באַראַטונג". איך האָב מיך געמאַכט כלומרשט נישט־וויסנדיק: כ'שטיי אויפן שטול און וואַרט אויפן אורטייל. די פּריצים האָבן זיך איצט געפונען ביי דער גרויסער שויבן־טיר, וואָס האָט געפירט צום באַלקאָן, און איך האָב נאָר געהערט די ווער־טער: „רעגולאַמין, רעגולאַמין".

איך האָב איין בליק געוואָרפן מיט אַן אויג, האָב צונויפגענומען אַלע מיינע כוחות און בין אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר, ווי אַ נאָכגע־שאָסענער.

אָט בין איך אין קאָרידאָר. איך גיב אים אַ „שלינג" איין אין איין סעקונדע, גיב אַ פאַל אויף די טיר און בין שוין אויף דער גאַס. איך קאָן מיך שוין גאָרנישט האַמעווען. איך לויף, לויף. דאָס האַרץ פּאָכעט אין מיר, ווי אַ בלאָזאַק. איך טראָג זיך, ווי אויף אַ רייסנדיק וואַסער.

צוריק אין געשעפט אַריין וויל איך איצט נישט גיין. אַהיים גיין קאָן איך אויך נישט. ס'איז אַ שיינער זומער־טאָג. זון־נעצן ליגן אויסגע־שפּרייט איבער די גאַסן. איך לאָז זיך אין שטאָט־גאָרטן אַריין. ס'איז אין די נאָכמיטאָג־שעהן, — נישטאָ איצט קיין שפּאַצירער. ס'רוב זיצן שילער פון די גימנאַזיעס, פון די האַנדלס־שולן, קוקן אַריין אין די העפטן, אין ביכלעך, אָדער שפּילן זיך צווישן די ביימער.

ביי מיר, קוקנדיק אויף זיי, הייבן אָן רינען טרערן. איך וויין, ווייך, זיך נישט צו באַהערשן, און לעש מיט דעם די באַליידיקונג, וואָס האָט ווי אַ העליש פייער געברענט אין מיין האַרץ.

***

אין אָן אָנהייב־ווינטער איז מיר אַמאָל אויסגעקומען אָפּצוטראָגן פּוטער־היטלען אין אַ גלחים־סעמינאַר.

צווײ גאַסן

די יונגע גלחים פון סעמינאַר האָב איך אָפט געזען שפּאַצירן צו אַן אַלט קלויסטערל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ וואַלד.

דער וועג אַהין האָט זיך געצויגן אַן ערך צווײ קילאָמעטער. פון דער שוואַרצער, גלאַטער ערד האָבן זיך אויפגעהויבן הויכע קאַשטאַן־ביימער און מיט זייערע רונדיק־פאַרוואָרפענע קעפּ געשאַפן איבערן וועג אַ גרינעם סכך. אין וואַלד איז דאָס קלויסטערל געשטאַנען אויף אַ באַרג, איינגעטונקען אין ביימער.

אַז איך פלעג מיט נאָך יינגלעך שבת גיין שפּאַצירן אין וואַלד אַריין און זען די גלחים, צו צווײ אין דער רײ, ווי זײ ציִען זיך אין די לאַנגע סוטאַנעס, ווי אַ שוואַרצע סטענגע, האָבן מיר זײ מיט אַ באַהאַלטענער מורא נאָכגעקוקט. מיר פלעגן אַן אַ זײט זײ נאָכגיין. די פרעמדקייט, וואָס האָט פון זײ געיאָגט, האָט אונדז געצויגן, ווי שטאָל צו מאַגנעט.

אין וואַלד האָט ביי זייער אָנקום דאָס קלויסטערל אָנגעהויבן קלינגען. זײ האָבן געקלעטערט אויפן באַרג, און די שוואַרצע שנור האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעוויקלט, — זײ זענען פאַרשוווּנדן.

מיר, די יינגלעך, זענען אויפן באַרג געבליבן אָפּגעשניטן פון זײ, מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן, הגם ס'האָט זיך אונדז שטאַרק געוואָלט אַריינגיין אין דעם קלינגענדיקן קלויסטערל מיט די קאָלירטע שויבן.

אַז איך האָב דערהאַלטן דעם שטויס היטלען צו גיין מיט אים אין סעמינאַר, בין איך אַזש געשפּרונגען פאַר נייגער כאָטש איין מאָל צו זען, וואָס זײ טוען דאָרט.

ער איז געשטאַנען, דער סעמינאַר, שמאָל און לאַנג און מיט אַ שפּיץ פאַריסן אין הימל אַריין, אַז מיר פלעגט שווינדלען פאַרן אויג ביים אַרויפקוקן צו אים.

אַ פּאָר טריט איידער איך בין צוגעקומען צו דער שוועל, האָב איך שוין אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל. דער אַנטבלויזטער קאָפּ האָט אויסגעוויזן מיך דאָ צו באַשיצן, ווי איך זאָל אַרויפציִען אויף זיך אַ פּאַנצער.

איך בין אַריין, און אַ קילע פרעמדקייט האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב דעם קוויט פון דער פירמע, וואָס איז געווען געשריבן צום עלטסטן גלח, געטראָגן פאָרויס אין דער האַנט. דאָס האָט געדאַרפט זיין

די צווייטע שוך. אָבער איך האָב קיינעם נישט אָנגעטראָפן. טרעפּ, גע־דרייטע, האָבן זיך ווי אַ פּראָפּנציער געצויגן אין דער מיט פון אַ ריזיק־הויכן קאָרידאָר. איך גיי, גיי, הייב זיך אַלץ העכער און העכער.

נאָר אָט הער איך אויף די טרעפּ טריט, וואָס גייען מיר אַנטקעגן, און זייער קלאַנג פּילט מיך אָן מיט אַ נייער ציטערניש. פאַר מיר בלייבט שטיין — צו מיין גרויס וווּנדער — אַ ליליפּוטל, אפשר אַ האַלבער מע־טער די גרויס. איך האָב אים שוין געקענט פון דער גאַס, דאָס ליליפּוטל, מיט דעם קליינעם שטעקעלע און גראַנאַטאָוון מאַטשעיוווקעלע, וואָס מיר, יינגלעך, האָבן אים מורא געהאַט צו טשעפּען, ווייל ער האַלט זיך אויף ביי די גלחים. וואָלט איך אים נישט געווען געקענט פון פריער, וואָלט איך אויסגעגעבליבן פאַר שרעק, ווען עס האָט זיך פאַר מיר געגעבן אַ וויקל אויס פון די געדרייטע טרעפּ דאָס קליינע מענטשעלע מיטן געררונצלטן, פּיטשינקן פּנים. מיט אַ קרייענדיקער שטים, ווי פון אַ הענדל, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן: „וואָס טוסטו דאָ?"...

איך האָב אים דערלאַנגט דעם בלאַנק פון דער פירמע, און ער האָט מיך אָנגעהויבן פירן מיט זיינע דריבנע טריטעלעך, ביז מיר זענען גע־בליבן שטיין פאַר אַ טיר פון איינפאַך האָלץ. דאָ האָט ער מיר געהייסן וואַרטן, און ער אַליין האָט זיך געגעבן אַ וויש אַריין, ווי אַ שאָטן. נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויף דעם נייעם אָרט, זענען די אייגענע יונגע גלחים, וואָס איך פלעג זען גיין אין וואַלד אַריין, דורך פאַרביי מיר מיט ליימענע קריגלעך וואַסער אין די הענט. זיי זענען געגאַנגען איינצל־ווייז, יעדער מיט אַזאַ קריגעלע, און האָבן געזונגען פּסוקים פון תהילים.

דאָס ליליפּוטל איז אַרויס פון דער טיר און איז מיט מיר געבליבן שטיין. ער האָט צו מיר געזאָגט: „באַלד קומט צו דיר אַרויס דער הייליקער פאָטער, זאָלסט אים געבן אַ קוש אין דער האַנט!!!"

מיטאַמאָל ווענדט ער זיך צו מיר, דאָס ליליפּוטל, אויפהייבנדיק דאָס שטערנדל מיט צוויי גרויע אייגעלעך: „זשידקו, אפשר ווילסטו זיך שמדן? וועסטו זיך דאָ אויפהאַלטן אינײנעם מיט מיר, און ס'וועט דיר דאָ גוט זיין. מען האָט שוין דאָ אָפּגעשמדט אַזאַ זשידעק, ווי דו, און פון אים איז אַרויסגעוואַקסן דער קסיאָנדז פּאַוועל".

איך האָב אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ שערטל, וועגן וועלכן איך

האָב מיך אָנגעהערט, אַז עס לייגט זיך אין מיטן וועג און וויל פֿאַרפּירן דעם מענטש. אַ שוידער איז מיר אַדורך פֿאַר אָט דעם קליינעם באַשעפֿענישל. כ׳האָב אים מורא געהאַט אָפּצוזאָגן און האָב אים גאָרנישט געענטפֿערט. ער איז שנעל אַריין אין דער טיר, און גלייך איז מיט אים אַרויס אַ גלח, אַן עלטערער מאַן, אַ הויכער, מיט אַ גלאַטן קאָפּ. ער איז געבליבן פֿאַר מיר שטיין און האָט מיר צוגעטראָגן צום מויל די האַנט, פֿון וועלכער ס׳זענען אַראָפּגעהאָנגען שוואַרצע קרעלן מיט אַ צלמל. איך בין געבליבן שטאַרק צעמישט, האָב מיך דערמאָנט אין דעם פֿריערדיקן אָנזאָג מיר פֿון ליליפּוטל און אים דערלאַנגט אַ קוש אין האַנט. ער האָט מיר געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ און האָט צו מיר געזאָגט: „אַזוי, אַזוי, ליב קינד, וועסט זיין אונטער מיין אָפּיעקע! וועסט דאָ לערנען דעם נייעם טעסטאַמענט: דו בלייבסט שוין דאָ“. דאָס ליליפּוטל האָט זיך די גאַנצע צייט געדרייט אַרום מיר און צו מיר געקוואָלן מיט די קליינע אייגעלעך. ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט דאָס הענטל, מיך ערגעץ צו פֿירן. נאָר דאָ האָב איך געגעבן אַ געשריי, וואָס איז געגאַנגען העכער פֿאַרן שפּיץ טורעם: „כ׳וויל נישט!“ און האָב מיך געלאָזט צו די טרעפּ. כ׳האָב זיך געדרייט, געדרייט און אַרויסגעדרייט.

אַז איך האָב דערזען די ליכטיקע שיין, האָב איך זיך גלייך באַרויִקט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט די סחורה, און פֿונדעסטוועגן בין איך דרייסט געגאַנגען אין געשעפֿט אַריין.

איך האָב דערציילט דעם מייסטער, און ער האָט אויף מיר קיין פֿאַריבל נישט געהאַט, אַדרבא, ער האָט געזאָגט צו איינער פֿון די טעכטער: „מינדל, גיי נאָר אַרויף אין סעמינאַר וועגן די סחורה! זיי האָבן דאָך דאָס יינגל געוואָלט אָפּשמדן“.

***

אַ גאָר אויסטערלישער איז געווען דער הויף אַרום דעם וואַרשטאַט. עס פֿלעגט מיר דאָ אויסקומען אויסצולופּטערן פּוטער־היטלען, און איך האָב זיך דאָ געפֿילט, ווי אין אַ באַלאַגערטער פֿעסטונג, וואָס קאָן אַ ליאַדע

מינוט צעשאָסן ווערן. וואָרום דאָס דאָזיקע אָפּגעשלאָסענע הויפל האָט זיך געפונען אין שכנות מיט אַן אַפּטייק־סקלאַד, און עס זענען דאָ געווען צעשטעלט בוטלען מיט וויטריאָל, בענזין, כלערליי אויפרייס־ און ברען־מאַטעריאַלן. אויף די ווענט זענען געווען אויפשריפטן, וואָס האָבן שטרענג פאַרבאָטן צו רויכערן און צו באַנוצן זיך מיט פייער.

און ביי מיר, אזוי ווי איך פלעג נאָר בלייבן שטיין אַליין און קלאָפּן אין די שטויביקע פוטער־פעלן, וואָס האָבן מיר געגעסן די אויגן און גע־קרעלט אין האַלדז, האָבן זיך אָפּגערופן אַזויפיל פאַרדרוסן. עפּעס בייזע געדאַנקען פלעגן מיך אונטערהעצן: אָ, איין שוועבעלע און — אַן עק! פאַר די אויגן פלעגן זיך מיר צינדן פייער־לאַוועס, וואָס פאַרפלייצן און פרעסן מיט זייערע רויטע צינגער די וועלט. איך האָב זיך, פאַרשטענדלעך, מיט די דאָזיקע געדאַנקען געראַנגלט און פלעג פאַרבייגיין פאַר אַזאַ פלאַש בענזין פונדערווייטנס, מיט פאַרזיכט, ווי איך אַליין וואָלט דאָס פייער זיין, וואָס קאָן, חלילה, פאַראורזאַכן אַן אומגליק.

דאָס הויפל איז נישט געווען פאַר קיין איינוווינער. בלויז די פליי־צעס פון דריי ריזיקע הייזער האָבן עס אַרומגענומען, און אַ הויכער גע־מויערטער פלויט — אין גאַס אַריין. די אַלע שטומע ווענט זענען געווען אַרומגעפלאָכטן מיט ווילדע וויינטרויב־צווייגן. טשאַטעס פייגל האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן און צעשמיסן די לופט מיט זייער צוויטשעריי. פייגל זאָלן אַזוי פריידיק אַרומשפּילן, ווי דאָ אויף די צווייטן, איבערהויפּט פאַר־נאַכט, בעת די זון האָט זיך געזעגנט — דאָס האָב איך ביז דאַן נישט גע־הערט.

אָבער נאָך שענער איז געווען אויפן הויפל אום ווינטער. בעת אויף דער גאַס האָט מען געטאָפּטשעט אין בלאָטע, צעטראָטן די שנייען אין אַ שוואַרצן פלעטש, איז דאָ דער שניי געלעגן אויסגעבעט און אומבאַרירט, ווי אַ ווייס־אויסגעפּרעסט ליילעך. אָבער שוין נישט קיין פייגל, — קראָען האָבן איצט גדלותדיק אַרומגעהיפּט, ווי זיי וואָלטן מיט יעדן שפּרונג און קראַקע זיך באַרימט: איצט געהערט די וועלט צו אונדז!

אַהער פלעג איך סיי ווינטער, סיי זומער אַנטלויפן, ווען אַ צאָרן האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט ביי דער אַרבעט, אָדער איך פלעג גלאַט באַ־ליידיקט ווערן. דאָס פלעגט אָפט טרעפן, בעת איך האָב עפּעס קאַליע גע־

מאַכט אָדער פאַרזענקט אַ שטאָף מיט אַ צו גליענדיק פרעס־אייזן. עס זע־נען דעמאָלט אויפגעבונדן געוואָרן פאַר מיר די שרעקלעכסטע פּיינען. דער עלטסטער אַרבעטער פון וואַרשטאַט, אַ הויכער, אַ בלאַסער, אָן אַ בלוט־טראָפּן אין פּנים, — פלעגט מיך מיט דעם קאַליע־געמאַכטן שטאָף שמייסן איבערן פּנים: „דו, פאַרשיווייעץ דו!" אָבער דאָס איז געווען גאָרנישט קעגן דעם, וואָס מיר איז פאַרגעשטאַנען ביים מייסטער גוטערהייט. בלויז ווען איך פלעג אָנקוקן זיינע בייזע אויגן מיט די טאַרבעלעך, וואָס האָבן אונ־טער זיי אַראָפּגעהאַנגען, איז מיר שוין דאָס האַרץ שיעור אַרויס. ער פלעגט מיך דאַן אַריינרופן אין געשעפט אַריין און האָט געשריגן מיט זיין גרויס צעעפנט מויל, פונוואַנען עס האָבן זיך אַרויסגעזען געלע, ריזיקע ציין: „פּעטש לאָז איך דיר אַראָפּ! וואָס פאַראַ שמד־שטיק האָסטו אין זין? שוין אַ יאָר אין דער לער וואָס ווערט אַרויסוואַקסן פון דיר?" אַזוי האָט זיך אין אים וואָס אַמאָל מער צעשפּילט דער כעס, און עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז עס פלעגט זיך באַווייזן אַ קונה אָדער איינע פון די טעכ־טער, וואָס פלעגן מיך אויסלייזן פון זיינע הענט: „לאָז אים שוין אָפּ, ער וועט שוין אַכטונג געבן! גיי, גיי". און זי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגענומען פון אים. איך האָב זיך געפילט, ווי מען ווערט באַפרייט פון אַ צערייצטן הונט, ווען דער באַלעבאָס זיינער קומט אָן און רופט אים אַוועק.

אין אַזאַ טאָג האָב איך נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצו־גנבענען אויפן הויפל. דאָ פלעג איך מיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל, מען זאָל מיך נאָר נישט אַרויסזען. די אָפּגעזונדערטע שטילקייט פלעגט לעשן מיינע פאַרדרוסן. איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך, צו מיין אייגענער אויסגעחלומטער וועלט. און די אַלע געשרייען און באַליידיקונגען, וואָס זענען אַריין אין מיר, זענען — ווי אַ שפּליטער, וואָס נעמט זיך אין פלייש אַריין — אַרויס, נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן געשווילן.

איך פלעג שטענדיק האַלטן אין די טאַשן ברויט־ברעקלעך און האָב זיי פון ווינקל געשאָטן צו די פייגל. די פייגל האָבן מיך שוין געקענט און פלעגן נאָענט אַרומטאַנצן אַרום מיר, צוויטשערן אין מיין אויער אַריין און ממש ביי מיר פון דער האַנט אַראָפּעסן. אַזוי פלעג איך מיך מיט זיי פאַרשפּילן, צונויפמישן זיך מיט דער וועלט פון די זינגענדיקע און שפּרינ־

געגדיקע באַשפּענישלעך. ווען איך בין צוריק אַריין אין וואַרשטאַט, האָט מיר דאָס פּנים געשיינט, דער בליק איז געווען אַ לויטערער, קיין פּיצל פּאַרדרוס איז נישט געווען מער. און נישט איין מאָל, אַז מען פלעגט מיך זען אַזוי, האָט מען מיך אַפילו איבערגעבעטן: „אַ יינגל מוז אַכטונג געבן, מוז זען, וואָס ער טוט, עס קאָסט דאָך געלט”. איך האָב שוין אין דער שטיל אַלץ מוחל געווען און בין גרייט געווען זיי אַפילו איבערצובעטן.

אָבער נישט שטענדיק פלעג איך אַהער אַנטלויפן צוליב פּאַרדרוס בלויז. אָפט איז עס גאָר געווען צוליב אַנדערע טעמים. עס פלעגט מיר אויסקומען ווען־נישט־איז צו גיין אין שליחותן מיט בריוועלעך, וואָס האָבן געבריט אין דער האַנט. צומערסטן פלעגט מיך שיקן מיט זיי דעם מייסטערס יינגערע טאָכטער חווה־מינדל. זי האָט געשמט פאַר אַ שיין מיידל. און באמת: אַ צעבליטער קאָפּ בלאָנדע האָר, ווי אַ צייטיק קאָרנפעלד. און בלויע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט, ווי קאָרן־בלימלעך פון דער תבואה אַרויס. זי פלעגט צו מיר צוגיין זייער נאָענט און מיך גלעטן איבער דער פּלייצע: „שלמה, ביסט דאָך אַ וווּיל יינגל, גיב אַ גיי מיט דעם בריוועלע. וועסט צוגיין אין גאָרטן אַריין צום וואַסער, דאָרט דרייט זיך טעפּער, דער, וואָס מיט דער שוואַרצער שלייף, וועסט אים דאָס געבן! גיי, גיי, איך וועל דיך שוין פאַרענטפערן פאַרן טאַטן!”

— און וואָס זאָל איך אים זאָגן?

זי האָט זיך צעלאַכט:

— דו דאַרפסט אים גאָרנישט זאָגן! גיב אים בלויז דאָס בריוועלע.

איבערן וועג האָט מיך טאַקע פאַרדראָסן, הלמאי איך האָב אים גאָרנישט וואָס צו זאָגן. ווי זיי היטן זיך דאָס אויס! איך קוק אויף דעם ווייסן קאָנווערטל: פאַרקלעפּט, פאַרזיגלט, איך ווייס גאָרנישט, און דאָך וואַרעמט עס מיר דאָס בלוט. צוקומענדיק צום וואַסער, האָב איך מיך אַרומגעקוקט מיט האַרץ־קלאַפּונג, צי טעפּער איז דאָ, ווי איך וואָלט דאָ געווען מיטבאַטייליקט. ער איז טאַקע געשטאַנען אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט. איך האָב מיך די גאַנצע צייט איינגעקוקט אין אים, בעת ער האָט געלייענט דאָס בריוועלע און אָנגעשריבן אַ צווייטס. איך האָב געוואָלט עפּעס מיט דער נאָז דערשנאַפּן. אָבער פון זיין לאַנג, טרוקן פּנים האָב איך גאָרנישט געקאָנט אַרויסדרינגען. ווידער האָט ער אַרומגענעצט דאָס קאָנ־

ווערטל, פאַרקלעפּט — און גיי, גיב עס ווייטער אַוועק פאַרמאַכטערהייט! און דאָס בריוועלע צו איר, צו חווה־מינדלען, האָט נאָך מער רייץ פאַר מיר געהאַט. איך פלעג עס נעמען קעגנאיבער דער זון, קוקן, זוכן, און מער ווי אַ צוגעלייגט פּאַפּירל האָב איך נישט געקאָנט זען.

אַז איך האָב עס איר אָפּגעשטעקט אין דער האַנט אַריין, קיינער זאָל נישט זען, פלעגט זי צו מיר אַ שמייכל געבן. איך פלעג צוריקשמייכלען. דאָס האָט מיך געלאָזט פילן, אַז איך שפּיל דאָ מיט אַ ראָליע. איך טראָג מיט געמיינזאַם דעם סוד. און אַז איך פלעג זי זען פון דעם לאַנגן שפּיגל אַרויס אין דער גרין־זיידענער בלוזע, מיטן צעשפּראָצטן, בלאָנדן קאָפּ, ווי אין דער מעשה פון דער פּרינצעסין אין אַ גלעזערנער שאַנק, פלעג איך, זייענדיק אויפן הויף צווישן די פייגל, לאָזן שפּינען געדאַנקען: וואָס קאָן זי שרייבן צו אים, און ער — צו איר?

**
*

אין איינער אַ ליבעס־פאַרבינדונג בין איך געשטאַנען אין דער מיט. איך האָב פאַרקויפט, אויפגעבונדן, מאַנעווורירט. דאָס איז געווען אַ ליבע, וואָס אַלע האָבן געוווסט פון איר. עס איז שוין געווען אויפגעבראָכן איר סוד. דאָ האָט מען זיך מיט גאָרנישט באַהאַלטן, און ביים ברענגען אַ בריוועלע, האָט מען געווינט אין מיינע אויגן, אָדער צעריסן עס און אַוועקגעוואָרפן. וועגן דער דאָזיקער ליבע האָט מען דעמאָלט גערעדט צווישן גאַנצן יונגוואַרג פון שטאָט. ווען מען האָט געזען פאַרבייגיין איי־נעם פון דעם פּאָרל, האָט מען זיך אויסגעדרייט, נאָכגעקוקט זיי.

ער איז געווען מיין מייסטערס אַן אייניקל, אַ זון פון אַ קירזשנער, וואָס דער פאָטער האָט אים געלאָזן בילדן. געוווען איז ער דער גראָ־טענסטער אין דער היים און דער שענסטער. זיין פּנים — בלוט און מילך; אַ שלאַנקער, אַ בלאָנדער, מיט צוויי גלייכע פיס, ווי די שטאַנגען פון ביימער, וואָס טראָגן אויף זיך צעבליטע קעפּ. געגאַנגען איז ער אָנגעטאָן אין אַ העלן גימנאַזיע־מונדיר מיט גלימערדיקע קנעפּ, מיט צייכנס פון דער שול אויפן היטל, פּונקט ווי די אָפיצערישע און גענעראַלסקע זינד־לעך. ווער פון די יינגלעך, וואָס זענען דעמאָלט אָנגעקומען אין דער לערע

אַריין צו אַ מלאכה, האָט נישט געקוקט מיט קנאה אויף פישל זילבער־בערג, וואָס דאַרף אין דער צוקונפט ווערן אַ דאָקטער אָדער אַן אַדוואָקאַט? און אַז מען פלעגט אים זען אין שפּאַציר־גאָרטן צווישן די גרופּעס רייכע גימנאַזיסטן, האָט מען עפּעס שטילערהייט געהאַט אַ סאַטיספאַקציע. אונדזער איינער קאָן אויך, ווען ער האָט נאָר מעגלעכקייטן. און מען האָט זיך נאָכגעפרעגט, געוואָלט וויסן, צי ער לערנט זיך טאַקע גוט, צי ער גייט אַריבער יעדעס יאָר — ווי די זאַך וואָלט עפּעס נוגע געווען אַלעמען.

מיט זיין אַריינקומען אין דער וועלט פון שילערנס, האָט ער אַרומגעהודזשעט פון איינער צו דער אַנדערער, ווי די פייגל, וואָס שפּרינגען פאַר ווילטאָג פון צווייגל צו צווייגל, געגאַנגען אין די אָוונטן נאָך די לעקציעס מיט גאַנצע כאַליאַסטרעס גימנאַזיסטקעס, און אָפט — מיט דער אָדער מיט אַן אַנדערער — אין אַ זייטיקער אַלייע פון גאָרטן.

זי אָבער, דעם רייכן נאָוואַקס טאָכטער, וואָס זייער טאַרטאַק שרייט און וואָיעט איבער דער גאַנצער געגנט ביים שניידן די ריזיקע קלעצער, ווי טויזנטער חיות וואָלטן זיך צערעוועט ביים פאַרצוקן — זי וויל, אַז ער זאָל נאָר זי ליבן.

זיצט זי, דאָס מיידל, אין דער היים, אין איר ווייסן מיידלשן צימער און וואַרט אויף אים. צווישן די מיידלעך, וואָס קומען אַריין צום מייסטערס טעכטער, שמועסט מען, אַז זי איז שוין דאָס צווייטע יאָר אין איין קלאַס, האָט נישט אינגאַנצן קיין קאָפּ צו לערנען צוליב דעם „דריאַן", וואָס האָט איר דאָס האַרץ פאַרוווּנדעט און „סראַטשקעוועט" אַרום מיט טויזנט אַנדערע.

פישל זילבערבערג פלעגט מיך אָפט שיקן מיט בריוועלעך צו איר. אָבער דאָס זענען געווען גאָר אַנדערע געגנט. איך פלעג זיך אָנכאַפּן אָן זיי, ווי אָן עפּעס פלאַטערדיקס, וואָס שוועבט פאַרביי, און מען וואָלט געוואָלט דערמיט מיטפליען.

געוווינט האָט די פאַמיליע נאָוואַק הינטער דער שטאָט. די רויכערדיקע קוימענס און די ריטשערייען פון די זעג־מאַשינען האָבן פונדערווייטנס שוין אָנגעזאָגט, אַז מען דערנענטערט זיך צו דעם גרויסן גביר פון דער שטאָט. דערביי האָבן די לאָקאָמאָטיוון, וואָס זענען דירעקט פאַר־

פאַרן אין טאַרטאַק אַריין און צעפּירט פון דאַנען דאָס געהילץ איבערן לאַנד און קיין אויסלאַנד, געזעצט מיט אַ שרייענדיקער פאַרע, אַז זיי האָבן געמאַכט אויפציטערן די געגנט. איבערן גאַנצן וועג האָט מען געזען ווי בידנע שקאַפעס האָבן געשלעפּט לאַנגע ווייס־ארומגעטעסעטעביימער, ווי דאָרפישע בר־מיננס, וואָס מען פירט אויף פורלעך צו קבורה.

אַז איך פלעג נאָר אָנקומען מיטן בריוועלע אויפן גרויסן אַרומגעצוימטן פלאַץ, וואָס איז באַשטעלט געווען מיט שטויסן געהילץ, און האָב מיך אָנגעהויבן דורכשלענגלען צום ווייסן פריצישן הויז פון די נאָוואַקס, איז די טאָכטער גלייך אַרויסגעקומען. זי האָט מיך באַגעגנט מיט איר צעשמייכלט פּנים און מיך אַריינגעפירט אין איר באַזונדער מיידלש צימער. זי האָט פאַרשלאָסן די טיר, און איך בין געבליבן אין דער ווייסער מילדקייט, וואָס האָט געהויכט פון די ווענט, פון די גאַרדינען, פון איר אַליין. זי האָט פאַר מיר אָוועקגעשטעלט אַ קלאָש מיט זיסקייטן און האָט זיך גענומען צום בריוועלע, פיבערדיק אַרויסציענדיק עס פון קאָנווערטל.

איך האָב די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר בעתן לייענען, מיטגעפיבערט מיט אירע נאָז־פליגעלעך, וואָס האָבן גלייך ווי אַ שמעטערלינג, וואָס ווערט געכאַפּט אין קלעם אַריין, — אָנגעהויבן פלאַטערן איידער זי פלעגט זיך צעוויינען. און איך האָב מיט האַרץ־ווייטיק געטראַכט: וואָס וויל ער פון איר? פאַרוואָס פאַרשאַפט ער איר ווייטיקן?

ווי זי איז אַזוי געשטאַנען אַ שטילע, מיט די צוויי בלאָנדע קעקסלעך אויף די אויערן, אין דעם ברוינעם גימנאַזיע־קליידל, אַרום האַלדז אַ ווייסע קרויז, און האָט געשלונגען די טרערן — בין איך געווען גרייט איינענעם מיט איר זיך צעוויינען. זי הייבט דאָך ערשט אָן וואַקסן אַ פרוי, און איך האָב אויף איר מיטלייד געהאַט, ווי אויף אַן אומבאַפעדערט פייגעלע.

ווי נאָר זי האָט איבערגעלייענט דאָס בריוועלע, איז זי צו צו מיר און מיך אַרומגענומען מיט דער האַנט: „זאָג מיר, זעסט אים גיין מיט אַנדערע? איך קום ווייניק אין שטאָט אַריין“.

איך האָב לכתחילה זיך געוואָלט אַרויסדרייען, און האָב איר געענטפערט: „כ׳ווייס נישט, כ׳זע אים נישט“. אָבער זי האָט מיך גענומען גלעטן איבערן קאָפּ מיט איר האַנט, ווי מיט אַ ווייכן פוך, און זיך גע־

בעטן: „זאָג, כ׳וועל פאַר קיינעם נישט דערציילן״. אירע לאַסקעס האָבן זי.מיר אַזוי ליב געמאַכט, אַז מיך האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן פאַר־דריסן אויף דעם חברהמאַן, וואָס נאַרט זי אָפּ. עפּעס אַ נעפּלדיקער גע־דאַנק האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז עס דאַרף בכלל עפּעס צעשטערט ווערן צווישן זיי ביידן. און איך בין אַרויס מיט רייד, ווי מיט שאַרפע חלפים: „יאָ, אַלע נאַכט זע איך אים אויף דער קאָלעיאַוועך גאַס מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע מיידלעך, איך טרעף אים אויך הינטערן שפּיטאָל — דאָרט גייט ער שוין מיט איינער אַליין״.

זי פלעגט דעמאָלט אויפשטיין, צערייסן דאָס בריוועלע אויף פּיץ־פּיצלעך און זאָגן מיט אַ ציטערדיקן טאָן: „זאָלסט אים זאָגן, אַז ער זאָל מיר מער נישט שרייבן! איך וויל נישט זיינע בריוועלעך״.

איך האָב זיך געכאַפּט צו דער טיר, נאָר זי האָט מיך פאַרהאַלטן: „וואָס איילסטו זיך? זיץ נאָך״.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר און ווייטער זיך אָנגעהויבן אויס־פרעגן וועגן אים, נאָר איך האָב זיך שוין דאַן אויפגעשטעלט און בין אַוועק.

דאָס אויסגעפּוצטע גימנאַזיסטל האָט שוין געוואַרט אויף מיר אין געשעפט. איך האָב געמיינט, אַז איך טראָג דאָ פאַר אים אַ שאָס, וואָס ער וועט פון אים אַוועקפאַלן. „זי וויל נישט מער קיין בריוועלעך. איר זאָלט מער נישט שיקן, — האָט זי באַפוילן״. אָבער ער, אַנשטאָט אַוועק־צופאַלן, האָט זיך גאָר צעשמייכלט: „זי וועט שוין ווייכער ווערן״.

קורץ דערנאָך האָט ער מיך טאַקע ווייטער געשיקט מיט אַ בריוועלע.

איך בין געגאַנגען איבערן וועג און האָב מיר אויסגעמאָלט, ווי זי וועט דאָס אַ צערייס געבן דאָס בריוועלע, איידער זי וועט דאָס נאָך אי־בערלייענען, ווי זי וועט שוין מער נישט פרעגן וועגן אים. זי וועט פאַר מיר אַוועקשטעלן זיסקייטן, אַרויפלייגן די האַנט מיטן ברוינעם אַרבל אויף מיין פּלייצע, און דאָס וועט מיך גלעטן. און אפשר וועט זי עפּעס פרעגן וועגן מיר?

אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש. זי האָט דאָסמאָל דורכ־געלייענט דאָס בריוועלע שמייכלענדיק און ביים סוף זיך ווייטער אַוועק־געזעצט נעבן מיר און אויפסניי זיך גענומען אויספרעגן וועגן אים.

איך האָב שוין דאָסמאָל גאָרנישט געענטפערט. איך האָב איצט דער־

פילט, אַז איך בין נאַר אַ שליח און מער גאָרנישט, אַז מיט מיר באַדינט מען זיך נאָר, און איך האָב אויף גאָרנישט געוואָלט ענטפערן.

***

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג פלעג איך שוין בלייבן אין אונדזער געסל. דער טאָג איז געווען מײַנער.

אינדערפרי, ביים דאַווענען אין אונדזער בית המדרשל, און דעם גאַנצן פרייען נאָכמיטיק, פלעג איך מיך צוריק צונויפטרעפן מיט מײַנע חברים, פון וועלכע איך בין אַ גאַנצע וואָך געווען אָפּגעריסן. איך האָב זיי אויס־דערציילט אַלץ, וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט און וואָס איך האָב מיך אָנ־געזען אין פאַרלויף פון דער וואָך. ס'איז עפּעס געשען מיט מיר, פּונקט ווי מיט די בינען, וואָס הודזשען אַרום אויף די בלימלעך און קומען דער־נאָך אין בינשטאָק אַריין אויסלייגן דעם האָניק. פאַר די, מיט וועלכע איך האָב זיך איינגעפ געהאָדעוועט און געוואַקסן, האָט זיך אַזוי גוט אַרויסגעגעבן דאָס גאַנצע גייע, וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעקליבן אין די פרינציפּאַלע פרעמדע גאַסן.

פּונקט ווי שטענדיק פלעגן מיר זיך ווײַטער צונויפקומען שבת נאָכן עסן ביי אהרן קוילנהענדלער אין שטוב. דאָס איז געווען אַ פּראָסטער ייד, וואָס האָט אַרומגעפירט האָלץ־קוילן צו פּרעס־אייזנס. געקומען איז ער אַהער פון אַ וואַלד. אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז צום גאַרטל, מיט אַ קוטשמע אויפן קאָפּ, אַ שטענ־דיק פאַריסטער, האָט ער עפּעס אויסגעזען ווי איינער, וואָס לאָזט זיך איבער דער וועלט אָפּריכטן גלות. דער דאָזיקער ייד — הגם ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט די גאַנצע וואָך מיט פערד־און־וועגעלע און שבת זיך גע־וואָלט אויסרוען — האָט אונדז פונגדעסטוועגן נישט געשטערט. און נאָכן עסן, בעת אין אַלע יידישע שטיבער האָט מען זיך געלייגט שלאָפן און אַרויסגעטריבן די קינדער, איז מען זיך ביי אים צונויפגעקומען. דער ייד מיט דעם פאַרוואַקסענעם שוואַרצן פּנים, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג אויס־געבענקט אין דעם פאַרוואָרפענעם העק נאָך אַ יידיש קינד, האָט אונדז

גישט געשטערט, ווען מיר פלעגן מאַכן די גרעסטע געוואַלדן ביי אונדזע־רע שפּילערייען.

געוווינט האָט ער אין אַ שטיבל מיט אַ פּאָדער־הייזל, און די ייִנגלעך, אַ מאַן צען, וואָס האָבן געלערנט אין איין חדר, זענען געקומען צו זיין זונדל משה־הערש־סמאָלע, ווי מען האָט אים גערופן, מחמת ער איז גע־ווען שוואַרץ טאַקע ווי פּעך.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין פּאָדער־הייזל אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע, פאַרמאַכט דאָס טירל. דורך די שפּאַרונעס האָט זיך די זון אַריינגעוועבט אין זיילעכלעך זילבער־שטויב. מיר זענען געזעסן און זיך דערציילט מעשיות.

נאָך די ערשטע נישט לאַנג פאַרציילטע מעשיות וועגן וואַלד־גזלנים, וואָס שטייען אויף די וועגן און טשאַטעווען אויף מענטשן; נאָך דער מעשה פון דער פּרינצעסין, וואָס איז דורך זיי פאַרכאַפּט געוואָרן און איז דער־נאָך געוואָרן די אָנפירערין פון דער רויבער־באַנדע, — האָב איך זיי איצט דערציילט אמתע זאַכן פון געגנערעלער, פון כראַביעס.

אָרעמע קינדער, וואָס אַ סך פון זיי זענען געגאַנגען אין דער לערע אַריין צו סטאָליאַרעס אין דעם אייגענעם געסל און האָבן נאָך רעכט די וועלט נישט געזען, האָבן אויסגעשטעלט מויל און אויערן, הערנדיק ווי איך בין אַלץ געווען און וואָס איך האָב מיך אַלץ אָנגעזען. איך, ביים אויס־דערציילן זיי דאָס אַלץ, האָב זיך געפילט לייכטער, גלייך איך וואָלט די אַלע פאַסירונגען פון מיר צוריק אַרויסגעצויגן; איצט בין איך צוריק מיט מיין לייב, צוריק מיט אייגענע. איך פלעג אויך אַלע מיינע פאַרדרוסן, וואָס איך האָב מיט זיך אַהיימגענומען, פאַר זיי אויסדערציילן. און זיי האָבן מיך געטרייסט: „האָסט זיי ווו די יידן האָבן גערוט". און דאָס האָט מיך באַרואיקט. כ'האָב עפּעס וועמען, וואָס עס פאַרדריסט אים פאַר מיר, איך בין צוריק אין מיין גאַס.

אַנטוישונג

יונגערהייט פלעג איך טרעטן אויפן פעכיקן אַספאַלט אין שטאָט און פילן, אַז דאָ איז אַן עוולה געשען דער ערד. מען האָט פאַרשטאָפּט איר טראַכט, צוגענומען ביי איר די פרוכטבאַרקייט. אַנשטאָט דאָס מוטער־לייב פון דער ערד זאָל זיך צעבליען מיט פרוכט, מיט בלומען, מיט גרינס, האָט מען עס פאַרהאַקט מיט שטיינער. און איצט ליגט זי אַ טויטע, אַ צעטרעטענע — די ערד. אויף יעדן גרעזל וואָס פלעגט זיך דורכשלאָגן צווישן די שטיינער, האָב איך געקוקט ווי אויף אַ ציטערדיק קינד, וואָס איז מיט ניסים אויף דער וועלט געקומען.

איינעם אַ זומער איז מיר געלונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט און צו באַזעצן זיך ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. דאָ האָב איך זיך שוין גע־באָדן אין גרינס, אין געוויקסן, ממש פאַרטרונקען צו ווערן.

אַרום האָט זיך געצויגן אַ וואַלד מיט הונדערט־יעריקע ביימער. דער־ציילט האָט מען מען וועגן דעם וואַלד, אַז דער עלטער־זיידע פון דעם היינ־טיקן פריץ, דאַמבראָווסקי האָט ער געהייסן, האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, מען זאָל דעם וואַלד קיינמאָל נישט אויסהאַקן, ווי לאַנג עס וועט זיך ציען די קייט דורות פון די דאַמבראָווסקיס. דאָס האָט ע ר אים פאַרפלאַנצט, און ער וויל ער זאָל שטיין ווי אַן אייביקער אָנדענק, אַט דאָ וווּ ער האָט פאַרבראַכט דאָס רוב פון זיין לעבן אין שאָטן פון זיינע ביימער.

שטייט ער אַזוי, דער וואַלד, קילאָמעטערס ווייט מיט זיינע ריזיקע דעמבעס, — יעדער צווייג, אַ בוים, אַרויסגעוואַקסן פונעם בייכיקן שטאַם, וואָס צוויי מענטשן קאָנען קוים אים אַרומנעמען. איין בוים פאַרפלאָנטערט איז צווייטן, אַרומגעפלאָכטן מיט צווייגן, און צונויפגעוואָקסן אין איין ריזיקע ביימער־משפחה.

גייט מען אַריין אין דעם וואַלד, ווערט מען אַרומגענומען פון אַ קילן שאַרפן אָטעם, אויסגעשטאָנען, ווי אַלטער וויין אין אַ קעלער, און ריחות

פון שוואָמען, פון מאָך, שפּאַרן צו דיר, אַז דאָס האַרץ נעמט זיך אָן הייבן.

אָבער וואָס האָט דעם אַלטן פּריץ געקאָנט באַוועגן צו פאַרפּלאַנצן אַ וואַלד דווקא אין אַזאַ שטייניק געביט?

צופוסנס פון די ביימער זענען אָנגעוואַקסן ברילעס שטיינער, ווי קאַסטנס פון קברים. איז וווּנדערלעך צו זען ווי די ביימער מיט די סקאַלעס האָבן זיך דאָ באַין ברירה צוזאַמענגעלעבט. אויב ס׳איז ענג געוואָרן אַ בוים צו צעשפּאַרן זיינע וואָרצלען, מחמת אַ שטיין איז אים געלעגן ביי דער זייט, האָט ער מיט דעם טייל וואָרצלען אַריבערגעשפּרייזט איבערן שטיין, ווי מיט פינגער פון אַ פּוס, און אַריינגעשטעקט אויפסניי אים אין דער ערד. האַלדזן זיי זיך אַזוי, די ביימער מיט די שטיינער, אויף די סקאַלעס איז אָנגעוואַקסן אַ מאָך, אַ גרינער מאָך, אויך עפּעס ווי בכיוון, אָנצוטאָן זיך אָן דער מראה פונעם וואַלד. אַזאַ פרידן, אַזאַ הונדערט־יעריקער פרידן האָט זיך דאָ אויסגעאַרבעט.

איך פלעג לויפן אינעם וואַלד און זיך זאַט אָנקוקן נישט געקענט. אין די דאָזיקע וואָרצלען, אַריבערגעשטרעקטע איבער די שטיינער, האָב איך געזען אַזויפיל קלוגשאַפט פון דער יצירה, אַזאַ דראַנג צום לעבן, אַזאַ מין פאַרשטענדיקן זיך — אַבי לעבן, אַבי ציען זאַפטן פון דער ערד, אַבי שלום, זאָל׳ זיין מיט אַ שטיין.

נעבן וואַלד איז געשטאַנען אַ הילצערן הייזל, אַ ווייס אָנגעקאַלעכטס. עס האָט געהערט צו אַ יידישן מילנער מיט זיין אַלטער פרוי. ביי זיי האָב איך זיך איינקוואַרטירט. אַהער, אין מיין קליינעם צימערל, זענען מיר נאָכגעגאַנגען די אַלע שיינקייטן, אַרום מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעזאַפּט. זיי האָבן מיך אויפגעריסן, מיך נישט געלאָזט רוען. איך בין די ערשטע טעג דאָ אַרומגעלאָפן מיט אַ לוסט, ווי אַ קאַטשקע, וואָס קומט צוריק אין טייך און קאָן זיך זאַט נישט אָנטרינקען. איך פלעג לויפן איבער די פרייע פעלדער און טענער האָבן זיך פון מיר אַרויסגעריסן, — איך פלעג זיך צעשרייען סתם אָן אַ פאַרוואָס, עפּעס ווי אַן אייזל, וואָס צעווייענט זיך פלוצלונג.

ערטער וווּהין צו לויפן איז דאָ געווען אַזוי פיל.

נישט ווייט פון דעם וואַלד, איבער אַ בריקל אַריבערגעצויגן, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן איבער אַ שמאָלן טייך, איז געווען אַ בעריאָזע־

וועלדל, אויף אַ העל ליימיקן באָדן. און אַט, צו דעם סומנעם אַלטן וואַלד, מיט די צויטענעס גרינס, ווי די בערד, האָט דאָס בעריאָזע־וועלדל מיט די ווייסע שלאַנקע ביימלעך, אויף דעם ברוינעם באָדן פאַרפלאַנצט, עפּעס ווי אַנטקעגן געטאַנצט מיט אַזאַ פרישקייט, ווי דאָס זאָל זיין אַן אור־אייניקל פון דעם זקן, דעם אַלטן וואַלד.

ביינאַכט האָט זיך דער אונטערשיד נאָך מער אָנגעזען. בעת די לבנה האָט אַרומגעשפּרייזט אויפן פרייען הימל, פלעג דאָס בעריאָזע־וועלדל זיך צעלויכטן, ווי עס וואָלט געווען געגאָסן פון זילבער. יעדער שטאַנג מיט דער ווייסער קאָרע — אַ צעפינקלטע זייל, ווי עפּעס אין אַ פּאַלאַץ פון מלכים. צווישן די שיטערע בלעטלעך פון די ביימער — אַ געשפּין פון שטערנדלעך, מיט לבנה־שיין — דורכזיכטיקע העלע קעפּ. און פלעג זיך די לבנה דערנענטערן צום וועלדל, האָט זי אַלץ אונטערגעצונדן, אַז ס׳האָט גע־נומען אויסדאַכטן, אַ פלאַם, אַ העלער פלאַם וועט אַרויסזעצן פונעם וועלדל.

און אַנטקעגנאיבער — דער אַלטער וואַלד, שרעקיק טונקל, צוזאַמענ־געקלעבט, און אַ מורא האָט פון אים געיאָגט.

אַרום די ביידע וועלדער האָבן זיך געצויגן פעלדער מיט ווייץ, מיט קאָרן, וואָס זענען דאָ אויפגעגאַנגען און זיך דאָ געצייטיקט, פון גרין — ברוין געוואָרן, באַקומען אַ קאָליר פון געבאַקן ברויט.

און אַ מיל איז דאָ געווען, אַ וואַסער־מיל, וואָס האָט געהערט צום באַלעבאָס פון מיין דירה, און האָט אַ גאַנצן טאָג געקלאַפּט מיט די רעדער, נישט געלאָזט איינדרימלען די געגנט.

אַט דאָ בין איך אַרומגעלאָפן. מיין האַרץ איז פול, דער מוח — ברענט, צירט מיר אַלץ אויס וועלטן, וואָס איך זע זיי נאָך נישט ממש, נאָר שפּיגלט זיי מיר אין דער פאַנטאַזיע. עפּעס ליגט פאַר מיר גליק אָנגעגרייט אור־מעטום. מיר נעמט אויסדאַכטן, אַז אַט־אָ דאָרט, אונטער אַ בוים, — וואַרט עפּעס אויף מיר. איך קוק צו — ניין. גאָרנישט. ווייטער־צו מוז עס זיין, אַוודאי הינטער דער מיל. איך לויף צו דער מיל, קום צו — ווייטער ליידיק. נאָר איך פאַל נישט אין מיין גלויבן, איך זע דאָך אַזוי באַ־שיינפּערלעך וועלטן אין מיין פאַנטאַזיע, ווערן דאָך מיינע בענקענישן פאַרוואַנדלט אין געשטאַלטן, פונקט אַזעלכע ווי איך פאַרלאַנג טאַקע. וועל איך זיי קיינמאָל נישט באַזיצן?

און עפּעס בין איך דאָ וואַך געוואָרן פאַר זאַכן, וואָס האָבן פריער ביי מיר געדרימלט, געלעגן אין אומבאַוווסטקייט פאַר מיר.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פלאָנטערן אין מיין מוח פערזן, וואָס אַז איך בין זיי געגאַנגען אויפשרייבן, האָבן זיי עפּעס פאַרלוירן זייער גלאַנץ, די אותיות זענען נישט געווען דאָס, וואָס האָט זיך מיר געצירט אין דמיון. בעת ביי מיר האָבן די פערזן געלויכטן, געגערט זיך פון מיין בלוט, פון מיין מאַרך, זענען זיי אויפן פּאַפּיר געווען בלייך, אויסגעצערט, און אַ שרעק האָט גענאַגט מיין האַרץ, ווער ווייס, צי איך וועל עפּעס קענען אַרויסברענגען. און אַז איך האָב אין אַ צייט אַרום ווידער אַרויסגענומען די אייגענע בלעטלעך, האָבן פלוצלונג די שורות ליכט באַקומען, איך האָב אין זיי אָנגעפילט מיין האַרץ, מיינע געדאַנקען. אַזוי האָבן זיך ביי מיר געלאָשן און געצונדן מיינע ערשטע אָנגעשריבענע שורות דאָ אין דעם אָפּגעזונדערטן ווינקל.

און דאָ זענען ביי מיר אויפגעגאַנגען בענקשאַפטן צו די פרויען, מיט וועלכע איך פלעג זיך באַקענען. נאָענט אין מיין תחום האָב איך קיין פרוי נאָך נישט געהאַט, איך האָב זיך נאָר צונויפגעשטויסן מיט אַ בליק. דאָ איז פאַר מיר אַזוי בולט אַרויסגעטרעטן מיין קענטשאַפט מיט דעם בלייכן מיידל, מיטן לאַנגן פּנים און הויכן שטערן, מיט די גראָע גרויסע אויגן, וואָס האָבן אַזוי געלויכטן אונטער די הויכע ברעמען. און צוויי דיקע שאַטען צעפּ האָט זי געהאַט, וואָס האָבן מיט אַ באַוועג, ווי אַן אומרו דעם זייגער, מיין האַרץ באַוויגן.

זי איז געווען אַן אייניקל פונעם כענטשינער רבין.

קענטשאַפט? איך פלעג זי נאָר זען דורך די שויבן פון זייער לאַנג פענצטער. אָבער זי, דאָס בלייכע מיידל מיט די צעפּ, פלעגט זיך ביים פענצטער שטעלן, דאָס פאַרהענגל אַוועקשאַרן, ווען איך פלעג פאַרבייגיין זייער הויז. איך האָב אַמאָל אויפגעפּאַסט און בין ספּעציעל אַדורך נישט אין דער אייגענער צייט ווי תמיד, איז זי נישט געשטאַנען ביים פענצטער, און דאָס פאַרהענגל איז געווען אַראָפּגעלאָזט. געקומען צו דער באַשטימטער צייט — דאָס פאַרהענגל איז פונאַנדערגערוקט און זי ביים פענצטער. דאָס האָט מיך געמאַכט טראַכטן, אַז זיכער קוקט זי מיך אויס.

בעת איך פלעג פאַרבייגיין, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן אונטער

אַנטוישונג

די הויכע וויעס, איך אָבער האָב זיך אָנגענומען מיט מיין גאַנצן דרייסט און דווקא געקוקט צו איר. געדויערט האָט עס אַ סעקונדע. צוריקגיין נאָכאַמאָל פאַרן פענצטער האָב איך שוין קיין מוט נישט געהאַט, כ'האָב זיך אַלץ געשראָקן אויפצוברעכן אַלץ אָפּן. איך פלעג נאָר אויסקוקן אַ געלעגנהייט זי צו טרעפן. וויפל מאָל איך האָב זי נישט געזאָלט זען אין גאַס, איז זי אַלץ געגאַנגען מיט דער מוטער, וואָס האָט געטראָגן אַ שוואַרצן זייַדענעם שאַל אויפן קאָפּ און געפירט זי ביי דער האַנט.

דער יחוסדיקער רבישער אָפּשטאַם אירער האָט מיר אויסגעזען אַ שטערונג: מען וועט מן־הסתם צום שידוך נישט דערלאָזן. איך פלעג טראַכטן ווי איך שמועס זיך אָפּ מיט איר, קום צו צום פענצטער ווען אַלע שלאָפן שוין, זי שפּרינגט אַרויס, איך כאַפּ זי אין מיינע הענט. מיר אַנטלויפן ווייט, ווייט איבער גרעניצן. און דאָרט אין די פרעמדע לענדער, לעבן מיר אַזוי פריי, פון קיינעם נישט געשטערט. און כסדר גלעט איך אירע לאַנגע צעפּ.

דאָ, אין דעם ווינקל, האָט דאָס אַלץ אַזוי פריש אויפגעלעבט פאַר מיר.

איינמאָל אין אָוונט, ווען איך האָב, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן, זיך אַנידערגעלייגט אויף מיין בעטל און געפּרוווט איינדרימלען, האָבן זיך מיר די אויגן נישט געקלעפּט. פאַר מיין פענצטער איז געשטאַנען אַ ווייַסע נאַכט. די לבנה איז געשווינד־געשווינד געלאָפן איבער אַ העל־פאַרבלויטן הימל און איז אויך פאַרביי מיין פענצטער. זי האָט מיך אַרויסגענאַרט, די לבנה, צוגעזאָגט מיר עפּעס, וואָס איך ווייס אַליין נישט וואָס און מיך פשוט געטריבן: גיי, גיי, נישט קיין נאַכט צום שלאָפן היינט.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און בין אַרויס, ווי עס וואָלט אויף מיר ווער' געוואַרט.

דער אַרום איז געלעגן ווי אונטער אַ גלאָז, אַ קרישטאָלן גלאָז וואָס פינקלט און מיניעט און איז עפּעס פאַרמאַכט, נישט צו וויסן ווי צו עפענען. איך הייב אָן גיין, אַלץ אַרום שלאָפט, די לעדנדלעך — פאַרמאַכט, קיין מענטש זעט מען נישט, איך איינער מיט מיין וואַך האַרץ טראָג זיך אַרום. אַ הונט האָט פון גאָר ווייט געבילט, געהאַווקעט אין דער נאַכט אַריין. מן־הסתם קען ער אויך נישט שלאָפן. אין דער מינוט האָב איך געפילט אַ נאָענטקייט צו אים.

ש. בערלינסקי

איך גיי, גיי, וועמען קען איך דאָ טרעפן? די געגנט ליגט דאָך און שלאָפט. די לבנה הייבט מיר אָן אויסזען סתם אַ שמייכלערקע: גוט, שלעכט, זי שמייכלט.

איך קום אויפן לאַנגן שליאַך און פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך אַ בילד, וואָס איך האָב עס מיר נישט געקענט פאָרשטעלן.

אויפן וועג, וואָס איז באַגאָסן מיט שיין, שפּרייזט איינע אַליין אַ פרוי. זי איז הויך און שלאַנק, אָנגעטאָן אין ווייסן, אויפן קאָפּ אַ קראַנץ, אַ ריזיקער געפלאָכטענער קראַנץ. זי גייט אַזוי גלייך ביים ברעג וועג. זי גייט און איך גיי איר אַנטקעגן. מיר פאַלט נישט איין אַ מינוט צו טראַכטן פונוואַנעט נעמט זיך איצט שפּעט ביינאַכט אַ יונגע פרוי, איינע אַליין. זאָל זי גיין צו מיר? פונוואַנען האָט זי געקאָנט וויסן? אפשר געזען מיך וואַנדערן פאַרביי איר פענצטער, זי איז אויך געלעגן אַ וואַכע אין אַזאַ נאַכט, האָט זי געכאַפּט אויף זיך דאָס קלייד און לאָזט זיך מיר אַנטקעגן. אין איר ווייס קלייד מיטן קראַנץ אויפן קאָפּ האָט עס פון דער ווייטנס אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך, וואָס זי געפינט זיך אין אַזאַ העלע נאַכט דאָ. איך גיי איר אַלץ אַנטקעגן און פיל ווי ס'האַרץ שפּרינגט ביי מיר שיער נישט אַרויס. וואָס וועל איך איר זאָגן, ווען זי וועט צו נאָענט צו מיר?

מיר פאַלט איין, זעענדיק איר דרייסטן גאַנג, אַז זי וועט די ערשטע אָנהייבן רעדן און מעגלעך זי וועט זיך אין מיינע אָרעמס וואַרפן: „איך האָב דיך שוין לאַנג אויסגעקוקט“. און מיר וועלן אַזוי שפּאַצירן. אין לויף פון איר גיין איז זי מיר געוואָרן שוין נאָענט, עפּעס אייגן, ווי איך וואָלט זי טאַקע געקענט. איר כאַראַקטער, איר דרייסט איז מיר אַזוי צום האַרצן. אַזוי האָב איך טאַקע ליב, אויפכאַפּן זיך שפּעט ביינאַכט, אָנטאָן זיך אין ווייסן, מיט אַ קראַנץ אויפן קאָפּ און גיין, גיין צו דעם וואָס דאָס האַרץ באַגערט. איצט, ווען אַלץ איז פאַרזונקען אין שלאָף, קען מען דאָך אַזוי דרייסט זיין, קען מען דאָך נאָר צוויי זיין, ווי אָדם און חווה. און מיר גייען, שלינגען דעם וועג, זי פאַר מיר, איך קעגן איר. דער מרחק צווישן אונדז איז פאַרשוואונדן, האָט זיך פאַר מיר אַ באַוויז געגעבן אַ נאָנע, אין ווייסן אָנגעטאָן, מיט אַ ברייטער הויב אויפן קאָפּ, אויפן האַרץ — אַ רויטער צלם. זי איז געגאַנגען אין נאָענטסטן שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען ביים וועג.

גאָלד

אין איינעם אַ פרייטיק־צונאַכטס האָט מיין טאַטע אַהיימגעבראַכט פון דאַוונען אַן אורח אויף שבת.

אַן אַלטער ייד איז דאָס געווען, מיט אַ באָרד, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרלוירן די גראָקייט און באַקומען אַ קאָליר פון אַש. ער איז געווען אַ הויכער, אַן איינגעבויגענער, מיט גרויסע ברעמען, וואָס האָבן זיך נאָך בולטער אָנגעזען, מחמת דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַראָפּגעבויגן און דעריבער האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי הערנדלעך אויפן שטערן.

מען האָט דעם ייד אָוועקגעזעצט אין זיינע אָפּגענוצטע גלאַנציקע מלבושים ביים טיש מיטן קלאָרן טישטעך, ביי די שבת־ליכט, ביים ברויטן וויין, וואָס האָט געפינקלט פון דער קאַרפינקע.

דער טאַטע האָט געשפרייזט איבערן צימער און געזאָגט: „שלום עליכם, מלאכי־השרת".

און אין שטוב — טאַקע אַזאַ פרידן, — אויס חשבונות, אויס דאגות — שבת אויף דער וועלט. די צוויי חלות, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, גרייט צו דער שבת־סעודה, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אָנגעלענט די קעפּלעך אַזוי פרידלעך איינס אויף ס'אַנדערע.

אין שטוב איז געשטאַנען אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט פון געהייצטן אויוון, ווען דאָס געהילץ האָט זיך אויסגערויכערט, דער רויך איז אַוועק מיטן אינדערוואָכן און ס'איז געבליבן אויף שבת דער טעם פון לויטער פייער. און אינדרויסן — אַ קרירה, אַ פראָסט, אַז זי קנאַקט אונטער די פיס. יעדעס מאָל פאַלן צו שנייעלעך, צו די טונקעלע שויבן אונדזערע, האַלטן זיך אַ מאָמענט און פאַרשווינדן. מיר קומען זיי פאַר, די שנייעלעך, ווי עפּעס צינגלעך פון לצים, וואָס אָט באַווייזן זיי זיך, גיבן אַ שמייכל אויף דער פינצטערער שויב און פאַרשווינדן, האָבן קיין שליטה נישט איבער אַ יידישער שטוב.

אַזוי אַרומגערינגלט מיט וואַרעמקייט, מיט ליכט, מיט שבתדיקע מאכלים, מיט זמירות, זיצן מיר, די משפחה מיטן אורח ביים טיש און לאָזן זיך ווילגיין. און איך פיל, אַז ס'איז עפּעס גוט, וואָס ס'איז דאָ אַן אורח ביי אונדז אין שטוב, וואָס מיר קאָנען אַרויסווייזן גוטסקייט צו אים. יעדעס מאָל טראָגט די מאַמע אים אונטער אַן אַנדער מאכל און בעט פּשוט: „עסט, ר' ייד, אַ שבתדיק מאכל, ס'מעג איינשטיין ביים קייסער".

נאָכן עסן, אַז ס'האָט געהאַלטן ביים גלייכמאַכן די געלעגערס, האָט די מאַמע דורכויס געוואָלט, אַז דער ייד זאָל ביי אונדז נעכטיקן: „ווו וועט איר גיין אין אַזאַ קרירה, אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרייבן, מען וועט זיך אַביסל צוקוועלן". ווויסנדיק וויל, אַז פאַר די פינף נפשות אין שטוב איז קוים דאָ אַ פּלאַץ, ווו אויסצושפּרייטן די געלעגערס. דער ייד האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, ער וויל גיין נעכטיקן אין נאָענטן בית־המדרש. און אַ פּאַרע האָט אַ זעץ געטאָן פון דער טיר, בעת דער ייד האָט זיך אַרויס־געוויקלט אין זיינע מלבושים פון אונדזער טיר אין דעם קאַלטן אינדרויסן.

נאָך שבת אינדערפרי האָט זיך צעטראָגן אַ שרעקלעך נייעס איבערן געסל, דער אורח איז ביינאַכט געשטאָרבן. ר' אהרן קוילנהענדלער, אַ ייד פון געסל, איז געגאַנגען פאַרטאָג זאָגן תהילים אין בית־המדרש און גע־פונען דעם יידן אַ טויטן.

אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג האָבן זיך שוואַרצע וואָלקנס געוויקלט אי־בערן הימל, געוויקלט, געוויקלט און נישט געקענט זיך אויסוויקלען, ס'האָט גאָר העל ווערן נישט געקענט. און אויף די הערצער אין די יידישע שטי־בער איז אַזוי טריב געווען. אַזאַ עלנטער טויט פון דעם יידן, דעם אורח. ס'האָט קיינער נישט געוווסט ווער ער איז, האָט ער אפשר אַ משפחה? קינדער? מען ווייס אַפילו נישט זיין נאָמען, מען זאָל אים דערמאָנען ביים „אל מלא רחמים". פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ אויף שבת אין אונדזער געסל און איז דאָ געשטאָרבן.

נאָך צו פולער וואָך, בעת מען איז דעם טויטן געגאַנגען אַראָפּציען די מלבושים צו דער טהרה, האָט זיך אַנטפּלעקט עפּעס, וואָס האָט אויפ־געבליצט די געגנט. אין איינעם פון די אויבערשטע מלבושים האָט מען געפונען איינגענייט רענדלעך, גאָלדענע רענדלעך, באַנקנאָטן. דאָס גאַנ־

צע מלבוש אָנגעפּילט מיט גאָלד. מן־הסתם האָט דאָס דער ייִד צונויפגעזאַמלט אַ גאַנץ לעבן און אויסבאַהאַלטן דעם אוצר.

ביי מיר, וואָס דעם גאַנצן טאָג האָט איבער מיר געפּאָכעט אַ מורא: טויט, און די וואָלקנס אויפן הימל האָבן זיך פאַר מיר געשפּרייט ווי שוואַרצע פליגלען, וואָס אָט־אָ וועלן זיי צודעקן אַלע לעבעדיקע אויף דער ערד, פאַר' מיר האָט פון דער טיפער שרעק גענומען אויפשיינען דאָס גאָלד. פאַר מיין יונגער פאַנטאַזיע האָט זיך גענומען אויסצירן, ווי אָט ליגט דער טויטער און נעבן אים גיט זיך אַ שפּרייט־אויס זיין מלבוש מיט גאָלד. און דאָס שענסטע וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין לעבן טראָגט מיר דאָס גאָלד אונטער. ס'האָט זיך פאַר מיר אַרויסגערוקט אַ טיש מיט די שענסטע מאכלים, אין גאָלדענע כלים, אַרום זיצט מיין משפחה. און אַזוי, פאַרשטעלנדיק זיך די אַלע תענוגים, פיל איך ווי עס ציט מיך עפּעס שוואַרץ גרוילנדיקס — טויט. אַזוי איז מיין דמיון געשפּרונגען איבער די צוויי שפּיצן: גאָלד און טויט.

די אייגענע נאַכט האָט מיר געחלומט: איך פאַל אין אַ גרוב, פאַל, פאַל, אָט בין איך גלייך אין אַן אָפּגרונט. דאָס האַרץ, האָב איך געפילט, שפּרינגט פון מיר שיעור נישט אַרויס. פּלוצלונג עפנט זיך אַ טיר, אַ האַנט הייבט מיר אָן ציילן גאָלדענע רענדלעך. זיי ברענען אויף מיין האַנט פאַר גרויס שימער. נעבן מיר שטייט אַ זאַק. ווען מיין דלאָניע ווערט פול מיט גאָלד, שיט איך עס אין זאַק אַריין. ווידער ציילט מיר די האַנט רענדלעך אויף מיין דלאָניע, און ווידער שיט איך עס אַריין אין זאַק אַריין. אַזוי ביז דער זאַק ווערט פול.

דאַן נעם איך דעם זאַק מיטן גאָלד אויף דער פּלייצע און לאָז זיך אין וועג אַריין. דער וועג הייבט אָן טונקל ווערן און — באַץ, איך פאַל אין אַ גרוב און קום אויף מיט אַ געשריי.

צומאָרגנס גאַנץ פרי האָט מען דעם ייִד באַגלייט צום עולם־האמת. נאָר ביי מיר האָט זיך עד־היום דאָס גאָלד צונויפגעמישט מיט טויט.

גורל

גאָר אין מיינע פריע יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט גורל, מיט דער האַנט פון גורל. מיט דער דאָזיקער אומזעבאַרער האַנט, וואָס פאַר איינעם איז זי צאַרט, ווייך, אויסבעטנדיק אים אַ לעבן אויף פייגל־פוך און פאַר אַ צווייטן — אַ ביטערע אכזריותדיקע האַנט, וואָס דערלאַנגט פעטש אויף רעכטס און לינקס.

געשען איז, דאַכט זיך, אַ קלייניקייט און דאָך געדענק איך דעם פאַל אין לויף פון אַלע מיינע יאָרן.

אין איינעם פון די ערטער, ווו מיר פלעגט אויסקומען זיין טאָג־טעג־לעך, איז געווען דאָס געשעפט פון צודאַטן פון סימעלע די גאַלאַנטעריי־ניטשקע.

אַ יינגל אויף דער לער ביי אַ היטל־מאַכער, איז מיר אויסגעקומען יעדן טאָג איינצוקויפן — גאַרן, ביינוול, פינגערהוטן, נאָדלען, סיראַטעס און דאַשקעס.

דאָס געשעפטס־לאָקאַל איז געווען אַ לאַנגס. און איבער דער גאַנ־צער לענג האָבן זיך געצויגן פּאָליצעס, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען טייערע שאַכטלען מיט פאַרשידנפאַרביקע עטיקעטן, וואָס האָבן אָנגע־זאָגט וועגן דער גרויסקייט פון די פירמעס. געווען שאַכטלען, וואָס מען האָט די סחורות געזען דורך אַ דורכזיכטיק פאַפירן־„פענצטערל“ אָדער זיי זענען נאָר איינפאַך אַרויסגעהאָנגען, ווי איינער זאָגט: נאַ און זע.

צו זען איז טאַקע געווען וואָס: שפּיצן פון פאַרשידענע מוסטערן, קרעמע און ווייסע; העפטערייען און אויסגעשטריקטע זאַכן, וואָס די בלו־מען האָבן געלעבט ווי אויף בייטן אין אַ גאָרטן; קעם מיט פערלדיקע קרוינען אַרויפגעזעצט פאַר די פריזורעס פון פרויען. היינט — וואָליטש־קעס צום העפטן און שטריקן מיט פאַרבן, ווי אין אַ רעגנבויגן.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ קלייניקייט קעגן די צוויי פרויען, וועל־כע האָבן זיך געפונען אין געשעפט.

סימעלע, די אייגנטימערין, איז געווען אַ יונגע פרוי, אַ בלאָנדע, וואָס פלעשעלעך לאָקן, זענען אַרומגעהאַנגען איבער איר העלן קאָפּ. צי האָט זי געוואָלט ווייזן די טייערע מוסטערן פון איר געשעפט אָדער זי האָט זיך סתם געוואָלט פּוצן, נאָר די פיינסטע קעם מיט פּערל באַזעצט, האָבן געשטעקט אין די כוואַליעס פון אירע בלאָנדע לאָקן און האָבן איר ענלעך געמאַכט צו אַ קייסעריניע. צו דעם האָט זי פאַרמאָגט אַ שמייכל, וואָס איז שווער געווען צו וויסן פון וואַנעט ער קומט: פון די ווייסע ציינדלעך, פון די דינינקע שנירל־ליפּן אָדער גאָר פון די גראָ באַשיינטע אויגן. נאָר זי האָט געשמייכלט, געשמייכלט צו יעדן פון די קונים, וואָס האָבן זיך גע־זאַמלט אַרום איר, ווי מוראַשקעס אַרום צוקער.

אַ הויכע, אַ גלייכע מיט אַ לאַנגן האַלדז, אויף וועלכן זי האָט גע־טראָגן אַ ווייסע קרויז, האָט אַלץ פון איר אַראָפּגעבליט מיט אַזאַ רייץ: די זיידענע בלוזע אין פאַסן, דאָס קלייד אין פליסן געמאַכט, וואָס האָבן זיך ביי איר באַוועגן, צו־און־אויפגעמאַכט ווי אַ האַרמאָשקע ביים שפּילן. אַפילו דאָס שערעלע, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ גומי ביי איר טאַליע, האָט מיט אַזאַ חן אַרומגעשפּרונגען אַרום איר.

העלפט נאָך גאָט, און צו איר אין געשעפט קומט אָן אַ מיידל אַלס פאַרקויפערין און — דו בלייבסט שוין שטיין אינגאַנצן פאַרחידושט.

כלומרשט קיין באַזונדערעס. אַ דינינקע, אין מיטעלן וווקס, מיט אַ לענגלעך פּנימל, האָר שאַטענע, וואָס זענען פאַרלייגט איןביידע זייטן אין אַ שרונט. נאָר אַזאַ פּשטות טראָגט זיך פון דעם מיידל, אַזאַ נאַטירלעכ־קייט, עפּעס ווי זי זאָל זיין אַ געוויקס, אַ זאַנג אין פעלד.

ווי איינפאַך זי רעדט, ווי פּשוט איידל זי באַנעמט זיך מיט מענטשן און אַזאַ גינציקייט שלאָגט פון איר. ווערסט אַזוי צוגעבונדן צו איר, אַז דו קענסט זיך נישט באַפרייען.

איך, קומענדיק אין געשעפט, בין געוואָרן צוגעשמידט צום אָרט, בין פאַרלוירן געגאַנגען אויף שעהן לאַנג און האָב דורכגעלאָזט איין קונה נאָכן אַנדערן. אַזאַ רייץ האָבן באַקומען ביי מיר די אַלע העפטערייען, די אויס־געשטיקטע זאַכן, וואָס די צוויי פרויען האָבן זיך באַוויגן אַרום זיי, אַז

איך האָב זיך געפילט ווי איך וואָלט אַריין אין אַ וועלט פון מיינע חלו־מות. דאָס האָט מיך אַזוי געפאַנגען, אַז איך האָב זיך פון אָרט נישט גערירט.

אַ מערכה די פּאַרקויפערין, פּעסל, האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל, פילנדיק אויף זיך כסדר מיינע וואַרעמע בליקן:

— נו, וואָס שטייסטו, שלמה, מען וועט דאָך אויף דיר שרייען אין ווערקשטאַט, גיי, גיי, און האָט מיר דערלאַנגט דעם צודאַט.

אין ווערקשטאַט האָט מען שוין געוווסט מיין שטענדיקן תּירוץ און זיי האָבן אים שוין געזאָגט פאַר מיר, ווי נאָר איך האָב באַטראַכטן די שוועל: „געווען אַ פּול געוועלב מיט קונים". דער עלטסטער געזעל האָט זיך דאָך נישט געקענט שענקען און ער פלעגט קריצן מיט די ציין: „ווו ווערט מען דאָס פאַרלירן אויף גאַנצע שעהן, שפּילסט אַוודאי אין קנעפּ, ווייז נאָר אַהער די טאַשן". אַזוי ווי ער האָט קיין קנעפּ ביי מיר נישט גע־פונען, האָט ער שוין אָנגעהויבן וווּרטשען אונטער דער נאָז, בפרט, אַז איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך בין די גאַנצע צייט געווען אין געשעפט.

צומאָרגנס — ווידער געווען דאָס אייגענע.

פּעסל, די פאַרקויפערין, פלעגט פון צייט צו צייט מיר ענטפערן מיט אַ בליק און האָט אַ שמייכל געטאָן. און דער שמייכל פלעגט ביי איר, ווי אַ שטאָמפּס, אַרויסקריצן אַ קריינדעלע אויף איר גאָמבע, און איך האָב געוואַרט אויף נאָך אַ שמייכל.

איך האָב אָנגעהויבן אַנען, אַז זי פילט זיך זייער גוט אונטער דעם באַגלייט פון מיינע בליקן. זי פלעגט צו מיר איצט זאָגן: „נו, האָסט נאָך צייט, שלמה"? און האָט געלאַכט אין די שטאָפן אַריין, וואָס זי האָט אַנ־דערע קונים דערלאַנגט.

אַזוי פלעגן מיר זיך איצט איבערקוקן און שמייכלען, איבערקוקן און שמייכלען.

איין מאָל, אַ זומער פאַרנאַכט, אַהיימגייענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך געדאַרפט קויפן אַ באַשטימטן צודאַט און אים מיטברענגען אינדער־פרי.

דאָס איצטיקע מאָל האָב איך זיך געפילט פריי, פריי אָן שום עול,

פריי פון די אַלע צרות פאַר שטיין לאַנג אין געשעפט. איך האָב זיך טאַקע דערוואָרט צו זיין דער לעצטער קונה און פעסל פרעגט מיך:

— גייסט נאָך צוריק אין ווערשטאַט?

— ניין — זאָג איך — איך בין שוין פריי פון דער אַרבעט.

— טאָר וואַרט אויף מיר אינדרויסן פאַרן געשעפט.

דאָס איז געווען אַ נייעס פאַר מיר, און דאָך האָב איך געפילט אַ קוועל. וואָס זאָל איך איר זאָגן? איך האָב זיך געשעמט מיט דעם אַלעם, וואָס איך פלעג טראַכטן וועגן איר. זי פלעגט דאָך יעדן אָוונט פאַרן איינשלאָפן אויפגיין פאַר מיר. איך האָב דאָך איר געזען מיט איר גלאַטיק שאַטענע האָר, מיט איר מילדן בליק, מיט איר שפּיציק גאָמבעלע, וואָס אַט־אַט איז שוין אַ קריינדל דערויף. און שטענדיק פלעגט זי זיך מיר ווייזן דווקא אין איר גרין זיידן בלוזקעלע דורך וואַנעט אירע בריסטלעך האָבן זיך געזען ווי צוויי עפּעלעך. און אירע פיסלעך מיט וועלכע זי פלעגט אַזוי אַרויפטאַנצן אויפן לייטערל צו דערלאַנגען סחורה, האָבן געצונדן אַזאַ פייער אין האַרץ ביי מיר.

דאָס אַלעס איז דאָך פאַרבאָרגן נאָר פאַר מיר, פון דעם אַלעם ווייסט דאָך קיינער נישט, קאָן איך איר דען דאָס אַלעס דערציילן?

זי איז אַרויס פון געשעפט און האָט ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט דעם קוועל ביי מיר.

— קום, שלמה, ווילסט מיט מיר אַביסל שפּאַצירן?

— ווי דען?

ס'איז גראָד געווען די גרויסע זומער־טעג. דער הימל איז געהאַנגען אַ העלער און דער אָוונט האָט זיך אַריינגעשליכט ווי ער וואָלט זיך אַפילו נישט געטוישט מיטן טאָג. נישט־דיר, נישט־מיר זענען שטערן געהאַנגען, האָט זיך אַ לבנה געשניטן און אַלץ אויף דעם העלן הימל־דעק.

מען האָט נאָר געפילט דעם אָוונט, די אינטימקייט, וואָס טרעט אַריין נאָך דעם אויפגעפּראַלטן אויגנבלענדיקן זומער־טאָג. און עפּעס אַזאַ בענקשאַפט נאָגט דעמאָלט דאָס האַרץ.

מיר זענען געגאַנגען צום וואַרשעווער טראַקט.

איך בין די גאַנצע צייט געגאַנגען געפּאַנגען פון אירע טריט.

מיר זענען אַרויס פון שטאָט און פעסל זאָגט צו מיר:

— זאָג מיר, שלמה, האָסט מיך טאַקע אַזוי ליב? דו שטייסט דאָך אַזוי גאַנצע שעהן און קוקסט זיך איין אין מיר.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט און האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— שעם זיך נישט — האָט זי מיט צוויי פינגער מיך אָנגענומען ביי דער גאָמבע און מיר דעם קאָפּ קאַפּויער געבויגן.

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און איך האָב געפילט ווי אין האַרץ צעגיסט זיך מיר אַזאַ וואַרעמקייט, דער קאָפּ הייבט זיך אָן ביי מיר וואַקלען, ווי איך זאָל שיכור זיין, און איך בין אַרויס מיט ווערטער, וואָס זענען געלעגן פאַרוויקלט אין אַ קנויל געפילן:

— יאָ, איך האָב אייך ליב, פעסל, איך טראַכט וועגן אייך שטענדיק. ווען איך בין נאָר אַליין שטייט איר מיר פאַר די אויגן.

— איך האָב דיך אויך ליב, שלמהלע — האָט זי מיר געגלעט די באַקן — נאָר וואָס קומט אַרויס, ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג?

— פאַרוואָס בין איך יונג — האָב איך זיך שיעור צעוויינט — איך בין שוין צוויי יאָר נאָך בר־מצווה.

— נאָך אַלץ יונג — האָט פעסל געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט באַדויערן

— און דו וואָלסט מיט מיר טאַקע חתונה געהאַט?

— ווי דען?

— און ווי אַזוי וואָלסטו זיך באַגאַנגען מיט מיר נאָך דער חתונה?

— זייער גוט.

— ווי אַזוי?

— איך האָב שוין וועגן דעם געטראַכט, ווען איר וואָלט געשלאָפן, וואָלט איך געזעסן צופוסנס ביי אייך פון בעט און וואָלט אייך אָפּגעהיט, אַז קיין שטויבל זאָל אויף אייך נישט פאַלן, אַז קיין פליגעלע זאָל זיך צו אייך נישט צורירן.

— פאַרוואָס וואָלסטו עפּעס געזעסן ביים בעט? — האָט זי מיך גע־פרעגט פאַרשנדיק מיט איר בליק.

— ווייל, ווייל איך וואָלט מיר נישט פאַרגונען אייך אָנצורירן.

— גיי, גיי, ביסט דאָך טאַקע נאָך גאָר אַ יינגל.

אַזוי האָבן מיר זיך יענעם אָוונט צעשיידט.

גורל

ס׳איז אַדורך אַ קליינע צייט און פּעסל זאָגט צו מיר אַמאָל ביים געבן צודאַט:

— ס׳איז שלעכט, שלמה, מיט דיר קאָן איך נישט חתונה האָבן, נאָר מיט וועמען מען גייט מיך חתונה מאַכן, ניין, — זי האָט נישט פאַרענדיקט און געביסן די אונטערשטע ליפּ, זי זאָל נישט אַרויס מיט אַ געוויין — אַזוי איז דער גורל פון אַ יתומה, אַז מען איז עלנט ווי אַ שטיין — האָט זי פאַרענדיקט.

אין געשעפט האָט מען גלייך אָנגעהויבן שמועסן אויפן קול, אַז מען האָט פּעסלען באַשטאַט מיט מאירל גאפּ.

ווער איז געווען מאירל גאפּ? אַ שם־דבר אין שטאָט. ווער פון די יינגלעך עס פלעגט פאַר אים פאַרבייגיין האָט אים צוגעוואָרפן: „מאירל גאפּ, גאפּ!” ער האָט קיינעם נישט געענטפערט, געגאַנגען מיט זיין אויס־טערלישן גאַנג, דעם קאָפּ געשיקט פאָרויס און די פיס — נאָכגעריטשט פון הינטן.

געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער האָט אַ שכל פון אַ קינד.

אַ הויכער, אַ שמאָלער, מיט לאַנגע הענט און פיס, האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד אויף אָפּצושרעקן פייגל. גע־שטאַמט האָט ער פון אַ יחוסדיקער משפחה, פון די אייכלערס. זיין פאָ־טערס אַ הויכע מויער מיט לאַנגע ווענעציאַנער פענצטער, איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק, און דאָס קאָן זיין איז געווען דער גורם, וואָס מען האָט די עלנדע פּעסל צונויפגעפירט מיט דעם מאירלען.

קומענדיק איצט אין געשעפט האָב איך געגומען די צודאַט און בין גלייך אַוועק. פּעסל האָט אויך אויסגעמיטן צו קוקן אין מיין זייט. זי האָט מיר נאָר איין מאָל געפרעגט:

— וועסט זיין אויף מיין חתונה?

— ניין — האָב איך געענטפערט מיט פאַרדרוס.

אָבער פריי בין איך פון איר נישט געווען, אַזאַ ווייטיק האָט געשניטן מיין האַרץ. איך האָב געפילט איר גאַנצע באַליידיקונג און האָב איר נישט געקענט קוקן אין די אויגן.

אין געשעפט פלעגן די פרויען, וועלכע זענען געקומען עפּעס קויפן, זי געטרייסט כסדר: „שאַדט נישט, ער וועט זיין אַ גוטער מאַן, ער איז אַ

שטילער, ס׳וועט איר גאַנץ גוט זיין ביי אים״. און איינס צו ס׳אַנדערע האָבן זיי געקוקט צו זיך מיט לאַכנדיקע בליקן. איך האָב געפילט ווי דאָס האַרץ פאַלט ביי מיר שיעור נישט איין.

אַזוי האָט זי חתונה געהאַט.

שבת נאָכמיטאָג, דאָס גאַנצע יונגוואַרג לאָזט זיך אין שפּאַציר־גאָרטן און איך גיב אַ קוק, פּעסל גייט מיט איר יונגן מאַן אויף שפּאַציר.

פּעסל גייט אָנגעטאָן אין סאַמעט און זייד, מיט אוירינגלעך ברי־ליאַנטענע, מיט אַ גאָלדענער קייט אויפן האַלדז. דער הוט — אַ סאַמע־טענער מיט ווייסע פעדערן געפּוצט. און ער, מאירל — אין אַ נייעם סוברינענעם, שוואַרצן פּאַלטאָ, מיט אַ סאַמעטענעם קראַגן. אַלץ בלאַנקט פון אים אַראָפּ און ריטשט זיך אַזוי נאָך ביי איר זייט.

דאָס פּאָרל גייט און פון אַלע זייטן גריסן צו איר, צו פּעסלען, באַ־קאַנטע, ווינטשן איר מזל־טוב. יעדער פילט דאָך, אַז זי האָט אַזאַ גורל נישט פאַרדינט. און מען דריקט צו איר פון דער ווייטנס מיט די הענט, מען וויל מיט דעם אויסדריקן די ברכות, וואָס מען ווינטשט איר. ווער מיטן בליק, ווער מיט אַ שמייכל, אַלע ווינטשן דעם עלנטן מיידל גליק, הצלחה אויף איר נייעם וועג. מען וויל מיט דעם כאָטש פאַרגיטיקן די עוולה, וואָס איר איז געשען.

פּעסל גייט גלייך, מיט זיכערקייט, ווי איינער זאָגט, דאָס איז מיין גורל, דאָס איז מיין מאַן און איך היט זיך נישט מיט אים, בין געקומען אויף שפּאַציר אים אַלעמען ווייזן.

פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער אַרום דעם פּאָרפּאָלק. און דאָס געלעכטער איז געלאָפן פון מויל צו מויל. אָט לאַכן שוין אַלע. איינער קוקט אויפן אַנדערן, ווייזט עפּעס אָן און יענער לאַכט אויך שוין. און דאָס געלעכטער כאַפּט אַלעמען אַרום ווי אַ שרפה. מען לאַכט, צום ערשט נאָך פאַרבאַהאַלטן, פּעסל זאָל נישט באַמערקן און דערנאָך שוין אָפן, אָן שום אָפּהאַלט, אָן שום קוועל.

לכתחילה האָט פּעסל נישט פאַרשטאַנען וואָס איז מיט איינמאָל גע־שען, וואָס לאַכט מען אַזוי פון זיי? זאָל דאָס זיין ווייל ער איז מאירל, מאירל גאַפּ? מען האָט ערשט איר געוווּנטשן, די הענט געדריקט.

דאָס געלעכטער ברענט אָבער אַרום איר, דער גאַנצער גאָרטן לאַכט,

אַלע מענטשן לאַכן. זי הייבט אָן בלאָנדזשען מיט די אויגן און — זי האָט אויך דערזען. אויף דעם סאַמעטענעם קראַגן פון מאירלס פּאַלטאָ ליגט אַ צואה פון אַ פויגל.

ווייזט אויס, אַז שפּאַצירנדיק אין דערביימער־אַליי האָט אַ קראָ, וואָס זיי האָבן זייערע נעסטן אויף די ביימער־שפּיצן, די צואה געמוזט אַראָפּלאָזן און גראָד פון פאָרנט אויפן סאַמעטענעם קראַגן פון מאירל גאפס מלבוש.

דאָס געלעכטער האָט זיך וואָס אַמאָל געשטאַרקט, מענטשן האָבן זיך אַזש געהוידעט אונטער די ספּאַזמאַטישע אויסגעשרייען. מען האָט אָנגעהויבן לויפן פון אַלע זייטן אָנקוקן דעם שאַנדיקן פלעק. און ביי דעם בראַנדיקן געלעכטער איז פעסל אַנטלאָפן מיט איר מאַן.

און איך, איך האָב געביסן מיינע פינגער פאַר שאַנד. גורל, שרעק־לעכער גורל — — —

אַ יידישער בוים

אין מיט הויף איז ביי אונדז געשטאַנען אַן איינצלנער בוים. אַן אויסגעבויגענער איז ער געוואַקסן, דער בוים. ער האָט זיך געצויגן פון דער ערד אלכסונדיק, מיט אַ קרומען רוקן און דער שפּיץ ביי אים איז אויסגעקומען, העט, ווייט אַוועק פונעם שטאַם.

פונדעסטוועגן האָט אים דאָס נישט געשטערט אַלע אָנהייב זומער זיך צעבליען, אָנטאָן זיך אין אַ קרוין פון בלעטער, און שאַפן אַרום זיך אַ פרישן קילן שאָטן.

זיין קרומקייט האָט זיך דאָ נישט שטאַרק אָנגעזען, מחמת אַרום אים האָט זיך אַלץ געפונען שיף, אַרויף, אַראָפּ: איינגעבויגענע הייזלעך, שיפע דעכלעך. אַפילו די לעדנדלעך אויף די פענצטער זענען ס'רוב אַראָפּגע־האנגען קרימלעך, אויף איין זאַוויאַסע, די אַנדערע איז געווען אָפּגעבראָכן, און האָבן אויסגעזען ווי אַ פויגל מיט אַן אונטערגעשאָסענעם פליגל.

דער בוים האָט זיך געהאַט צוזאַמענגעוואַקסן מיטן הויף מענטשן, געוואָרן די אייגענע האַנט.

זיין קרומער רוקן איז עפּעס געוואָרן ווי אַ געטרייע פּלייצע, וואָס רוקט זיך אונטער ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסצוהעלפן יענעם.

האָט מען געדאַרפט אויסלופטערן מלבושים, בעטגעוואַנטער, האָט מען זיי אַרויסגעטראָגן צום בוים, אויפגעשפּרייט אויף זיין שטאַנג, אויס־געקלאַפּט, און זיי איבערגעלאָזן אויף זיין רוקן, דורכצונעמען זיך מיט דעו' ריינער לופט.

בשעת־מעשה האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער בוים, ווי אַ מפונק, בייגט אַוועק דעם צעבליטן קאָפּ פון די אַלע שטויבן און אומריינקייטן וואָס זענען אַרויס ביים לופטערן די זאַכן.

דאָס אייגענע איז געווען ביים וואַשן דאָס געשיר אָדער די שטוב־

כלים. מען האָט זיי אַרויסגעטראָגן אונטערן בוים. דאָ האָט מען זיי געשייערט מיטן זאַמד, וואָס איז געלעגן אַרום זיין שטאַם, אָפּגעשווענקט מיט וואַסער און זיי אויפגעשטעלט אויפן בוים זיך אויסצוטריקענען.

דער בוים האָט אָבער נישט געדינט אויף בלויז גשמיותדיקע זאַכן, ניין.

אָפטמאָל האָט ער מיט זיין אויסגעבויגענעם רוקן געהאָלפן די פּיצלעך קינדער אויף די פיס זיך שטעלן.

בעת אַ קינד פלעגט אָנהייבן זיצן אַליין, פלעג עס די מאַמע אויספּראָבירן און אַוועקזעצן עס אויפן בוים. די מוטער און שכנים פון הויף פלעגן שטיין עטוואָס אָפּגערוקט, פונדערווייטנס, און געפּאַטשט מיט די הענט צום קליינינקן עופהלע.

דאָס זענען געווען די ערשטע טריט אַוועקצוזעצן דאָס קינד אונטערן פרייען הימל זעלבסטשטענדיק, אַליין. דאָס קינד פלעג אַראָפּשמייכלען פונעם בוים און דער גאַנצער הויף האָט זיך צעלאַכט.

אַ מענטש פּיקט זיך אויס, הייבט אָן גיין זיין וועג.

אַביסל שפּעטער, דאָס קינד האָט שוין אָנגעהויבן גיין, האָט עס זיך אָנגעהויבן לערנען קלעטערן אויפן בוים. דער בוים איז דאָך געלעגן ווי אַ שוועל און האָט אַזוי פאַרליבנעמעריש איינגעבויגן דעם רוקן, די קינדערלעך זאָלן קלעטערן אויף אים.

און האָט אַ קינד דעם אַפּעטיט פאַרלוירן אָדער בלייך אויסגעזען, ווער שמועסט ס׳איז קראַנק געוואָרן, פלעג די מוטער אָנבינדן אַ הענגוויגל הינטערן בוים און דאָס קינד דאָרט אַריינלייגן. דאָס איז געווען ביי אונדז אויפן הויף במקום אַ זומער־ווינונג, פרישע לופט. און מען פלעג פאַרבייגיין פאַרן בוים שטיל, נישט איבערצוּוועקן, נישט צו שטערן, דאָס קינד זאָל קענען „קומען צו זיך״.

מען האָט אויך געטאָן אַ סך איידעלע אַרבעטן הינטערן בוים. אַ כלה־מיידל פלעגט זיך אַוועקזעצן אויף אַ קליין בענקעלע הינטערן בוים און דאָ פלעג זי אויסהעפטן פאַרשידענע בלומען אָדער מאָנאָגראַמען אויף בעטצייג, אויף קישעלעך, אויף האַנטוכער. מיט די פאַרשידנפאַרביקע העלע פעדים פלעג זי דאָ אויסשפּינען איר צוקונפטיקע היים, ווי זי וואָלט די פעדים געצויגן פון איר מיידלשער פאַנטאַזיע.

ש. בערלינסקי

הינטערן בוים פלעגן זיך אויך טרעפן אַ בחור מיט אַ מיידל, דאָס איז שוין געווען אָפּט אין אָוונט־צייט. און אַז זיי פלעגן לאַנג זיצן, נישט געקענט זיך שיידן, האָט מען שוין געשמועסט ביי אונדז אויפן הויף, אַז זיי ליבן זיך.

ערב שבת פאַר ליכט־צינדן פלעג מען אויסקערן — הינטערן בוים, ריין מאַכן. קיין שום וואָכעדיקע אַרבעט איז שוין דאָ מער נישט געטאָן געוואָרן. און ס׳האָט זיך געפילט אַרום דעם בוים אַ שבתדיקע ריינקייט. די זון האָט זיך שוין דעמאָלט געזעצט אויף מערב־זייט, געשיקט איר שקיעה־שיין צו די שפּיצן פונעם בוים, אַרומגענומען אים מיט אַ ליכט. און דאָס ליכט פון הימל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די פלעמלעך פון די שבת־ליכטלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די פענצטער אַרומן הויף. אַזוי האָט ביי אונדז אויפגעשיינט דער שבת.

דער בוים האָט אין מיינע אויגן דעמאָלט אָנגענומען אַזאַ יידישע צורה. ער פלעג אויסזען מיט זיין שיינעם בלעטערדיקן קאָפּ און אויסגע־בויגענעם רוקן, ווי אַ יידישער תלמיד־חכם מיט אַ הדרת־פּנים און אַ שיי־נער באָרד און די פלייצע איז ביי אים איינגעבויגן פון זיצן און לערנען.

אַ גאַנצן טאָג פלעגן צומאָרגנס ווייבער זיצן אין געמיטלעכקייט פון שבת, לייענען די סדרה פון דער וואָך אין „צאינה ראינה״ און אויך גע־גיסן, נאָך דער גאַנצער וואָך יאָגעניש און האָוועניש, פון אַביסל פרישער לופט הינטערן בוים.

אַז עס פלעג זיך דער ערשטער שטערן אויפן הימל באַווייזן, האָט מען נאָך דעם „גאָט פון אברהם״ הינטערן בוים געזאָגט און מען איז אַריין אין שטוב אָנצינדן אַ ליכט.

אַ נייע וואָך זיך געשטעלט.

די משומדת

אין דעם געסל, ווו מיר פלעגט אויסקומען דורכצוגיין אין חדר אַריין, זענען געגנוג טשעקאַווע זאַכן געווען.

דאָס גאַנצע געסל איז באַשטאַנען פון אייניקע הייזער. און איבער גאַנצע לענגען האָבן זיך געצויגן ווייסע פלויטן, אָנגעקאַלכטע, הינטער וועלכע עס האָבן זיך געפונען גערטנדלעך, סעדער און הייזלעך אין זייער טיף. די איינוווינער, וועלכע פלעגן זיך באַווייזן פון די טיפע אַרומגע־צוימטע הייף, זענען גאָר אויסטערלישע געווען.

אַלע אינדערפרי פלעגן אַרויס פון איינעם פון די הייף צוויי אַלטע פריצעטעס, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט שוואַרצע וואַלן איבער די פנימער.

געווען זענען זיי הויכע, גלייכע און ביידע אין איין מאָס. מיט זייער שוואַרצער הלבשה, מיט דער שוואַרצער גאַזע, וואָס איז ביי זיי אַרומגע־האנגען פון אַלע זייטן, און מיט די שפּיציקע שוואַרצע היטן אויף די קעפּ — האָבן זיי עפּעס ביי זייער גאַנג געשניטן דעם העלן אַוויר.

ביידע האָבן זיי געפירט אויף קייטעלעך צוויי שוואַרצע הינטלעך — פון דער זעלבער גרויס און ביי ביידע הינטלעך האט די פעל געגלאַנצט, ווי אַ סאַמעט.

אָנגעטאָן זענען די הינטלעך געווען אין ברוינע זאַמשענע יאַקעלעך, אַרומגעזוימט מיט רויטע בענדלעך.

וואָס האָט מען זיך אַלץ נישט ביי אונדז אין געסל אָנדערציילט וועגן די צוויי פריצעטעס?

מען האָט דערציילט, בכן, זיי זענען אַ צווילינג, האָבן קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. באַקומען האָבן זיי אַ גרויסע ירושה, זענען רייך ווי קורח, און זייער גאַנץ לעבן זענען די צוויי הינטלעך. מיט זיי עסן זיי אינאיינעם, שלאָפן אינאיינעם, שיידן זיך נישט מיט זיי ווי גרויס דער מעת־לעת איז. אַפילו — אין „קאָשטשאָל“ אַריין נעמען זיי זיי מיט.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אַ הינטל איז קראַנק געוואָרן, האָבן זיי געשיקט נאָך אַ מומחה, אַ וועטערינאַר, קיין וואַרשע. זיי האָבן אים געזאָגט: „אונדזער גאַנץ פאַרמעגן וועלן מיר דיר אַוועקגעבן, נאָר ראַטעווע עס, ראַטעווע עס דאָס לעבן". און ביידע שוועסטער האָבן געוויינט.

אַזוי האָט מען ביי אונדז דערציילט.

און די ווייבער פון אונדזער געסל, וואָס האָבן עוסק געווען דאָס רוב לעבן אין „טראָגן און האָבן", האָבן געלאַכט: „וואָס גויים קאָן איינפאַלן, זיי וועלן נאָך זייערע לוויות נאָכגיין, די הינט, זיי וועלן זייערע קינדער מיט זייערע נעמען רופן? וואָס גויים קאָן איינפאַלן?!".

זונטיק אינדערפרי איז שטענדיק הימלעך געווען אין געסל.

אין איינעם פון די הייף האָט געוווינט אַ פוילישער שוסטער, וויטשעך סאָקאָל, האָט ער געהייסן.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געזעסן רויִק אין זיין הייזל און געאַרבעט שיך פאַר די יידישע שיך־געשעפטן. נאָר שבת־צונאַכטס נאָך דער „וויפלאַטע", איז ער אינגאַנצן אַן אַנדערער מענטש געוואָרן.

ער פלעגט זיך אָנטאָן אין אַ גראָער זעלנערישער בלוזע, אַ פירקאַבטיקע קאָנפעדעראַטקע מיט אַ פוילישן אָדלער, די וואָנסעס אויפשטייפן, און שיכור ווי לוט, זיך לאָזן איבער די גאַסן און שרייען: „יעשטשע פאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" (נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן).

אַזוי ווי ביי דער צאַרישער מאַכט איז דאָס שטרענג פאַרבאָטן געווען, האָבן אים די פאָליציי און זשאַנדאַרמעריע געשלאָגן מכות־רצח. און ער, אַ בלייכער, אַ דאַרער, האָט אַלע קלעפ צוגענומען באַהבה און פלעגט ווייטער שרייען „יעשטשע פאָלסקאַ".

אין דער תפיסה האָבן זיי אים שוין מורא געהאַט צו נעמען, מחמת מיט זיין שרייען „יעשטשע פאָלסקאַ" אויף דעם תפיסה־הויף, האָט ער אויפגערייצט די פוילישע פאָליטישע אַרעסטאַנטן און עס פלעגן פאָרקומען גאַנצע דעמאָנסטראַציעס.

ביי אַלע מיליטערישע פאַראַדן, ביי אַלע צונויפטרעפן פון צאַרישע, הויכע מיליטער־לייט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין הויכער פיגור, אויסגעגלייכט די זעלנערישע בלוזע, סאַלוטירט מיט דער האַנט ביי דעם

פוילישן אָדלער אויף דער קאָנפעדעראַטקע און געשריען: „יעשטשע פּאָלסקאַ".

דערציילט האָט מען, אַז זיין פאָטער איז געהרגעט געוואָרן אין דער פוילישער פּאָווסטאַניע און אַז די זעלנערישע בלוזע מיט דער פוילישער קאָנפעדעראַטקע, זאָלן טאַקע שטאַמען פון יענע שלאַכטן.

מענגעס קינדער פלעגן אים נאָכלויפן און העלפן אים מיטשרייען „יעשטשע פּאָלסקאַ". די פּאָליאַקן האָבן געלאַכט אין די גראָבע וואָנסעס אַריין, און בשתיקה פלעגן זיי אים נעמען אין די שענקן, אָנשיכורן, כדי ער זאָל ווייטער שרייען.

נאָך דעם חגא־טאָג האָט ער אַוועקגעהאנגען די זעלנערישע בלוזע, אַוועקגעשטעלט די קאָנפעדעראַטקע אונטער אַ גלאָז פון אַ שויבן־שענקל און ווייטער געמאַכט שיך פאַר די יידישע געשעפטן.

נאָר איינמאָל איז צוגעקומען עפּעס אַ נייעס אין דעם געסל, וואָס האָט אַלץ איבערגעשטיגן.

אין איינעם פון די געציילטע הייזער, וואָס זענען געשטאַנען אַרויס־גערוקט אין גאַס אַריין, האָט זיך באַזעצט אַ משומדת מיט איר גויאישן מאַן.

וועגן דער משומדת האָט געקלונגען די גאַנצע געגנט אַרום. זי איז געווען אַ טאָכטער פון זייער אַ באַקאַנטן ייד. צו דעם ייד פלעגט אַ האַלבע שטאָט דאַרפן אָנקומען צו שרייבן „פּראָשעניעס" אין די געריכטן, אין דער פּאַלאַטע, צום אַקציז, און ווו נאָר מען האָט געדאַרפט אָנקומען מיט אַ געשריפט.

גערופן האָט מען אים שוין טאַקע דוד שרייבער.

ער איז געווען אַ בנעימותדיקער ייד, מיט אַ בלאָנדער באָרד, מיט אַ הויכן, קלאָרן שטערן. אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען ריין און ציכטיק. זומער שטענדיק אין אַ עלעפּאַגענעם געהאַקטן שלאָפראָק און ווינטער — אין אַ טוכענעם.

פון וואַנען דער ייד האָט געקענט שרייבן רוסיש, אַז די טשינאָווניקעס זאָלן דאָס אַרומטראָגן אויף וואונדער? ס'איז צו אים פאַרוואַלגערט געוואָרן אַ רוסיש לערן־ביכל „רוסקי יאַזיק" און פון דעמאָלט אָן שרייבט ער „פּראָשעניעס", אַז זיי מעגן אָנקומען צום קייסער.

ביי דעם דוד שרייבער איז געווען אַן איינציקע טאָכטער, בלימעלע, וואָס איז געראָטן געווען אין פאָטער מיט איר שטילקייט, מיט איר אנגעגעמקייט; און פונקט ווי ער — אַ בלאָנדע און פונקט ווי ער ביי חקירה־ביכער, פלעגט זי זיצן און לייענען רוסישע ביכער, זי פלעגט לייענען אויף אויסנווייניק גאַנצע זייטן פון פושקינס און לערמאָנטאָווס לידער.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דאָס שטילע בלימעלע, וועט שטילערהייט פירן אַ ליבע מיט פאָטאָצקיס זון?

דער פאָטאָצקי איז געווען אַ גויאישער זאָטל־מאַכער, וואָס האָט געהאַט אַ מייסטעריי אין דער יידישער געגנט און ביי אים איז געווען אַרויסגעשטעלט אין אַ גרויס שויפענצטער אַן אויסגעשטאָפּט פערד פון אַ ברוינער האַריקער פעל, אָנגעטאָן פון אויבן אין אַ נייעם געשפאַן.

פאַרשטייט זיך דאָך אַליין, אַז ביי דעם פאָטאָצקי איז געווען אַ זונדל, אַ שגץ פון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס האָט געלערנט אין אַ האַנדלס־שול, געטראָגן אַ היטל מיט אַ גרינעם לאַמפּאַס און געהאַט צוויי דינינקע טונקעלע וואָנסעלעך.

וואָס צווישן זיי ביידע איז פאָרגעקומען האָט קיינער נישט געוווּסט. ביז, ביז דאָס פייער איז אויסגעבראָכן מיט איין מאָל און האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט און דאָס דווקא צו כל־נדרי אויף דער נאַכט.

מילא, וואָס פאַר אַ יום־הדין עס איז צומאָרגנס געווען, קאָן מען זיך נישט משער זיין, ווייבער אין עזרת נשים האָבן געוויינט, אַז די יעלות זענען געגאַנגען עד לב השמים. מען האָט שוין נישט געבעטן אויף קיין פרנסה, אויף קיין געזונט, נאָר נישט חלילה, קיין אויסטערלישעס מיט די קינדער.

בלימעלע האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט פאָטאָצקיס זון. דער „שלוב" איז פאָרגעקומען אין אַ חגא־טאָג און פויערים פון דער גאַנצער געגנט זענען זיך צונויפגעפאָרן זען ווי מען שמדט אָפּ אַ יידישע טאָכטער. די יידן האָבן דעם טאָג פאַרקלאַפּט טיר און פענצטער, אַראָפּגעלאָזט די לאָדנס, פונקט ווי די זון וואָלט אונטערגעגאַנגען אויפן יידישן הימל.

אין דער שטאָט האָט זיך באַלד נאָך די יום־טובים פאַרשפרייט אַ ליד וועגן דער מעשה.

די משומדת

דאָס ליד האָט זיך אַזוי געזונגען:

דוד שרייבערס טאָכטער
מיט פּאָטאָצקיס זון
זענען אין דער נאַכט פון כל־נדרי
פאַרשוואונדן צו דער מיל.

דאָס איז געווען דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן זיך באַשטימט צו טרעפן.

איצט וווינט די משומדת אין איינעם פון די הייזער אין געסל מיט פּאָטאָצקיס זון. דאָס הויז, וווּ זי וווינט, איז פון ציגל, צוויי שטאָק די הויך, מיט אַ באַלקאָן. אויף דעם באַלקאָן וווינט זי טאָקע.

ווער פון די יידישע ווייבער עס גייט פאַרביי דעם הויז, שפּייט אויס דריי מאָל און בייטלט אויס אַלע וויסטע חלומות און מחלות, וואָס געפינען זיך אין די יידישע שטיבער, צום קאָפּ פון דער משומדת.

מאַנסבילן זאָגן שטענדיק דעם פּסוק „שקץ תשקצנו" בעת זיי גייען פאַרביי.

נאָר מיר, די חדר־יינגלעך, האָבן זיך אונדזער וועג געפונען.

מיר פלעגן גיין אַ דריי־פיר יינגלעך פון אונדזער געסל אין איין חדר אַריין.

אַז מיר פלעגן פאַרביי דעם הויז פון דער משומדת, זענען מיר שטיין געבליבן און אַרויפגעקוקט צום באַלקאָן. אַ שרעק פלעגט אונדז אַרומנעמען, מיר האָבן זיך ביי די הענט געהאַלטן און נישט אָפּגעטראָטן. דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז די משומדת האָט זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן. מיר האָבן פאַר איר געהאַט עפּעס פאַרגעברייט.

גערעכנט האָבן מיר, אַז זי וועט אויף אונדז שרייען, אונדז זידלען, אָבער ניין. זעענדיק אונדז שטיין מיט די חומשימלעך, האָט זי אונדז גאָר אַראָפּגעוואָרפן צוקערקעס און צו אונדז געזאָגט אויף יידיש:

„עסט, עס איז נישט טריפה".

מיר האָבן די צוקערלעך נישט געוואָלט נעמען. מיר האָבן אַרויסגענומען אַ טיכל, וואָס מיר האָבן געהאַט אָנגעגרייט אין דער היים, און איר אַרויפגעוויזן אַ שוואנצל פון אַ חזיר, און דערביי זיך געגרייצט מיט איר: „אוי, אוי, אוי" און איינער פון אונדז האָט געכריטשעט ווי אַ חזיר. זי האָט מיט אונדז מיטגעלאַכט.

דערנאָך האָבן מיר נאָכגעמאַכט אַ גלח, ווי ער גייט ביי אַ „פגר" און בלעקעצט פון אַ סידורל.

ביי דעם איז זי זייער טרויעריק געוואָרן.

צום סוף האָבן מיר זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ האָלץ־סלופּ און איר געוויזן ווי די גויים צלמען זיך און קניען צו אַ שטיק האָלץ. אַזוי לאַנג ביז זי איז אַרויסגעלאָפן פון באַלקאָן.

צו שופר־בלאָזן

אויפן גרויסן רבישן הויף, וווהין מיין טאַטע פלעג מיך יונגערהייט מיטנעמען אויף ראש השנה, איז קיינער איצט נישט געווען.

די הונדערטער חסידים, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן לאַנד אויף יום־טוב, זענען איצט געווען אין דעם גרויסן פירעקיקן בית־המדרש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון הויף.

און די ליידיקייט אויפן הויף איז געוואָרן אַזאַ אַנגסטלעכע, אַזאַ שרעקנדיקע.

עס איז געווען פאַר שופר־בלאָזן.

פון צייט צו צייט פלעג אַן איינצלנער חסיד אַרונטערלויפן הינטערן הויף, גלייך צוריקלויפן צו דער גרינער פּלומפּ, וואָס איז געשטאַנען פאַרן בית־המדרש, וואַשן די הענט און צוריק אַריינלויפן צו דער גאַנצער עדה יידן.

פון בית־המדרש האָבן זיך אַרויסגעריסן הונדערטער קולות: „מן המצר קראתי יה", אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי אַ שטאָט מיט מענטשן וואָלטן זיך געוואָרגן. אַזאַ אויסטערליש געשריי.

איך בין געשטאַנען אויפן הויף און זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אָרט, הגם איך האָב געוווסט, אַז איך דאַרף איצט זיין אין בית־המדרש און תפילה־טאָן; אַראָפּוואָרפן פון זיך אַזוי פיל זינד פאַר פאַלש שווערן, פאַר פאַלש וועגן און מעסטן, פאַר שלעכטע תאוות און פיל אַנדערע זינד.

כאָטש דעם איינציקן חטא, וואָס איך האָב אויף זיך געפילט איז געווען אַ זילבערנע מטבע, וואָס איך האָב געפונען אין שבת און האָב זי באַהאַלטן אין זאַמד, כדי צו דער פולער־וואָך זי צו קענען נעמען.

איך האָב זיך פון הויף נישט געקענט אָפּרייסן.

איך בין געשטאַנען הינטער איינעם פון די פענצטער פון בית־המדרש, וווּ דער רבי האָט זיך געפונען.

דאָס פענצטער פון רבין איז געווען מיט מילך־שויבן, פאַרשטעלט פאַר דעם הויף. און אין מיינע אויגן האָבן די שויבן אויסגעזען ווי וואָלקנד־לעך אויפן הימל, אונטער וועלכע עס איז לויטער פּאַרכטיקע סודות.

צו דעם־אָ פענצטער האָט אַ מאַמע געבראַכט צום רבין איר קינד צו שופר־בלאָזן.

זי האָט דאָס קינד געהאַלטן אויף די הענט, הגם דאָס איז געווען אַ גרויס ייִנגל, אַן ערך פון אַ יאָר צען.

דאָס ייִנגל איז געווען דאַר, אַז דאָס הייטל אויפן לייב איז נישט גע־ווען מער ווי צוזאַמענצוהאַלטן די ביינדלעך. דערצו איז ער געווען געל ווי וואַקס און נישט געקענט גיין, געווען געליימט.

די מוטער האָט אים אַזוי געהאַלטן און דאָס ייִנגל, דערזעענדיק מיך, האָט אָנגעהויבן צו מיר שמייכלען.

איך האָב זיך נישט גערינכט, אַז אַזאַ ייִנגל וועט שמייכלען, נאָר ער האָט געשמייכלט, געשמייכלט מיט אַזעלכע גראָע אייגעלעך.

איך בין אַזוי איבערגענומען געוואָרן פון זיין שמייכל, אַז איך בין גרייט געווען אים אָוועקצוגעבן מיינע פיס. זאָל ער אַביסל גיין, זאָל ער אויך קענען אַרומלויפן, זאָל ער זיך קאָנען שפּילן, אוי ווי איך וואָלט זיך געשפּילט מיט אים, געשפּילט פאַר זיין גאַנצן אויסזען.

נאָר איך בין באַלד אָפּגעריסן געוואָרן פונעם ייִנגל.

אויפן הויף פון רבין האָבן זיך ממש אַריינגעריסן מיט טומל אַ מיידל מיט אַ מוטער.

די מוטער האָט דאָס מיידל געהאַלטן אונטערן אָרעם און האָט די גאַנצע צייט גערעדט צו איר, זי געבעטן:

— בלימעלע, טו מיר נישט אָן קיין בושות צווישן מענטשן, טו־אָן דאָס טיכל אויפן קאָפּ. וועסט הערן שופר־בלאָזן פון רבין, וועסטו געזונט ווערן. נאַ, בלימעלע, טו־אָן דאָס טיכל.

און דאָס מיידל, אַ וווקסיקע, אַ געזונטע, מיט אַ פול פנים, מיט קויל־שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ, מיט צעשפּילטע שוואַרצע אויגן אונטער גרוי־סע ברעמען, האָט זיך באַין־אופן נישט געלאָזט אָנטאָן דאָס טיכל אויפן קאָפּ:

— מאַמע — האָט זי געשריגן פון אַ מויל קלאָרע ציין — מאַמע,

איך האָב נאָך נישט חתונה געהאַט, איך ווייס נאָך נישט דעם טעם פון אַ חתונה, וואָס דעקסטו מיר צו דעם קאָפּ? — און אַוועקגעריסן דאָס טיכל.

— אַלץ דער דיבוק — האָט די מוטער געוויינט — דער דיבוק לאָזט דיך נישט צודעקן די האָר. ווײ און ווינד איז מיר.

— אָ, מאַמע, אַ שיינער איז געווען דער דיבוק. ער האָט מיך גע־טראָפן אין אַן אָוונט, ער האָט מיך געגלעט. דו זעסט, מאַמע, אָט־אָ־דאָ אויף דער באַק האָט ער מיר געגלעט. ער האָט מיר געוואָלט אָנרירן דאָס לייב, די האָר, גלעטן מיך, איך בין אַנטלאָפן. איצט בענק איך נאָך אים גאַנצע נעכט. מאַמע, איך וויל צום דיבוק! אוי, ווי גוט עס מוז זיין מיטן דיבוק.

די מוטער האָט איר פאַרשלאָסן דאָס מויל מיט די הענט, איינגעהאַלטן דעם שטראָם ווערטער, וואָס זענען פון איר געפלאָסן.

אַזוי זענען זיי צו ביז צום פענצטער פון רבין.

ווי נאָר דאָס מיידל האָט דערהערט אַ געזאַנג פון בית־המדרש האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „אַזוי פיל מענער דאָרט, אַזאַ הײמלעכקייט, מאַמע, איך וויל אַריין אין בית־המדרש" — און האָט זיך מיט כוח געריסן פון דער מוטערס הענט.

נאָר' דאָ איז אונטערגעקומען דער שמש פון רבין, אַ געלער ייד מיט אַ סך זומער־שפּרינקעלעך אויפן פנים — געכאַפּט אַן עמער וואַסער און אַ לאָז געטאָן אויפן קאָפּ פונעם מיידל.

דאָס מיידל האָט זיך טאַקע באַרואיקט. נאָר אירע מלבושים, אַ ווייס קלייד מיט אַ ווייסער בלוזע, האָבן זיך אַזוי נעציק צוגעקלעפּט צו איר לייב, האָבן אַזוי בולט געמאַכט אירע גלידער, אַז עס האָט אויסגעדאַכט, ווי זי וואָלט אַ נאַקעטע געשטאַנען אויפן רבינס הויף, און דער שטן וואָלט געזיגט.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויפן שופר־בלאָזן פון רבין.

אין בית־המדרש איז טאַקע געוואָרן שטיל און גלייך האָט אַ שאַל געטאָן אַ קול פון אַ שופר — טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ — און האָט דורכגע־שניטן דעם הויף.

דאָס מיידל האָט זיך צעשריגן: „איך וויל נישט! איך וויל נישט!"

און די מוטער האָט זי אַרומגענומען מיט אַ געוויין: „בלימעשי, לאָז־ארויס דעם דיבוק, בלימעשי״.

און די מאַמע מיטן קראַנקן קינד האָט אויפגעהויבן דאָס יינגל אין דער הויך און געשריגן צו די פאַרשטעלטע שויבן: „הייליקער רבי, ער איז ביי מיר אַ בן־יחיד, שפּאַלט דאָרט די הימלען!״

די קולות זענען מיר לאַנג נאָכגעגאַנגען.

ווען איך פלעג נאָר הערן דאָס שאַלן פון אַ שופר, האָבן זיך אין זיינע ציטעריקע טענער נאָכגעהאנגען אַזוי פיל אומגליקלעכע, וואָס שטייען מיט די הענט אויסגעשטרעקט צום הימל.

אַ גערַאַנגל

דער מאַרק איז געווען געפּראַפּט מיט מענטשן. אויף יעדע פּאַר שפּאַן — אַ בויד מיט סחורה און אַרום איר — האָט געווימלט מיט קונים.

געצויגן האָט זיך דער מאַרק איבער אַ לענג, וואָס האָט דורכגע־האַקט פון ביידע זייטן אייניקע גאַסן און געסלעך. און די אַלע גאַסן זע־נען געשטאַנען ווי אָפענע מיילער צום מאַרק און האָבן דאָס אַרויסגעשפּיגן אַזוי פיל מענטשן.

ס'איז געווען אַן ערב־יום־טוב. און פון די בוידן האָבן אַראָפּגעשיינט געבעקסן, יום־טובדיקע יידישע געבעקסן: געפלאָכטענע קוילעטשן אין פאָרעם פון פייגל; קוכנס געפילטע מיט מאָן, מיט קעז. און קיכלעך, רונ־דיקע און מיט ציינדלעך, פון אויבן באַשיט מיט פערפעלעך, מיט צוקער, מיט צימרינג.

אַ שפּאַן ווייטער — אַ בויד מיט גרינצייג, וואָס די רויט שריינענדי־קע פּאָמידאָרן, די רענדלדיקע מייערלעך, די גרינע קעפּ פון די רעטעכער האָבן עדות געזאָגט, אַז מען האָט זיי נאָר־וואָס אויף יום־טוב פון גאָרטן געבראַכט.

ווייטער עטוואָס אָפּגערוקט — אַ בויד מיט שפּייז: קאַשע, מעל, רייז, וואָס זענען געשטאַנען אין אויפגעשאַרצטע זעק, ווי אויפגעשאַרצטע אַרבל, וואָס די הענט זענען גרייט צו דינען.

אַרום דעם מאַרק זענען געווען יאַטקעס, אַרומגעהאנגען מיט בלוט־רויע זייטן פליישׁ, מיט קעפּ, וואָס זענען נאָר־וואָס געקוילעט געוואָרן און האָבן אַזוי פחדימדיק געקוקט מיט די פאַרגלייזטע אויגן; געקוקט ווי זיי וואָלטן די צווייטע זייט פון לעבן דערזען.

נעבן זיי זענען געווען קראָמען פון פיש. און אין קעגנזאַץ צו די בלוט־שריינענדיקע יאַטקעס איז דאָ ביי די פיש אַלץ געווען אַזוי שטיל, אי דאָס לעבן, אי דער טויט.

ש. בערלינסקי

די לעבעדיקע פיש זענען אַרומגעשווומען אין באַסיינען, צו־און־אויפ־געמאַכט דאָס מויל, געצאַפּלט מיט די פלוס־פעדערן, נישט צו דערהערן קיין קלאַנג. און די טויטע — זענען געלעגן אָן מאָנונג, אָן דראָונג, אָן פאַרגליווערטע שרעק, עפּעס ווי אויסגעלייזטע.

און אַ געשריי איז געשטאַנען אין מאַרק, וואָס האָט אויפגעריסן די אויערן. יעדער קרעמער ביי זיין בויד האָט אויסגערופן זיין סחורה. פון פיל שרייען האָבן די שטימען ביי די סוחרים באַקומען אַן אויסדרוק. ווי די פּראָדוקטן זייערע.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן ביי די וועלכע האָבן אויסגערופן מעל, זייערע שטימען באַקומען אַ מין ווייכקייט: מעל! מעל! מעל! און אַלץ האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָרט.

און ביי דער ריי פון יאַטקעס, ווו מען האָט אויסגערופן: פרישע לונג־און־לעבער, פיס, און די שטימען רויע, רוצחישע, וואָס האָבן דער־מאָנט אין געקוילעטע בעלי־חי.

און די קונים האָבן באַטאַפּט די סחורות, געוויגן, געמאָסטן, באַ־צאָלט און צו אַ נייער בויד צוגעגאַנגען.

פון ערגעץ־ווו האָט זיך אויפן מאַרק באַוויזן אַ יונגערמאַן מיט גאַנ־צע פּעק בלומען צום פאַרקויפן. ער האָט זיי געטראָגן אין בינטלעך, אַ בינטל נעלקן, גלאַדיאָלן און רויזן פון פאַרשידענע פאַרבן.

לויט זיין אויסזען האָט דער יונגערמאַן געמוזט לעבן אויפן דאָרף. זיין פּנים איז געווען ברוין, אָפּגעברענט פון דער זון, נאָר די אויגן, דאָ ווו די זון האָט קיין שליטה נישט אויף דער פאַרב, זענען געווען אַזעלכע העל־בלאָע.

ער האָט געבלאָנדזשעט מיטן בליק איבערן מאַרק, געזוכט ווו אַן אָרט זיך אַוועקצושטעלן מיט די בלומען און געפונען אַ שטיקל ליידיקן פּלאַץ ביי אַ יאַטקע.

אַוועקגעלייגט די בלומען האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן זייערע דופטן, באַשמעקן דעם אָרום, נאָר אין לופטן זיך צונויפגעשטויסן מיט מאָדנע ריחות פון דער יאַטקע.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער נאָר אַ פאַרביסענער גוראַנגל צווישן די איידעלע אַראָמאַטן פון די בלומען מיט די רויע ריחות פון פעל,

פון רויפלייש, פון בהמהשע פיס און פון דעם גאַנצן געעפּנטן אינגעווייד פון די אָקסן, וואָס האָט געשלאָגן פון דער יאַטקע.

די נעלקן מיט זייערע נעגעלעך־דופט, די רויזן מיט זייער מאַנדל־געשמאַק, די גלאַדיאָלן מיט דער שמעקעדיקער לופטיקייט פון צעבליטע פעלדער, די אַלע בלומען האָבן זיך געפּרוווט אַריינרייסן אין דעם געדיכטן געשטאַנק פון דעם יאַטקע־ריח, געוואָלט פאַרטרייבן אָט־אָ דעם בייזן גע־רוך, פאַרטרייבן פון זייער גבול. נאָר די ריחות פון דער יאַטקע האָבן זיך געוואָרפן מיט דער גאַנצער גראָבקייט פון נישט געוואַשענע בהמהשע פיס, וואָס האָבן געטרעטן אין צואה, אין מיסט; פון פעל אומגעזויבערטע, וואָס פון די האָר האָט געשלאָגן אַן איבל.

און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען, אַ מינוט האָט זיך אויסגעדאַכט, יאָ, די בלומען־דופטן וועלן גובר זיין, זיי קומען דאָך מיט אַזאַ איידלקייט, דרינגען דאָך אַריין אין דיר, דו עפנסט זיך דאָך פאַר זיי, דו באַגערסט דאָך זיי. נאָר אָט האָט אַ פוליע־געטאָן פון דער יאַטקע אַ געדיכטער געשטאַנק, וואָס האָט אַלץ פאַרדעקט, דערשטיקט די איידעלע דופטן. די בלומען ליגן טויטע, דערוואָרגענע, זייער אָטעם פילט מען נישט. און ווי־דער אַ מאָמענט און דער אַראָמאַט פון די בלומען רייסט זיך דורך, צע־רייסט דעם געדיכטן אַוויר.

דער מאַרק אַרום רוישט, דער מאַרק זידט, מען שרייט, מען קויפט, מען פאַרקויפט.

קיינער פון דער מענגע מענטשן אויפן מאַרק איז נישט אויפמערק־זאַם געווען אויף דעם שטילן געראַנגל, הגם מיר אַלע זענען דאָך אַריינ־געדרייט אין דעם אייביקן שפּיל פון איידעלעס, פיינעם, וואָס ווערט דער־שטיקט פון גראָבקייט, פון גשמיותדיקייט.

די לבנה אין שטאָט

מאַטע, איינגעשרומפּענע, ווערן די לאַמטערנעס אין די גאַסן, ווען די לבנה הענגט איבער דער שטאָט. זיי פאַרלירן זייער שאַרפקייט, זייער שגיידן זיך שפּיזיק אינעם גוף פון דער נאַכט און באַקומען אַן אויסזען ווי די קינדער־באַלאָנען.

עס פילט זיך אין אַזאַ לבנה־נאַכט, וואָס שיט מיט סנאָפּעס ליכט איבער דער ברייט פון דער וועלט, די גאַנצע באַגרעניצטקייט פונעם מענטש, זיינע קליינע יכולתן, וואָס האָט זיך אויך געשאַפן ליכט: בלינצ־לעך ליכט אין לעמפּלעך, וואָס באַלייכטן אַ מעטער די ווייט. אויב אַ גרעסערער לאָמפּ — נאָך אַ מעטער. אַ מאָס אויף קילאָוואַטן.

די שטאָט, די האַרטע שטאָט פון שטיין און אַספאַלט, טוט זיך אָן אין אַזאַ נאַכט אין אַן איינהיל, אין אַזאַ דין שטראַלנדיקן איינהיל, ווי אַ יונגפרוי פאַרוואַרפט אַמאָל אויף אירע שולטערן. זי ווערט ווייכער, די שטאָט, געשמאָלצן מיט אַזאַ העלן שיין, אַז זי פאַרלירט איר בעטאָנענע שטייןקייט.

און אַלץ אין איר: די וועגן, די דעכער, אַפילו אין די שויבן, וווּ עס איז קיין ליכט נישטאָ, טריפט מיט זילבער.

עפּעס אַ פאַרהוילענער צויבער־שפּינער זיצט אין יעדן ווינקעלע און שפּינט זילבער־פעדים. און אין דעם געשפּין פאַלט אַריין, וואָס עס קומט אונטער: אַ רינוועלע פון אַ הויז, אַ לאָדן פון אַ פענצטער. און דאָס אַלץ ווערט צונויפגעהאָפטן אין איין זילבער־געוועב. פאַר די הייזער ליגן די שטאַנגען פון די באַלקאָנען ווי סטרונעס, סטרונעס פון עפּעס אַ פאַרהוי־לענער האַרף וואָס אָט־אָט וועט זיך די נאַכט צעשפּילן אויף זיי.

די מענטשן, וואָס דער רוב פון זיי פאַרגעסן בכלל אין גאָטס וועלט, שפּרייזן אין אַזאַ נאַכט אויף די פאַסן פון דער לבנה און זיי זעען נישט, אַז זיי גייען אויף וווּנדער־טרעפּ, וואָס פירן זיי צו זייערע אויסגעבענקטע

ערטער. זיי מאַכן דעמאָלט אַ קפיצת־הדרך איבער אַ סך אָפּגעלעבטע יאָרן און קומען צו צו זייער באַגערונגס־אָרט.

ביי איינעם שווימט אויף אַ מיידל, וועלכע ער האָט גאָר אין דער יוגנט איר האַנט דאָס ערשטע מאָל געדריקט אין אַזאַ נאַכט. אַ צווייטער זעט זיך יונגערהייט אין דעם הייזל, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און ס'איז ארומגענומען מיט אַזאַ שיין. איז דען מעגלעך אויסצורעכענען וואָס פּאַראַ טירן אַזאַ נאַכט עפנט אַלץ פאַרן מענטשן?

און אַלץ וואָס עס פעלט דעם מענטש, וואָס ער האָט נישט דערגרייכט און אַ ליידיק אָרט איז געבליבן אין זיין לעבן, קומט זי, די לבנה, און פילט אים דאָס אויס אין די שענסטע פאַרבן, רופט דאָס ביי אים אַרויס אין דמיון. דער מענטש הייבט עס אָן זען אין זיין פאַנטאַזיע, ער פילט עס, כאָטש באַזיצן באַזיצט ער דאָס נישט. נאָר זי, די לבנה, פון איר זייט, ווינטשט אים דאָס שענסטע און בעסטע.

היינט וויפל זווגים ווערן אין אַזאַ נאַכט צונויפגעפירט. לויפט זי אַזוי די לבנה אין הימל און רעדט אים צו און רעדט זי צו, און אַז זיי זענען שוין אינאיינעם, פאַרוואַרפט זי אַ ליכט־פּאַס אַרום זיי, זיי זענען שוין באַהאָפטן. צו דעם נאָך צינדט זי אונטער ביי דעם פּאָרל די אויגן. זי קוקט צו אים מיט ליכט און ער — צו איר. נו, וואָס דאַרף מען מער?

און מאַכט זיך אַ מחלוקה צווישן פּאָרל, שאַדט אויך נישט, זי וועט שוין לויפן, די לבנה, זי וועט שוין אונטערטראָגן אַביסל בענקשאַפט, אַביסל נאָגעניש ביים האַרץ, ווייך מאַכן, ווייך מאַכן דעם אייטערדיקן סיכסוך און — ס'וועט ווייטער גוט זיין. אויב איז שוין געשען גאָר אויס־טערלישע זאַכן: פּאַראַט, פּאַראומגליקט, לאָזט זי דעמאָלט נישט איינ־שלאָפן. ניין, דאָס געלעגער ווערט אַ פּייניקונגס־אָרט. נישט הפקר — שרייט זי, אַ האַרץ בלוטיקט איבער דיר. און וואַרפט זיך, וואַרפט זיך, דער שולדיקער, אויפן געלעגער, ווי אַ געשאָכטענע קאַלב.

און וויפל אומגליקלעכע דאַרף זי היילן, פאַרטרייבן פון זיי די מרה־שחורהדיקע געדאַנקען. דאָ לויפט זי פאַרביי, די לבנה, איבער אַ תפיסה און זי קריגט זיך שוין דאָרט אַריין דורכן פאַרקראַטעטן פענצטערל און שיקט פאַרן אַרעסטאַנט אַ פּאַסיקל ליכט אויף דער וואַנט. און אים ווערט טאָקע לייכטער. די פאַרשלאָסענע ווענט צענעמען זיך נישט איין מאָל

פאַר דעם פאַרריגלטן, און ער באַקומט זיך אויף זיין דמיון פון אַרעסט־הויז אַרויס. און וויפל עלנדע, איינזאַמע, וואָס האָבן די גאַס געמאַכט פאַר זייער היים, ליגן אויף די האַרטע בענק אין די אַלייען. אויך פאַר זיי, פאַר די אויסגעשפּיגענע פון לעבן, מוז זי עפּעס אַ תירוץ געפינען, אַן ענטפער זיי געבן פאַר זייערע ליידן. זי רוימט אַזאַ איינעם עפּעס איין מיט איר ווייך סאַמעטענעם אָטעם און ער צעשמייכלט זיך אין דער נאַכט אַריין. און דערביי איז זי דאָך עפּעס נישט קיין באַרעמהאַרציקע שוועסטער בלויז, ניין, אַלץ איז דאָך ביי איר איינגעהילט אין כישוף. די פּרויען אין ווייסן אָנגעטאָן זעען דאָך אויס אין אַזאַ נאַכט ווי די שוועבנדע שמעטער־לינגען. עפּעס אַן אַלט איינגעפאַלן הייזל פאַרוואַנדלט זי דאָך אין פּאַלאַץ מיט שטראַלנדיקע מאַרמאָרנע טרעפּ, מיט פּערלמוט אין די פענצטער.

קומט איר צייט, פאַרשווינדט זי, די לבנה. די נעכט ווערן טונקע־לער, דער הימל ווערט ווי אַ שוואַרצער פּולאָפּ. און כדי די מורא און די פינצטערניש צו פאַרטרייבן, האָבן די מענטשן לעמפּלעך אויסגעטראַכט, אויף אַ מעטער ווייט צו באַלייכטן. גיסט זיך אַ דריי, ביסט שוין ווייטער אין דער פינצטער. נאָר וואָס קען מען טאָן? דאָס איז דער גורל פונעם מענטש.

פֿאַרטאָג אין פּאַרק

די שטעגלעך זאַמד אין פּאַרק זענען די ערשטע אַרויסגעטראָטן פֿון דער נאַכט־טונקלקייט. זיי האָבן זיך אַזוי ברוינלעך אָנגעהויבן אויפֿוויקלען איבער די געדרייטע וועגן וואָס דער פּאַרק פֿאַרמאָגט. זיי זענען געלאָפֿן צווישן בייטן בלומען, צווישן הויכע אַלייען ביימער, צווישן גראָזן.

באַלד אָן ברירה האָבן זיך שוין די ביימער־קעפּ אויסגעטאָן פֿון דער נאַכט און זיך אָנגעהויבן שפּיצן אין דעם גראָען שיטערן חלל, וואָס האָבן דערמאָנט דעם פּאַר בראשית.

די בלעטער זענען נאָך געווען צוזאַמענגעגאָסן, נאָר אַז דו האָסט אָנגעהויבן קוקן אין זיי, האָבן זיי זיך פֿאַר דיינע אויגן אָפּגעטיילט איינס פֿון אַנדערן, יעדער בלאַט — באַזונדער.

פֿון די גראָזן וואָס זענען אַ גאַנצע נאַכט געווען פֿאַרוויקלט אין טונקלס, האָט ווי אַ שוואַרצע קרעפּע אָנגעהויבן אַראָפּפֿאַלן און זיי האָבן אָנגעהויבן גרינען. די בלומען האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן מיט באָרדאָ, געלע, פֿאָמסענע סאַמעט־פֿאַרבן.

איצט האָבן זיך שוין געזען די גרינע בענק, וואָס זענען צעשטעלט אין די אַלייען.

דער פּאַרק האָט זיך אָפּגעשאָקלט, ווי אַ הון נאָכן טאָרען זיך אין זאַמד, פֿון דער נאַכט.

ער' איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער גרויס און שיינקייט.

נאָר דערווייל האָט זיך אויפֿן מזרח־זייט הימל אַ גרינער שטרייף באַוויזן, ווי אַ נישט צייטיקער לימאָן; און עפּעס אַ ליכטיקייט האָט דאָרט אָנגעהויבן פֿליסן, ווי אַ צעלאָזענער זילבער, פּונקט ווי דער פֿאַרבער פֿון די אַלע קאָלירן אויפֿן הימל וואָלט נאָר־וואָס דעם קעסל אונטערגעהייצט און אָנגעהויבן די ערשטע פֿאַרבן צו מישן.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַפּערגנבענען פון אַט־אַ דעם זילבער־טייכל אַזוי פאַרזיכטיק, באַדאַכט, מיט אַ שפּיץ־אייגל, עפּעס ווי אַ קאַץ, וואָס גנבעט זיך אין אַ שטוב אַריין.

און נאָך דעם ערשטן בליק איז זי שוין געקראָכן, געקראָכן, די זון, און געבליבן שטיין אין איר גאַנצער טעלערדיקער גרויס.

זי האָט מוט באַקומען, היץ באַקומען און אַ לייכט־געטאָן איבער דער וועלט. דער פּאַרק האָט זיך צעגלאַנצט.

די אַלע גראָזן־קעפּלעך, די בעקלעך פון די בלומען, האָבן זיך צע־וויינט פאַר פרייד, דער טוי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרערן פון שמחה. אין יעדן טראָפּן טוי האָט די זון אַזוי אַריינגעשמיצערט איר ליכט, איר וואַרעמקייט, איר לעבן, איר בלי.

מיטן זון־אויפגאַנג האָבן זיך באַוויזן די רייניקער פון פּאַרק. זיי האָבן געקערט מיט הויכע בעזימער, מיט לאָפּעטעס צונויפגעשאַרט און אויס־גערייניקט דעם נעכטיקן טאָג, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזוי פיל מיסט, אַזוי פיל אָפּפאַל, שיריים פון עסן, פון רייכערן.

איצט שטעלט זיך אַ נייער טאָג, — אַ ריינער, אַ פרישער, און דאָס גאַנצע איבערבלייבעניש פון נעכטן האָט מען אין טאַטשקעס אַוועקגעפירט צום מיסט־קאַסטן.

דער פּאַרק שמעקט, בלאַנקט. די ריינע שטעגן צווישן די געוויקסן זעען אויס אין דער זון ווי פון גאָלד געגאָסן.

דער גערטנער, אַ יונגער הויכער מאַן אין גומי־שטיוול, מיט אַ מע־סער אין דעם גאַרטל, מיט אַ שער אין האַנט, גייט אַרום צווישן די גע־וויקסן און שניידט־אונטער, גלייכט־אויס, פּוצט־צו.

ביז די זון האָט אויסגעזופּט די טוי־טראָפּנס זענען דערווייל גע־עפנט געוואָרן די וואַסער־שפּריצער, די פאָנטאַנען. און ס׳איז געוואָרן אַזאַ געלויף פון בייטשן, גאַנצע בייטשן וואַסער אין ליכט, אין שטראַלן־ליכט פון זון. נאָר זיי לעשן נישט די פייער־שפּיזן פון דער זון. די וואַסער־בייטשן, און די זון־שפּיזן פאַרצערן זיי נישט, אדרבא, אַ שלום צווישן זיי אַ פרייד צווישן זיי, מען שפּרינגט אינאיינעם, זון־שפּיזן מיט וואַסער.

אַזוי גרייט מען צו דעם פּאַרק פאַר די באַזוכער.

דאָ, אין פּאַרק, איז שמעקעדיק, איז פריי, אַן אָרט פאַר רוען, פאַר

אַרומשפּילן. מען איז ארומגענומען פון אַ הימל, וואָס האַלט זיך בלויז איבערביימער, איבער בלומען. און אַלץ אַרום ליגט אַזוי רואיק, ווי עס וואָלט געווען אַ געמאָלן בילד.

איין באַנק אין פּאַרק איז געווען פֿאַרנומען.

אויף איר ליגט אַ מענטש אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג.

זיין פּנים זעט מען נישט, ער איז איבערן קאָפּ אַריבערגעצויגן מיט אַן אַלט אָפּגעשאָסן מלבוש.

דער איינציקער סימן, אַז דאָס איז טאַקע אַ מענטש זענען די נאַקעטע פּיאַטעס פון די פיס, וואָס האָבן אַריבערגעשטאַרצט איבער דער באַנק. ווייזט אויס, אַז נאָך אַ גאַנצע נאַכט האַלטן איינגעקאָרטשעט די פיס אונטערן מלבוש, האָט ער זיי איצט, ווען די זון שיינט שוין, אויסגעצויגן אין דעו' גאַנצער לענג.

און עפּעס צעפּלאַצטע זענען זיי די פיס, מיט אָדערן דורכגעצויגן, וואָס האָבן ווי מיט אַ שריפט איבערגעגעבן דאָס גאַנצע נע־ונד־זיין פון־נעם מענטש.

נעבן זיי צוקאָפּנס איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער באַנק אַ שטעקן און אויף אים האָבן געהאַנגען אַ פּעקעלע אין לייוונט פאַרוויקלט און אַ טעפּעלע צום טרינקען וואַסער.

די דאָזיקע עלנדקייט פונעם מענטש אויף דער באַנק האָט עפּעס אַראָפּגעצויגן די גאַנצע אידילישקייט פונעם פּאַרק. די פרייד אין אים, דער לוסטיקער שפּיל, איז אַוועק.

פון דער באַנק האָט געשריגן מיט היימלאָזיקייט, מיט וואָגלעניש, מיט אַ לעבן אָן אַ דאַך, מיט פּיין פון נעכט ליגן אונטערן פרייען הימל.

פון דעם דאָזיקן טונקעלן מלבוש איבערן קאָפּ פונעם מענטש, פאַרדעקט פון דער וועלט, האָט זיך אַ שאָטן געצויגן אויף די בלומען אַרום, אויף די גאָלד־זאַמדיקע שטעגן.

אַ מענטש איז געשלאָפן אונטערן פרייען הימל אין פּאַרק.

די אַלמנה און איר טעכטערל

איר ווינונג, וואָס איז געווען פאַרהאַקט פאַר עפּעס אַ פרייד, אַן האָפענונג, זינט איר מאַן איז ביי איר געשטאָרבן, האָט זיך אָנגעהויבן צוריק עפענען מיטן אונטערוואַקסן פון איר טעכטערל.

עפעס האָט זי געפילט, פרוי שאַפּיראָ, ווי עס ווערט צוריק פריידיק אַרום איר הויז. ווי די טריבע ווענט פון אלמנהשאַפט וואָלטן זיך צעגומען און עס רייסט זיך אַריין עפעס פלאַטערדיקס, צוזאָגנדיקס.

זי האָט זיך געהאַט פאַרגענומען, פרוי שאַפּיראָ, אַז קיין פרעמדער מאַן זאָל איר שוועל נישט באַטרעטן ביז איר טעכטערל, רינה, וועט נישט אונטערוואַקסן און ווערן זעלבסטשטענדיק.

הגם זי איז געווען אין מיטעלן עלטער, ביי פינף און דרייסיק, ווען איר מאַן איז פון איר אַוועקגענומען געוואָרן, און האָט זיך געפילט אין דער פולסטער רייפקייט, איז זי דאָך צו אַזאַ באַשלוס געקומען.

און געשען איז אָט וואָס:

זי איז מיט איר טעכטערל, מיט דער 14־יעריקער רינה, געגאַנגען אַמאָל שפּאַצירן. אויפן וועג האָט די מוטער באַגעגנט אַ באַקאַנטן מאַן, ער האָט זיך באַגריסט מיט איר און זי אָפּגעשטעלט. פרוי שאַפּיראָ האָט באַמערקט ווי די קליינע רינה פאָרשט אים אַזוי מיט איר בליק בעת זיי האָבן ביידע גערעדט,באַטראַכט אים מיט אַזאַ נייגער, אַז די מוטער האָט זיך גלייך געזעגנט מיט דעם מאַן און זיך אָפּגעשיידט פון אים. נאָר די קליינע רינה האָט זיך אויסגעדרייט אין זיין זייט, אויפסניי אים באַטראַכט און געפרעגט גלייך די מוטער: „ווער איז ער, דער מאַן? פון וואַנעט קענסטו אים?“

די מוטער האָט דאָס געוואָלט מאַכן צו קליין־געלט: „סתם אַ מענטש, ער קומט אַמאָל אַריין אין ביוראָ, וו זי אַרבעט, זי קאָן אים ווייניק“. נאָר די קליינע האָט שוין נישט אָפּגעלאָזן, געמיינט אַז די מוטער באַהאַלט

עפּעס וואָס פּאַר איר און באַוואָרפן זי אויפסנײַי מיט פראַגן: „קענסט אים שוין לאַנג? זעסט זיך אַמאָל מיט אים?"

פון דעמאָלט אָן האָט פרוי שאַפּיראָ זיך אויסגעהיטן, ווי פּאַר פײַער, נישט צו שליסן קיין קענטשאַפטן מיט אַ מאַן. זי האָט איר אָנגעפילט, דער טאָכטער אירער. האָט דאָך אײַגנטלעך דער אײַגענער ברענענדיקער גײַגער יונגערהייט געלעבט בײַ איר. זי איז דאָך אין רינהס יאָרן נאָכגע־גאַנגען אַן עלטערע שוועסטער, ווען זי איז מיט איר חתן געגאַנגען שפּאַ־צירן. זײ זאָלן איר נישט באַמערקן, חתן־כּלה, פלעגט זי שעהן זײַ אַזוי נאָכקריכן. און אַז זי האָט אַמאָל באַמערקט ווי דער חתן פאַרלײגט די האַנט אַרום דער טאַליע פון איר שוועסטער, האָט זי געפילט ווי דאָס האַרץ שפּרינגט בײַ איר.

נאָך נאָך מיט מער צעצונדענעם נעפל איז זי געוואָרן אַרומגענומען, ווען איר שוועסטער האָט חתונה געהאַט. עפּעס איז די לופט אָנגעגליט גע־וואָרן אַרום איר. און ווי עס פלעגט זיך פירן בײַ יידן, האָט מען די ערשטע טעג נאָך דער חתונה דאָס פּאָרפאָלק אַליין נישט געלאָזן און זי האָט גע־נעכטיקט מיט איר שוועסטער.

זי איז האַלבע נעכט אויפגעלעגן און האָט זיך אײַנגעשמעקט אין איר לײַב, אין אירע האָר, געוואָלט עפּעס אַראָפּפילן וואָס מיט איר איז געשען, וואָס בײַ איר איז פאַרגעגאַנגען די לעצטע צײַט.

דאָס אַלץ איז בײַ פרוי שאַפּיראָ פריש אויפגעגאַנגען און זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן צוליב איר טעכטערל ווי אין אַ קלויסטער.

זענען די ווענט און די טיר פון איר הויז ווי פאַרוואַקסן געוואָרן.

די מוטער פלעגט אויפשטײן אינדערפרי, לויפן אין ביוראָ אַרײַן צו דער אַרבעט און רינה — אין שול אַרײַן.

טעג, ווי טראָפּנס וואַסער, זענען ענלעך געווען אײנע צו די אַנדערע. נאָר ווי זײ האָבן זיך נישט געזאָלט סתם אַזוי פלעכטן, די טעג, האָט פרוי שאַפּיראָ אָנגעהויבן באַמערקן אַן ענדערונג בײַ איר טעכטערל.

דאָס איז שוין געווען נאָך דעם, ווי זי האָט די שול פאַרענדיקט און אָנגעקומען אַרבעטן אַלס געהילפין אין אַ ביוראָ. זי האָט שוין געהאַט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון איר זעכצנטן לעבנסיאָר.

אינדערפרי, בײַם אָנטאָן זיך, האָט פרוי שאַפּיראָ באַמערקט ווי די

ש. בערלינסקי

קליינע רינה שטייט פאַרן שפיגל און נעמט צונויף הויפנס פון איר שאַ־טענעם קאָפּ האָר, כלומרשט מיט די הענט, אָן האָר־נאָדלען, געפּרוווט די האָר פאַרלייגן אין אַ קעקסל, צי עס וועט איר פּאַסן. זי האָט זיך פאַרן שפּיגל געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער פון די פיס, כדי צו באַמערקן ווי זי וועט אויסזען העכערהייט.

די מוטער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט ווויסנדיק, געזען ווי דאָס קליי־נע עופהלע פּיקט זיך אויס אין אַ הינדל. זי האָט נאָר צו זיך אַליין גע־שמייכלט.

נאָר מיטאַמאָל האָט די קליינע רינה געשטעלט די מוטער פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

אין אַ שבת־אינדערפרי, רינה האָט אַלץ געהאַט פאַרגעברייט אין דער שטיל און זי איז מיטאַמאָל אַריין אין אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפּעלעך מיט העכערע אָפּצאַסן, אין אַ לאַנג קלייד אַ רויטס, געפּאַסט אין דער טאַליע און מיט אַ ברייטן קלאָש אַרום, וואָס האָט איר אַרויסגעהויבן די פולע ערטער. איצט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט מאַכן די נייע פריזור. זי האָט שוין דאָס מאָל געהאַט פאַרגעברייט האָר־נאָדלען און זיך פאַרלייגט די האָר אין אַ קעקסל.

די מוטער איז געשטאַנען און האָט מיט איינמאָל, ווי נישט דער־קענט די טאָכטער אירע. אַ פריילין, אַ דינינקע, אַ געפּאַסטע, דאָס פּנים איז לענגלעך ווי אויסגעשניטן, די אויגן, פון ביר־פאַרב, האָבן אַזאַ פאַר־בענקטן גלאַנץ. עפּעס אַ שטאָלץ האָט זי דעם ערשטן מאָמענט אַרומגענו־מען. זי האָט געפילט ווי עס וואַקסט פון איר לייב אַרויס אַ מענטש. און אַזאַ שיינער און גלייכער מענטש. נאָר באַלד האָט זי אַ פּחד אַרומגענומען. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגן לעבן. האָט זי שוין טאַקע אַ דער־וואַקסענע טאָכטער? שוין? זי האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן אויף איר: „קוק דאָס נאָר אָן, דאָס סטאַלע געמיט, נאָר אַלט וויל זי אויסזען, נאָר אַלט. אפשר ווילסטו די באבעס סטענדל, וועל איך דיר עס געבן אָנצוטאָן? אַ מיידל פון 16 יאָר — האָט זי געשריגן צו איר ווי זיך צו טרייסטן, אַז זי איז נאָך בסך־הכל אַזוי יונג. — ווי זי פירט שוין אַליין אירע געשעפטן, האָט אַפילו נישט דערציילט דער מאַמען פריער, קוק נאָר אָן די מוידן!“

פרוי שאַפּיראָ איז געשטאַנען ביי אַ קלענערן וואַנט־שפּיגל און האָט זיך אויך גראָד אָנגעטאָן.

זי האָט פאַרקעמט דעם קאָפּ האָר, וואָס איז געווען געשוירן ביזן קאַרק, געפאַרבט עטוואָס די באַקן, געצויגן מיט אַ רויטן שטיפט איבער די ליפּן און געפּודערט דעם טיפן דעקאָלט, וואָס האָט זיך ביי איר פון דער בלוזע אַרויסגעשניטן. דער עיקר פּודער האָט זי געלייגט אויף די צוויי ביינער פון האַרץ־קאַסטן, וואָס האָבן ביי איר די לעצטע צייט גענומען אַרויס־שטאַרצן.

דאָס טעכטערל איז איר נישט געבליבן שולדיק אויף איר אָנפאַל: „וואָס דען האָסטו געוואָלט, איך זאָל זיך קליידן ווי דו, מיט אַ קורץ קליידל, מיט אַ געשוירן קעפּל האָר? אפשר ווילסטו דאָס בלאָע בלוזקעלע מיינס, מיט שוטאַזש אויסגענייט, וואָס איך האָב געטראָגן אין צווייטן קלאַס, יאָ?"

נאָר די אַמפּעריי פון דער מוטער מיט דער טאָכטער האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. צו רינהן איז געקומען אַ חברטע אירע און זי האָט זיך מיט איר דאָס ערשטע מאָל געלאָזט אַלס פריילין אין גאַס אַריין.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן גלייך פילן, אַז אַ יונגע פרוי געפינט זיך אין דעם הויז. בליקן האָבן זיך אָנגעהויבן וואַרפן אַרום זייער פענצטער.

פלעגט פאַרבייגיין אַ יונגערמאַן איבערן הויף, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן זיינע צום צווייטן שטאָק, ווו רינה האָט געוווינט. פון די קעגנ־איבערדיקע פענצטער האָט מען אָנגעהויבן אַהער בליקן צו זיי. ווען מען איז צוגעגאַנגען צום פענצטער האָט מען זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר אויגן. אַנדערע, יונגיטשקע, בחורים, האָבן אָנגעהויבן פייפן בעת זיי זענען פאַר־בייגעגאַנגען די ווינונג, עפּעס ווי מען פייפט נאָך טויבן.

די מוטער האָט געפילט ווי נאָך פיל יאָרן האָבן זיך די ווענט, די פאַרהאַמערטע ווענט פון איר שטוב, צוריק געעפנט. עפּעס אַ פרייד, אַן האָפענונג האָט אָנגעהויבן ווייען אַרום דער ווינונג.

זי האָט דערפון אַ זיס געפיל באַקומען, די מוטער. נאָר גלייך פלעגט עפּעס ווי אַ שפּרונג־מעסער ביי איר אין האַרץ אויפצאַפּלען, וואָס האָט געשניטן, געשניטן פאַר איר אייגן לעבן.

איינס־צוויי איז דער גאַנצער הויף פול געוואָרן מיט דער רינה. חברה

יונגוואַרג, מיידלעך און בחורים, צופּוס און אויף ראָווערן, פלעגן שטיין אויפן הויף און וואַרטן אויף איר. זיי פלעגן אַזוי וואַרטן ביז זי וועט אָפּעסן, איבערטאָן זיך און דערנאָך אַראָפּ אין דער כוואַליע פון דעם יונגוואַרג.

היימלעך איז געוואָרן אַרום זייער הויז.

נאָר איינמאָל אין אַן אָוונט האָט רינה מיטגעבראַכט אַ יונגערמאַן אין שטוב אַריין. זי איז מיט אים צו צו דער מוטער און האָט אים פאָרגעשטעלט קורץ און שאַרף: „מאַמאַ, דאָס איז מרדכי, מיין בחור". זי האָט אַפילו נישט קיין בליק געטאָן וואָס פאַר אַן איינדרוק ער האָט געמאַכט אויף דער מוטער.

די מוטער האָט אים באַטראַכט: אַ שייגינקער, שוואַרצע האָר ווי קויל, גרויסע אויגן שוואַרצע און ברעמען אַזעלכע געדיכטע איבער זיי.

די מוטער האָט באַמערקט ווי פריי זיי בײדע האַלטן זיך, ווי קיין שום קוועל פילט זיך נישט צווישן זיי, עפּעס ווי זיי וואָלטן שוין געהאַט אַ שטיק לעבן הינטער זיך. זי האָט געוואָלט פונאַנדעררעדן זיך מיטן בחור, אויספרעגן אים ווער, וואָס, נאָר רינה האָט גלייך אַלץ איבערגעהאַקט: „ער וועט נאָך קומען, מיר איילן איצט אַוועקצוגיין". און רינה איז אַוועק מיטן בחור פון שטוב.

די מוטער איז געבליבן אַליין.

זי איז צו צום שפּיגל און גרינטלעך זיך באַטראַכט, באַטראַכט וואָס איר איז נאָך געבליבן אויף די רעשט יאָרן אירע.

מילכן

די ערשטע פּאָר גילדן אַ וואָך, וואָס חנהלע האָט אָנגעהויבן צו פאַר־דינען ביי אַ וועש־נייטערין, האָט זי שוין אָוועקגעלייגט אויף אַ תּכלית־זאַך.

זי איז נאָך זייער יונג געווען, אַרום זעכצן, און מ׳האָט די זאַך נישט אָנגערופן ביים נאָמען.

די מוטער האָט ביי איר אַרויסגענומען פון דער האַנט דעם ערשטן צענער־גילדן, וואָס זי האָט געבראַכט, און מיט אַ צעקוואָלן פּנים געזאָגט: „דו וועסט דאָס אַריינלייגן אין אַ קאַסע, אַ מיידל דאַרף האָבן געלט״.

פון דעמאָלט אָן פלעגט חנהלע יעדע וואָך, ווען זי האָט נאָר געהאַט אַרבעט, אַוועקגעטראָגן אין באַנק אַריין אַ פּאָר גילדן.

און די ציפערן אין באַנק־ביכל האָבן זיך אָנגעהויבן צעוואַקסן אין דער לענג און מיט נולן אין דער ברייט, ווי די ביימלעך מיט בלעטער, וואָס קינדער מאָלן־אויף.

די מוטער, וואָס איז יונגערהייט געוואָרן אַן אַלמנה נאָך אַ שוחט און איז איבערגעבליבן מיט חנהלען, האָט זיך שוין געהאַט איינגעוווינט צו טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה.

זי איז אַרומגעגאַנגען מיט ציטרינען אין באַקאַנטע הייזער און האָט זיך פון דעם דערנערט.

אַ נידעריקע, מיט אַ פאַרפרומט טונקל פּנים, אין אַ פאַרצייטיש פּע־לענעם פאַרוק מיט אַ יידיש דערעלע ארומגענומען, האָט זי אין אַ גע־פלאָכטן קאָשיקל אַרומגעטראָגן די ציטרינען.

פון דעם האָט זי געצויגן חיונה און אויפגעהאַלטן נאָכן מאַנס טויט אַ דאַך־שטיבל, וווּ עס האָט זיך קוים איינגעשטעלט דאָס ביסל מעבל.

זי האָט לאַנג געמייסטרעוועט און איבערגעשטעלט, ביז אַלץ האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם שמאָלן צימערל. מיט יעדער קלייניקייט איז

איר געווען אַ שאָד זיך צו צעשיידן. ווער שמועסט נאָך — מיט די זאַכן, וועלכע האָבן געהערט צו איר מאַן! דאָס שויבן־שענקל מיט ספרים האָט זי אַוועקגעשטעלט אויבנאָן. אויף די אייבערשטע פּאָליצעס האָט זי אויס־געסדרט, ווי אין אַ שויפענצטער, דאָס בשמים־ביקסל און די ניקלנע פּוש־קע אויף אַן אתרוג. די שייבלעך פון שענקל האָט זי אַרומגענומען מיט גרינע פאַרהענגלעך, אַרומגעזוימטע מיט באַגילדטע סטענגעס. דאָ האָט זי אויפגעצויגן חנהלען. נאָר פאַרזאָרגן זי מיט אַ תכלית האָט זי נישט געקאָנט. דעריבער איז ביי איר די שמחה געווען אַזאַ גרויסע, ווען חנהלע האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרדינען און צונויפקלייבן געלט.

אין דער שטוב פון חנהלען מיט דער מוטער האָט מען יאָרן געלעבט אין אַלמנהשאַפט, אָן אַ מאַנספּאַרשוין; שבתים און יום־טובים אָן אַ טיש־באַשיינער. האָט זיך עפּעס אַלץ אין שטוב געבעטן צו זיווג, צו באַהעפ־טונג, צו אַנדער־מינימדיקייט. די גאַנצע זאָרג איז דאָ געוואָרן חנהלען צו פאַרקנסן, אָפּצווישן די ווייבערישע עלנטקייט, וואָס האָט דאָ געטריפט פון יעדן ווינקעלע, פון יעדן קעגנשטאַנד אין שטוב, וואָס איז געמאַכט גע־וואָרן פאַר אַ פּאָר.

נאָך דער ערשטער סומע, וואָס חנהלע האָט געהאַט צונויפגעקליבן אויפן באַנק־ביכל, האָט די מוטער שוין פאַר איר אָנגעהויבן איינצוקויפן אויף אַן אויסשטייער.

זי האָט זיך אָנגעטאָן, די מוטער, אין שוואַרן זיידענעם קלייד מיט די אַטלעסענע בלעטער, געגומען אויף זיך דעם טערקישן שאַל און זיך גע־לאָזט מיט דער טאָכטער איבער די געשעפטן.

זי האָט פאַר איר איינגעקויפט אַ שטיקל לייוונט אויף בעטצייג.

די מוטער האָט נערוועז געוואָרפן מיטן קעפּל און הייס געשלונגען די ווערטער, ווי אַן עוף וואָס קוואַטשעט, ווען עס איז דורשטיק, בעת זי האָט זיך אויסגעפּרעגט ביים סוחר וויפל מען דאַרף פאַר „ביידן” אויף בעט־צייג, אויף ליילעכער. און חנהלע האָט אַוועקגענומען די אויגן, נישט צו קוקן אין דער מוטערס זייט.

דאָס ערשטע שטיקל לייוונט האָט מען אין דער היים אַריינגעלייגט אין גרינעם קופערט אויף אַ באַזונדער אָרט. אין שטוב האָט דאָס געלאָזט

פילן, ווי מען וואָלט שוין אָנגעהויבן אַריינצוברענגען דאָס געהאַפּטע, דאָס אויסגעקוקטע, דאָס, וואָס האָט אין שטוב געפעלט פון יאָרן.

פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר גילדן אויפן באַנק־ביכל, איז די מוטער גלייך געגאַנגען מיט חנהלען עפּעס איינ־קויפן: דעם טייערסטן פוך פון לעבעדיקע גענדז געפליקט, קאָלדרעס, טישטעכער, האַנטעכער.

נאָך אַ גאַנצן ווינטער, ווען חנהלע האָט אַמאָל געאַרבעט אָן איבער־רייס, האָט זי זיך אויך געקויפט פּליושענעם שטאָף אויף אַ זשאַקעט און שוואַרצן טוך אויף אַ קאָסטיום.

דאָס אַלץ: די פעדערן, די שטאָפן, די לייוונטן, זענען געלעגן צעלייגט איבער פאַרשידענע ערטער אין שטוב. אַ בנין אויסגעבויט אין דער לופטן. ס׳האָט נאָר געדאַרפט קומען דער באַשערטער, און די אַלע זאַכן זאָלן פו־באַנדערגעלייגט ווערן אויף זייערע ערטער און זאָלן אָנהייבן מיטצולעבן אַ יונג לעבן.

אָבער דערווייל, ביז יענער צייט, האָט חנהלע די זאַכן נישט גענוצט, געלאָזט זיי אומבאַרירט, ווי די אומשולד פון אַ פרוי, וואָס וואַרט אויף דעו׳ שעה פון באַהעפטונג.

האָט ווינטער געמעגט זיין ווי קאַלט, האָט זי מיט דעם פוך זיך נישט געוואָלט צודעקן. דאָס אייגענע איז געווען מיט די שטאָפן: ווי נייטיק זי האָט נישט באַדאַרפט האָבן אַ קליידל, האָט זי פון דעם נישט געוואָלט נוצן. דאָס אַלץ איז געלעגן אויף שפּעטער, אויף שפּעטער.

דער באַשערטער איז אָבער דערווייל נישט געקומען.

חנהלע, וואָס איז שטאַרק געראָטן געווען אין פאָטער, מיטן הויכן שטערן, מיט אַ בלייך, לענגלעך פּנים און מיט אַ פּאָר אומעטיקע שוואַרצע אויגן, האָט אין דער סביבה, וווהין דאָס לעבן האָט זי אַריינגעוואָרפן, נישט שטאַרק נושא־חן געווען. נישט אין ווערקשטאַט און נישט אין נאָדל־פאַראיין, וווּ איר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען, האָט זי זיך נישט גע־קאָנט אויסוויילן איר באַשערטן. זי איז געווען אַ שטילע, אַ פאַרשלאָסענע און האָט שלעכט געקוקט אויף די מיידלעך, וואָס הענגען זיך אַזוי לייכט נאָך די יונגעלייט. און די יונגעלייט אַליין, צעלאָזענע, וואָס ווילן נאָר לעבן אויף דער שעה, אויפן „שפּרונג״ — זיי מיינען דאָך גאָרנישט צו

פאַרפלאַנצן זיך אַ לעבן אויף אייביק. איז זי שטענדיק אין דער געזעל־שאַפט געבליבן אין שאָטן, שטענדיק אין אַ זייט.

האָט זי זיך שוין געהאַט באַקענט מיט אַ יונגנמאַן, איז ער געווען אַרבעטסלאָז, און ער האָט זיך בלויז געמיינט צו ראַטעווען ביי איר אונטער אַ דאַך. אַ צווייטער, וואָס איז געהאַט אַנטלאָפן פון אַ פרום־רעליגיע־זער היים, האָט איר געשטעלט אַ תנאי, נישט צו וואַרטן ביז דער רב וועט לייגן דעם שטעמפּל, דער רב פרעגט אים אויך נישט.

די צייט האָט דערוויל געטאָן אירס און געגאַנגען.

יעדעס מאָל, ווען חנהלע האָט געהאַט אַ פרייען טאָג פון דער אַר־בעט, פלעגט זי אַלע זאַכן גלייך לייגן, אויסלופטערן פון שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין ענגן צימערל. און זיי זענען ווייטער געבליבן ליגן אויף די אייגענע ערטער, פונקט ווי די יאָרן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף די שטוביקע אָן ענדערונג.

די האָפענונג, די פרייד, וואָס די זאַכן האָבן אַמאָל אַריינגעבראַכט אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו ליגן ווי טויטע שטיקער סחורה, ווי פענער, וואָס בלייבן הענגען נאָך דעם, ווי די פייערלעכקייט איז שוין פאַראיבער.

איינמאָל, ווען חנהלע איז צוגעגאַנגען צום קופערט, האָט זי באַ־מערקט, אַז מילבן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין טוכענעם שטאָף, — זיי האָבן אויסגעפרעסן אַ שטיק, די גרויס פון אַ זילבערנער מטבע, אין סאַמע שפּיגל פון טוך.

זי איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון קופערט, ווי זי אַליין זאָל האָבן באַקומען דעם ביס. זי איז מיט דעם שטיק סחורה אין האַנט צו צו דער מוטער: „מאַמע, איך לויף שוין צום שניידער, זעסט? מילבן איך וועל מיך נישט לאָזן אויפעסן לעבעדיקערהייט, כ'וועל נישט לאָזן".

מיטן טוך האָט זי מיטגענומען דעם פּליוש, די לייוונט.

זי האָט זיך געקילט, ווען די שערן זענען אַריין אין די שטאָפן און האָבן געשניטן קאָסטיומען, זשאַקעטן, העמדער, בעטצייג.

אין דער היים האָט זי אַריינגעשאָטן די פעדערן, פאַרבעט זיי אין די בעטן און אויפגעשפּרייט די נייע קאָלדרעס, די טישטעכער.

זי איז געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, ווי פאַרווירט, און האָט

אויסגעשפּרייט, גלייך געלייגט; די מוטער האָט זי נישט געקאָנט האַמע־
ווען, האָט איר נישט געקאָנט מער אויסריידן. חנהלע האָט אָן אויפהער
געשריגן: כ׳בין אויך אַ מענטש, כ׳דאַרף אויך לעבן״.

ווען די גאַנצע שטוב איז שוין געווען אויסגעפּוצט, איז זיביים טיש
אַראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אויף די הענט און זיך שטאַרק צעשלוכצט.

די מוטער האָט געקוקט אויף איר און זיך דערמאָנט, אַז פּונקט מיט
אַזאַ הייס, זודיק קול, האָט זי געהאַט באַוויינט איר טויטן מאַן.

אַ גרושה

אַן ערך פופצן יאָר האָט זעליק וואלקער געלעבט מיט זיין ערשט ווייב. זינט ער האָט זי געדענקט, איז זי אייביק געווען אַ שוואַכע, אַ פאַר־קרענקטע. פון איר טישל ביים בעט זענען כמעט נישט אַראָפּ די פלעש־לעך מיט די געקרויזטע ראָזע פּאַפּירלעך אַרום די העלדזלעך און מיט דער לאַטיינישער שריפט אויף די בייכלעך. און אַ לעפל איז דאָרט געלעגן, וואָס נעמענדיק אים אין מויל אַריין, האָט זיך איר פּנים פאַרקרימט און צונויפגעיאָגט אַזויפיל פעלדעלעך, ווי עס זאָל האַלטן אינגאַנצן ביים איינ־שרומפּן און צונישט ווערן.

זעליק וואלקער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דער הויכער פרוי מיטן לאַנגן פּנים, אָן אַ בלוט־טראָפּן, וואָס איז געווען אַרומגענומען, ווי מיט אַ הייטל פון אַן איי ביים ווייסלעכץ, און מיט הענט — שפּיציקע, וואָס מען האָט געקאָנט אָנציילן די ביינער מיט די אָדערן.

עס פלעגט אים אַ רחמנות אַרומנעמען צו דעם נידערגעשלאָגענעם נפש, וואָס האָט געקוקט צו אים מיט שולד פאַר איר עקזיסטענץ, ווי אַ פאַרשולדיקט הינטל קוקט אונטער די שמיץ פון באַלעבאָס. דאָס דאָזיקע שוואַכלינג האָט אַרויסגערופן אַ געפיל, ווי עפּעס אַ שליימיקע בריאה, וואָס מען קאָן זי מיט אַ קוועטש צעדריקן און מען לאָזט זי דערפאַר לעבן.

פלעגט ער אַליין לויפן נאָכן דאָקטער, אין דער פרייער צייט טאָן אַלע שטוב־אַרבעטן, און נאָכן אַרומשניפן אין אַלע געוועלבער אויך אַריין אין אַפּטייק און מיטנעמען פאַר איר די פלעשלעך רפואות.

אַ קינד האָט זי געהאַט — אַ מיידעלע, וואָס עס האָט ביים האַרץ פאַרכאַפּט ביים זען אירע דאַר־שטעקלדיקע הענט און פיסלעך. אַ האַלב יאָר צייט איז עס געלעגן געוויקלט אין וואַטע. ס'האָט כמעט די לופט נישט דערשפּירט, שוואַך אונטערגעמיאַוקעט, און אין אַ פרימאָרגן האָט עס אַ ייד אין אַ לאַנגן שוואַרצן סורדוט אַוועקגעטראָגן אין אַ קעסטל.

אַ גרושה

און דער שוואַרצער, ברייט־ביינערדיקער, פערציק־יעריקער זעליק, וואָס איז אין גאַרבערייִ געשטאַנען אין אַ לעדערן פאַרטעך און געוואַל־קערט די יוכטן, כראָמעס, אַז אַ שפּיגל האָט זיך אין זיי צעגלאַנצט, האָט אין דער היים איינגעדרימלט אין די כוחות, ווי אַ לייב אין אַ שטייג. צום ווייב, האָט ער געוווסט, טאָר מען זיך נישט צורירן, ווי צו עפּעס אַ פּאָר־צעליין, וואָס קאָן אים בלייבן אין דער האַנט. דאָס קינד האָט ער גאָר אָנ־קוקן נישט געקאָנט. מען האָט עס אים נישט געטרויט אין זיינס אַ האַנט אַריין. דאָס עסן אין דער היים איז אויך געווען פון אַזאַ מין, וואָס ער האָט עס גאָר׳ אין מויל נישט געשפּירט: האָדעלעך און מאַגע־קאַשעס. טאָ־מער עפּעס אַן אויג פון יויך אָדער פון פּוטער, — האָט שוין פאַרשאָדט, האָט שוין לאַקסירט. דאָס אייגענע מיט דער לופט, — חלילה עפּעס אַ ווינטל, אַ צוגעלע, האָט מען שוין געהיסלט און פאַרקלאַפּט טיר און פענצטער.

נאָכן טויט פון זיין ווייב איז זעליק וואלקער אויפגעבונדן געוואָרן אין זיינע כוחות. ער פלעגט ליגן אַליין אין די צוויי צימערן, — האָט ער׳ פאַר זיך אויסגעביילט אַ פויסט און דורכגעזייעט דורך די פאַרשלאָסענע ציין: אַ יוסטע, אַ געזונטע; זאָל זי אַפילו קאָנען דערלאַנגען, נאָר אַזוי, אַז מען זאָל שפּירן, — שאַדט נישט. און אין דמיון האָט זיך אים צע־שפּילט, ווי ער שלאָגט זיך מיט אַ ריזיקער יידענע: זי — אים, ער — איר, אַז כמאַליעס פליען ווי די קלעצער. דערנאָך האָט ער אַליין גע־שמייכלט צו זיך: משוגענער, פאַרוואָס זיך עפּעס שלאָגן מיט אַ ווייב?

אַז עס האָט אָנגעהויבן קומען צו אים אַ שדכנטע, אַ הויכע פרוי, ווי אַ שטעקן, מיט אַ משונה שוואַרצן קאַפּעליושל אויפן קאָפּ, וואָס האָט גע־רעדט צו אים אויף אַן „אינטעליגענטן דייטש״, האָט ער איר ס׳ערשטע געזאָגט: „ווערט מיר נאָר געוויר, צי זי איז אַ געזונטע. ס׳קאָן זיין ווי יענער רויטער עפּל, וואָס אינעווייניק טאָטשעט אַ ווערעמל״.

אויף די „בעשויונגען״, וואָס די שדכנטע האָט אים צונויפגעפירט מיט אַלמנות, גרושות, עלטערע מיידלעך, פלעגט ער לאַנג מיט אַ כוונה מיט זיי גיין. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיי, ווי אַ מוזיקער צו זיין אינס־טרומענט, צי עס סקריפּעט נאָר נישט עפּעס, צי דאָס קול, וואָס קומט פון אינעווייניק, איז גאַנץ. און נאָך אַ לאַנגן אַרומשנאַפּן האָט ער זיך אָפּגע־

שטעלט ביי אַ פערציק־יעריקער גרושה, אַ שוואַרצער, אַן אויסגערונדיק־טעו׳, וואָס אַ גוידערל האָט זיך איר אַפּערגעפּליישט פון אונטער דער גאָמ־בע. נאָך זיין ערשט ווייב האָט זי אים אויסגעזען אַ „גמאָך״, אַ געביידע אַ גאַנצע. פונדעסטוועגן האָט ער אַמאָל אָפּגעטשאַטעוועט, ווען ער איז געווען אַליין מיט איר אין שטוב, און האָט זיך אומישנע געוועט מיט איר אין אַרונטערדרייען זי די הענט. זי האָט זיך געווערט, געגעבן אַ ווידער־שטאַנד׳, און די הענט אויסגעשטייפט ווי דראָטן, גלייך זי זאָל האָבן גע־פילט, אַז אין דעם פּאַרמעסט דאַרף זיך אויסשפּילן איר גורל. ער האָט מיט זיינע אויסגעוואַלקערטע הענט אירע דאָך נישט געקאָנט אַרונטער־דרייען. און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז טאַקע געווען די חתונה, הגם ווייט נישט מיט דעם נדן, וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט צו סילוקן.

די באַוווינונגען, וועלכע ביידע האָבן געהאַט, האָט מען אָפּגעלאָזט און מען האָט געדונגען אַ נייע דירה.

ער האָט זיך געלאָזט מיט איר אין דעם יום־טובדיקן ווייך־סוחרישן קאַפּעליוש, זי אין אַ וואָל איבערן פּנים, און מען איז געגאַנגען איבער מעבל־געשעפטן. זי האָט אים געוואָלט ווייזן, ווי זי איז באַהאַוונט אין מאָדערנע זאַכן׳, און האָט כסדר געצויגן מיט דער נאָז. און די סוחרים האָבן איר צוגעוואָרפן ווערטלעך: „קען זיך, ווי אַ קאָזע אויף אַן אתרוג״, אַז זי איז שיעור אויפגעשפּרונגען אונטער דעם וואָל. און ער מיט זיין גאַנצער געלוסטיקייט איז געשטאַנען גרייט מיט דעם אַלטמאָדישן לעדערנעם טייס־טער׳ צו צאָלן ווען און וויפל זי וועט אים הייסן.

ביים איבערציען זיך האָט ער זי געבעטן: „סאַלטשע (זי האָט זיך איצט איבערגעמאַכט דעם נאָמען פון שרה, ווי יענער מאַן האָט זי גע־רופן), סאַלטשע, ברענג נישט מיט קיין שמאַטעס מיט קיין לאַכעס, — איך האָב מיינע אויך אויספּאַרקויפט״.

און נישט אָפּגעשמוסטערהייט האָבן ביידע זיך פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט אין אָפּמעקן דאָס פריערדיקע, אָפּווישן עס.

איצט פלעגט זעליג וואַלקער זיך אַהיימכאַפּן פון דער אַרבעט און גלייכשטעלן, אויסטדרן די אַלע שטובזאַכן. ער האָט זיך געדרייט איבער די צוויי פריש־אויסגעמאַליעוועטע צימערן מיט פייגל און בלומען. ריחות פון סאָסנעס, פון געהילץ, האָבן זיך געטראָגן פון נייעם מעבל. און ער

האָט יעדעס מאָל געכאַפּט אַ בליק צו דער פרוי, וואָס איז געזעסן, די שוואַרצע האָר פאַרקעמט אין אַ קאָקס, דאָס פּנים פליישיק פול, און האָט אים צוגערופן צום טיש: „זעליק, די טיי ווערט דאָך קאַלט, קום אַהער, ווערסטו שפּעטער דאָס טאָן". ער האָט זיך נאָר אַליין ביי זיך געפרעגט: צי הייבט עס זיך טאַקע אָן, דאָס לעבן? ער האָט זיך אין די טעג געפילט, ווי אַ באַגנעדיקטער. ער האָט דאָך שוין גערעכנט מיט יענעם קראַנקן שוועמל צוצוקלעפּיען די פּאָר יאָר. און ער האָט זיך עפּעס גאָרנישט געקאָנט גע־טרויען, פּונקט ווי אַ הונט, וואָס מען לאָזט אים אָפּ פון דער קייט, און ער פּרוווט זיך נאָך אַלץ מיטן קאָפּ, צי ער איז פריי.

איין זאַך פּלעגט אים זיין עפּעס פאַרדעכטיק, — דאָס, וואָס די פרוי פּלעגט צו אים כסדר שמייכלען, אים גלעטן, און אַזוי גלעטנדיק, איז זי צו צום טייסטער פון זיין בוזעם־טאַש און אַרויסגענומען געלט, וויפל זי האָט געוואָלט. ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט, געפילט זיך אומעכטיק קעגן דעם געזונטן שטיק ווייב, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט. נאָר שטענדיק אין אַזאַ מאָמענט פלעגט ביי אים אויפשווימען יענער קוש פון דעם „זדעכליאַק", פון ערשטן ווייב, וואָס האָט אים צוגעטאָן די שלאָבער־דיקע ליפּן און פאַרגאַנגען אין געוויין: „זעעליק, דו ביסט דאָך מיין רע־טער, דיר האָב איך דאָך צו פאַרדאַנקען מיין לעבן". און ער איז גרייט געווען צו גיין דעמאָלט אין דער ערד אַריין פאַר איר. און דאָס האָט אים דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ צווייט ווייב. און עס פלעגט אים באַפאַלן יענץ רחמנות אויף דער, וואָס פוילט איצט און האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין לעבן.

איין מאָל, אַז זעליק איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן זיצן אין שטוב אַ נידעריק מענטשעלע אין אַן אַכטקאַנטיקן גע־קעסטלטן ציקליסטן־הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ שיטער אַש־קאָליריק בער־דעלע אויף אַ טייגיק פּנים. געקוקט האָט ער דורך ברילן מיט דראָטענע רעמלעך הינטער די אויערן, נאָר מיט אַזעלכע צוויי שפּיציקע אייגעלעך — נאָו׳ דורכצושניידן מיט זיי די גלעזלעך. די אונטערשטע ליפּ איז ביי אים אַראָפּגעהאָנגען אַ גראָבע און אַ בלאָע, ווי אַ מילץ. די מאַרינאַרקע, דער קראַגן, וואָס ער האָט געטראָגן, זענען נישט געווען לויט זיין מאָס. און די

שמאַלע פּלייצעס מיטן טיפן גריבל אין קאַרק זענען אין זיי אַרומגע־שווומען.

די פרוי האָט זעליקן פאַרלעגן געשמייכלט: „דאָס איז מיין ערשטער מאַן, געקומען אַהער זיך דורכשמועסן וועגן טעכטערל, וואָס איז ביי אים".

הגם זעליק האָט פון דעם אַלעם געוווּסט: אַז זי האָט אַ צען־יעריק טעכטערל ביים ערשטן מאַן, אַז זי האָט געהאַט עפּעס אַ שניידערל פאַר אַ מאַן, אַ שלאַק, נאָר איצט, קוקנדיק אויף אים, איז עפּעס די פרוי אין זיינע אויגן געוואָרן דורכגענומען מיט דעם דאָזיקן פאַרשוין, ווי פליישן, וואָס קאָכן זיך אינאיינעם. מיט דעם־אָ האָט זי געוווינט העכער צען יאָר? מיט דעם האָט זי געהאַט אַ קינד? אויף אַ מאָדנעם אופן האָט זיך דאָס מענ־טשעלע איבערגעטראָגן אויף דער פרוי, עפּעס ווי אַריין אין איר, נישט צום אָפּטיילן.

ער איז די גאַנצע צייט געזעסן און האָט דורך די ברילן שפּיציק גע־קוקט צו זעליקן. זעליק האָט געפילט, אַז מיט זיין אַריינקומען האָט ער זיי עפּעס געשטערט, און האָט געזאָגט מער צו דער שטוב: „אויב איך שטער, וועל איך אַרויסגיין אַביסל". די פרוי האָט זיך האַסטיק אויפגע־שטעלט, איז צו צו זעליקן, ווי זי זאָל זיך וועלן ווערן און געזאָגט: „ניין, דו ביסט דער באַלעבאָס, מיר וועלן אַריינגיין אין דער צווייטער שטוב".

דורך דער וואַנט האָט זעליק געהערט פאַרדושעטע רייד, וואָס האָבן זיך געקנוילט, ווי אונטערערדישע גליענדיקע לאַוועס: אַ געצישעריי, ווי צווישן הינט, וואָס בייסן זיך אין דער שטיל. בלויז געציילטע ווערטער זענען צו אים אויפגעגאַנגען. „שרה, כ'פאַרשיט דיך באַלד" — האָט דאָס מענטשעלע געסיקעט, און זי האָט אים אויף דעם געענטפערט: „זאָלסט ליגן און זאָלסט זיך נישט קאָנען „ספּאָוויאַדען". און ווידער שטיל. און ווידער אַ געצישעריי. דערנאָך זענען זיי ביידע אַריינגעקומען. ער האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט", און זי האָט ווייטער געשמייכלט, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

סאָלטשע האָט נאָך דעם וויזיט פון איר ערשטן מאַן נאָך מער אָנגע־הויבן צו אים שמייכלען, נאָך מער זיך געלייגט פאַר אים אין דער לענג און אין דער ברייט. אָבער יעדעס מאָל, וואָס זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די פולע אַנטבלויזטע האַנט, איז

אים פון דעם לייב, וואָס פלעגט אַזוי ווירקן אויף אים, נאָכגעגאַנגען דער ריח פון יענעם מענטשעלע, פון איר פריערדיק לעבן. און זי איז געבליבן ליגן, די האַנט, אַ טויטע אויף זיין אַקסל, אים געראַזשעט מיט דער פרעמד־קייט, און ער האָט זיך באַפרייט פון איר.

אַ פּאָר טעג אַזוי, און די פרוי האָט געזען, אַז זי קאָן אים גאָרנישט ווייכער מאַכן, — איז זי שוין אַרויס מיטן סוד: „זי מוז אַריינגעמען דאָס קינד; אַז נישט, בלייבט עס אויף דער גאַס. זי האָט אַזוי אָפּגעשמועסט מיט יענעם כאָלערניק, אַז ער וועט עס האַלטן ביז זי וועט חתונה האָבן“.

זעליק האָט זי אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער געלעגנהייט, ווי אַן אַרעסטאַנט אָן אַ שריפה אין דער תפיסה: ניין און ניין, ער איז גרייט זיך צו צעשיידן, ער וויל נישט יענעמס קינד, ער וויל נישט יענעמס ווייב, און זיי האָבן זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום געגט.

צוויי חברטעס

זיי פלעגןביידע אַהיימגיין פון דער שולע.

איינע פון זיי שושנה, אַ שמאָלינקע, מיט אַ העל לענגלעך פּנים, איז איבער דער גאַנצער צייט געלאָפן איבערן וועג, געשפּרונגען. דערביי האָבן זיך ביי איר די צוויי בלאָנדע צעפּלעך געוואָרפן און געצאַפּלט, אַקוראַט ווי זיי זאָלן אברים זיין, וועלכע לעבן מיט איר יונג לעבן. אויגן בלאָע, צעשיינטע, ווי אַ ליכט וואָלט אונטער זיי געברענט.

זי פלעגט זיך אָבער יעדעס מאָל פאַרהאַלטן, זיך דערנענטערן און זיך אָנשליסן אָן די טריט פון איר חברטע דבורה, אַ טונקעלע, מיט טיפע ביר־אויגן, וועלכע איז געגאַנגען אַ שטילע און ערנסטע, דעם בליק געהאַלטן פאַר זיך, ווי זי וואָלט נאָך נישט דרייסט געוועזן צו קוקן אויף דער וועלט. און ס׳איז אין פלוג שווער געווען צו וויסן, וואָס האַלט דאָס די דאָזיקע צוויי מיידלעך אַזוי צונויף, וואָס בינדט זיי איינס צו ס׳אַנדערע. אַז אין תוך גענומען זענען זיי אַזוי אַנדערש געווען הן אין זייער אויסערלעכקייט והן אין זייער גאַנץ וועזן. נאָר שושנה פלעגט אַזוי כסדר אַרומשפּרינגען, אַרומצאַפּלען און אַרומהוזשען, ווי אַ זשוק אין די זומער־פאַרנאַכטן. און מיטאַמאָל אַוועקפאַלן אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע, מיט עפּעס אַ נאָגעניש, וואָס זי האָט אַליין נישט געוווסט וווהין עס ציט זי. און דעמאָלט האָט זי געהאַט אַ באַדערפעניש אין אַ נאָענטן מענטשן. און ווער נאָך ווי דבורה מיט איר ערנסט פּנים און מיט איר פאַרטראַכטן בליק האָט זי געקענט צוציען צו זיך? זיי פלעגן דאַן זיצן שטיל, די צוויי מיידלעך, אַוועקלייגן דאָס קעפּל איינע אויף דער צווייטערס שויס, טוליען זיך און זיך וועלן עפּענען איינע פאַר דער אַנדערער, ווי די קנאָספּן זייערע ערשטע בליטן. נאָר שושנה האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן די שטילקייט, זי איז אויפגעשפּרונגען און ווייטער אָנגעהויבן אַרומפלאַטערן. און דבורה, בלייבנדיק זיצן אין איר שטילקייט, האָט געשמייכלט און האָט צו איר

גׄעשריגן: „אַהאַ, שוין ווידער אין איר אַריין דער שד“, הגם שושנהס ווילד־קייט האָט דעם שטילן מיידל געשמעקט.

און ווי דער שטייגער ביי יונגע מענטשן, אַז זיי פאַרקניפּן זיך, איז איינע פון דער צווייטער נישט אָפּגעטרעטן. אין קלאַס — אינאיינעם, ביים מאַכן אין דער היים די לעקציעס — אינאיינעם, און נאָך די שול־אַרבעט ביים שפּיל — ווידער אינאיינעם. אַזוי ווי זיי האָבן אין איין קלאַס געלערנט, אינאיינעם געמאַכט די לעקציעס און זיך געאיבט איינע מיט דער אַנדערער, האָבן זיי ביים אַרויסלאָז פון דער שולע אין איין טאָג באַלייגט עקזאַמען, כמעט מיט די זעלבע אויסצייכענונגען.

פאַרענדיקט די שול און געדאַרפט אָנהייבן טראַכטן וועגן דעם ערשטן תכלית, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן קלערן און מאַכן פּלענער אינאיינעם. ווייל עס האָט זיך געהאַט אונטערגערוקט אַ מכשול, וואָס האָט זיי געקענט צעשיידן. שושנהס פאָטער איז געווען אַ קליינער אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק. און ער האָט געהאַט אַ גרויסע שטרעבונג, אַז זיין געראָטן טעכטערל זאָל ווייטער שטודירן. דאַקעגן דבורהס פאָטער, אַ בעל־מלאכה, אַן איינבינדער, וואָס האָט בדוחק מפרנס געווען דאָס ווייב מיט די דריי קינדער, האָט שוין אויסגעקוקט, אַז זיין עלטסטע טאָכטער זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט און ס׳זאָל איך שטוב אַביסל לויזער ווערן אין דער פּרנסה. נאָר אָנהייבנדיק מאַכן חשבונות וויפל שושנה וועט דאַרפן אָפּקאָסטן, דאָס אויסהאַלטן אין דער גרויסער אוניווערזיטעט־שטאָט, וויפל שכר־לימוד און אַלע איבעריקע הוצאות, האָט דער פאָטער געמוזט קומען צו דער פאַר אים ווייטיקלעכער מסקנא, אַז עס האַלט נישט אויס, זיין קליינער געהאַלט אין באַנק קלעקט נישט פאַר די אַלע אויסגאַבן. און ביידע מיידלעך, געשטעלט שוין אין איין לאַגע, האָבן אין זייער אייגענער שטאָט, אַ קרייז־שטאָט אין פּוילן, אָנגעהויבן זוכן פאַר זיך אַ באַשעפטיקונג.

זיי האָבן זיך איצט אויפגעהויבן באַלד אינדערפרי, פריי שוין פון דער שול, פריי פון לעקציעס און פריי נאָך פון יעדן שפּאַן, און די טעג האָבן זיך פאַר זיי געשפּרייט ווי אַ קאַנווע אויף צו שפּינען אַלערליי פּלענער. זאָלן מיר ווערן פאַרקויפערינס אין אַ געשעפט? און אפשר הוטן־פוצערקעס? און אפשר גאָר אין אַ ביוראָ ביי אַן אַרבעט? און פול מיט דערוואַרטונג האָבן זיי זיך געלאָזט, די הענט צונויפגעפלאָכטן, שושנה

מיט אירע העל־בלאָע צעשמייכלטע אויגן און דבורה מיט אירע ברוינע פאַרטראַכטע אויגן, איבער די אַלע פאַרשידענע אַרבעטס־אַמטן. און מיט די ערשטע באַוווּנדערונג זיך צונויפגעשטויסן מיט די באַאַמטע און מיט די באַלעבאַטים, צו וועלכע זיי זענען געשיקט געוואָרן. יעדער באַוועג, יע־דער טאָן און יעדער ענטפער פון אַ באַלעבאָס איז פאַר זיי געווען שטאָף אויף איבערצושמועסן, אויף אויסצולאַכן און אויסצוחוזקן. און זייער וועלט איז איצט אַזוי רייך געוואָרן מיט פאַרשידענע איינדרוקן פון דעם ערשטן צונויפטרעף מיט די פרעמדע מענטשן. ווער שמועסט נאָך די ערשטע אַר־בעטס־טעג, האָבן זיי זיך גאָרנישט געקענט זאַט־רעדן פון די אַלע בייע־דערשיינונגען. דער גאַנצער אָוונט ביז צום שלאָפן גיין האָט פאַר זיי נישט געקלעקט. שושנה האָט זיך געהאַט פאַרדונגען אין אַ געשעפט פון דאַמען־קאָנפעקציע. און זי האָט נאָכגעמאַכט די אַלע מינעס פון די דאַמעלעך, וואָס קומען אַריין קויפן אין געשעפט און שטייען שעהן פאַרן שפּיגל, ווי אַזוי ביים אָנמעסטן די נייע קאָסטיומען ווילן זיי אויסזען יינגער און שאַרן אַרונטער די גוידערס אונטער דער גאָמבע. דאָס פלייש לויפט אָבער צוריק אַפיר און די מאַדאַם בלייבט ווייטער שטיין אַן אַלטע טראָמבע. און דבורה איז אַריין אין אַ געשעפט פון גלאָז און פאַרבן. און ביי איר די קונים זענען יידן גלעזערס און פאַרבערס, וואָס קומען אַריין אין גע־שעפט פאַרקלעפּטע, באַשפּריגקלטע אויף די פּנימער און בערד און פאַר־פלעקטע.

נאָכן ערשטן חודש־געהאַלט, וואָס זיי האָבן באַקומען, האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי זענען אייגנטלעך שוין נישט קיין מיידעלעך, וואָס זיי טראָגן נאָך די צעפּלעך, זיי דאַרפן זיך אָנהייבן אַנדערש קעמען. און מיט אייגן פאַרדינט געלט, שוין נישט געדאַרפט אָנצוקומען צו די מוטערס, זע־נען זיי ביידע אַריין אין אַ פריזור־אַנשטאַלט, צעפלאָכטן צום לעצטן מאָל די צעפּלעך. די האָר האָבן געזשאַרזשעט אונטער זייערע ציטעריקע פינ־גער. נאָר זיי האָבן פאַרן פריזירער געשמייכלט אין שפּיגל אַריין, גרייט, הייסט עס, צו שניידן די צעפּ. און זיך געהייסן אַרומשערן אויף איין פאַ־סאָן: פון פאָרנט מיט גזשיווקעלעך און פון אונטן איבערגעלאָזט אַ לענג ווי אַן עק פון אַ פּאַווע. אין דער פריזורע, ווו דער פריזירער אין אַ ווייס פאַרטעך און מיט שוואַרצע וואָנסעלעך איז געשטאַנען און זיי באַטראַכט

די געשווירענע קעפּלעך, האָבן זיי ערנסט אַריינגעקוקט אין שפּיגל, כּלומר, צי עס פּאַסט זיי, און געדרייט קאָקעטיש מיט די קעפּלעך. נאָר אַז זיי זענען אַריבער די שוועל פון פריזורע, האָבן זיי זיך צעלאַכט, אָנגעקוקט זיך יעדעס מאָל אויפסניי און זיך געקאַטשעט און געלאַכט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן גיין איבער דער גאַס מיט אַן ערנסטער מינע, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, ווי זיי זאָלן שוין אַזוי גיין געקעמט יאָרן לאַנג. און גלייך האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז צו דער נייער פריזור פּאַסטן שוין נישט די קורצע קליידלעך, די קינדערשע. און זיי האָבן מיט צוריקגע־האַלטענע שמייכעלעך געזוכט אין די מאָדע־זשורנאַלן אַ פּאַסאָן און זיך באַשטעלט צוויי לאַנגע קליידער פון איין שניט. זיי האָבן לאַנג אָנגע־מאָסטן און אַרומגעמאָסטן זיך פאַרן שפּיגל און באַשטימט אויף שבת זיי אָנצוטאָן. אין די פּאָר טעג ביז שבת האָט כּסדר געלעבט אין זיי אַן אומרו, זיי זענען עפּעס געווען פאַר אַ דערוואַרטונג. עפּעס אַ נייע צייט האָט געדאַרפט פאַר זיי אַריינטרעטן. און דער געהאָפטער שבת איז דאָך געקומען. און נאָכן עסן, ווען אַלטע לייט לייגן זיך שלאָפן הנאה צו האָבן פון דער שבתדיקער מנוחה און פאַרן יונגוואַרג איז עס די בעסטע צייט אַרומצושטיפן און אַרומצוהוליען, אין דער צייט האָט דבורה אַריינגע־טראָגן איר קליידל צו שושנה, מחמת ביי שושנה אין שטוב איז געווען אַ גרויסער שפּיגל, און די צוויי מיידלעך זענען דאָס ערשטע מאָל אַריין אין די לאַנגע קליידער.

אָנגעטאָן זיך און פאַרקעמט, זענען זיי אַרויס אויף דער פּרינציפּאַ־לער גאַס, ווו דער הויפּט־שפּאַציר איז געווען.

זיי זענען געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, קיין איבעריקן באַוועג זיך נישט געגעבן, פּונקט ווי הונדערטער פּאָר אויגן וואָלטן געווען אויף זיי אָנגעשטעלט, אַזוי האָט זיך זיי געדאַכט. זיי האָבן זייערע בליקן נאָר געהאַלטן פאַר זיך, מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן זיך באַגעגענען מיט פיל אויגן אַרום. און זיי זענען אַזוי געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, אָן שום כּוונה, אָן שום מיין, גאָרנישט וועלנדיק און גאָרנישט פאַרלאַנגענדיק. איין באַ־גער איז ביי זיי געווען: געפעלן. וועמען? זיי ווייסן אַליין נישט וועמען, געפעלן, ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. זייער גאַנג זאָל זיין ווי אויף אַ וואָרע, ווו פון ביידע זייטן זאָלן שטיין מענטשן און זיי באַוווּנדערן. און

זיי זאָלן אַזוי גיין און גיין. נאָר נאָך איידער זייערע בייע קליידלעך זענען אָפּגעשאָסן געוואָרן פון דער זון, האָבן זיי אויפן שפּאַציר דערשפּירט אויף זיך בליקן, בליקן פון מענער, וואָס האָבן זיי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די שפּיץ־פינגער. בליקן געווען, וואָס זיי האָבן זיי געשפּירט, ווי ווערעם זאָלן אויף זייער לייב קריכן. געווען אָבער בליקן ווי פלעמלעך, וואָס האָבן גע־וואַרעמט, האַסטיקער געמאַכט לויפן די געבליטן, קלאַפּנדיקער — די הערצער. נאָר זיי האָבן אויף די בליקן נישט געענטפערט, געמאַכט זיך ווי נישט זיי מיינט מען. נאָר צווישן זיך, האַ־האַ! יעדער אנגענעמער בליק פון אַ מאַן איז געפאַלן אין האַרץ אַריין ווי אַ קערנדל, וואָס צעבליט זיך און צעדופטעט. און פאַרבאָרגן פאַר אַ פרעמד אויג און אויער האָבן זיי אין זייער ווינקעלע וועגן די דאָזיקע בליקן גערעדט, געלאַכט, געשושקעט זיך מיט צעשפּילטע אויגן. נאָר פילגדיק ביי דעם אַלעם אַ געפּאַר, האָבן זיי זיך נאָך מער פאַרפאַנצערט און מיט זייער פאַרשלאָסענעם מיידלשן אוצר זיך אַזוי געטראָגן, פעסטער נאָר, וואַרימער איינע צו דער אַנדערער דעם אָרעם געדריקט, ווי זיי וואָלטן געזוכט שוץ איינע ביי דער אַנדערער.

אין איינעם אַ טאָג האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ צערודערונג אין דעם לעבן פון די צוויי מיידלעך. ס'איז אומגעריכט פאַר־בייגעפאָרן זייער שטאָט שושנהס אַ קרוב און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי אין שטוב אַ קורצינקע ווײַלע. אַ יונגער בחור, אַ שוואַרצער, מיט ברייט געדיכטע שוואַרצע ברעמען, ווי די בויגנס פון אַ פידל, איבער אַ פּאָר גלימערדיקע אויגן. ער האָט מיט שושנה זיך נאָר איבערגעקוקט, מחמת ער האָט געאײַלט צום צוג, און האָט צוגעזאָגט צו קומען. אָבער, מאָדנע, נאָך זיין אַוועקגיין זענען זיינע שוואַרצע אויגן געבליבן הענגען אין צימער און האָבן עפּעס ווי געקוקט פון דעם אָרט, ווו ער איז געזעסן ביים טיש. אַלע אין שטוב, שושנהס עלטערן, דאָס יונגערע שוועסטערל שושנהס, האָבן גערעדט וועגן זיין מאָדנע קוקן מיט די שוואַרצע אויגן. און שושנה? זי איז גלייך געלאָפן צו דבורהן, און די בליקן פון דעם יונ־גערמאַן אויף איר האָבן צווישן די צוויי מיידלעך באַזונדער אויפגעלויכטן. „עפּעס מאָדנע געקוקט האָט ער אויף מיר — האָט שושנה געזאָגט — שוואַרצע אויגן, — ברעמען געדיכטע און אַ שטימע — אַ באַס, ער האָט מיך עפּעס געשראָקן". און דבורה האָט זיך איינגעקוקט גלייך אין אירע

אויגן, פּונקט ווי זי וואָלט אין זיי געוואָלט זען דעם יונגנמאַנס בליקן, הערן זיין שטים. ווען מען האָט שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן דעם שנעלן באַזוך פון דעם יונגנמאַן, האָט פּלוצלונג, ווי אַ פּלאַם, וואָס זעצט אַרויס פון אַ פאַרשטעקט אָרט, זיך אָנגעהויבן מאַכן אַ גערייַדערייַ צווישן דער משפחה וועגן אַ שידוך פאַר שושנהן מיט דעם יונגנמאַן. זיין באַזוך, האָט מען זיך דערוווּסט, איז טאַקע געווען מיט דעם ציל, ער האָט שושנהן געוואָלט זען. נאָר ביי שושנהן האָט דאָס אי אַ ווילן אי אַ שרעק אַרויס־גערופן. עפּעס אַזאַ שוואַרצער מאַן מיט צעפּינקלטע אויגן און מיט אַזאַ גראָבער שטים. ס'האָט איר געצויגן און געשראָקן. און זי האָט זיך איצט מער ווי תמיד געלאַשטשעט צו דבורהן. „נו, וואָס זאָל איך טאָן? ווי מיינסטו, האַ?" און די צוויי מיידלעך זענען געזעסן ווי ביי דער וואָגשאָל פון מזלות און געוויגן און געמאָסטן און ס'איז אויסגעפאַלן אויף יאָ. און ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך. שושנה, וואָס איז איצט געוואָרן אַ סך אומרואיקער, געשפּאַנטער און ס'האַרץ האָט עפּעס כסדר אָנגעהויבן ברו־מען אין איר, האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן ביז מען וועט דאָס געשעפט שליסן און זי זאָל לויפן זיך זען מיט דבורהן. פאַר איר האָט זי דאָך געקאָנט זיין אַזוי אָפן, אויסדערציילן איר דעם גאַנצן אומרו, וואָס האָט זי אַרומגענומען, דעם פלאַטער, אַז פון דער הוילער הויט שלאָגט איר פּלוצלונג דאָס בלוט אין פּנים אַריין, אַז זי שעמט זיך אין געשעפט צו געפינען זיך צווישן מענטשן. און דבורה האָט מיטגעלעבט מיט איר, מיט־געפילט, ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס דערוואַרט זי אַליין. און יעדער טאָג האָט איצט געבראַכט עפּעס נייעס פאַר די צוויי מיידלעך. דאָ איז אַ בריוו גע־קומען פון חתן און שושנה איז מיט אים געלאָפן צו דבורהן איבערלייענען, טיילן זיך מיט די ערשטע ליבשאַפט־ווערטער: „טייערינקע שושנה" און צום סוף: „איך קוש דיך פיל מאָל". און די ווערטער האָבן פאַר די מייד־לעך געלויכטן, ווי פייער וואָלטן אין זיי געשטעקט. צומאַרגנס האָבן זיי ביידע דיקטירט אַן ענטפער. שושנה האָט זיך געוואָלט צעפראַלען און שרייבן אים, אַז זי בענקט נאָך אים, אַז זי טראַכט וועגן אים שטענדיק. און דבורה האָט איר צוריקגעהאַלטן און געוואָלט אַריינטראָגן אין דעם בריוו איר שטילקייט, איר פאַרבאָרגנקייט. „מען דאַרף נישט אַזוי, שושנה — האָט זי איר ממש די פעדער פאַרהאַלטן — ס'וועט געַנוג זיין, אַז דו

וועסט שרייבן, אַז דו האָסט זיין בריוו געלייענט מיט צופרידנקייט". ס'איז אונטערגעקומען די חתונה. דבורה האָט זיך איצט אויסגעטאָן אינגאַנצן פון איר אייגן לעבן. בעת זי איז נאָר אַרויס פון געשעפט האָט זי שושנה שוין אָפּגעוואַרט און זי איז געגאַנגען מיט איר צום שניידער און צו דער נייטערקע. זי איז געווען מיט איר ביים פּאַסטן, ביים אָנמעסטן און ביים אָפּנעמען די קאָסטיומען, די קליידער און אונטערקליידער. זייער שמאָל מיידלש ווינקעלע איז איצט אויפגעריסן געוואָרן פאַר אַזוי פיל געשעע־נישן. פונקט ווי שושנה איז דבורה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פיבער פון צוגרייטן צו דער חתונה. יעדער טאָג, וואָס איז געוואָרן נענטער צו דער חופה, האָט זיך אַלץ מער אויסגעבראָכן פון געוויינלעכן סדר פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. ביי שושנה אין שטוב האָט מען שוין נישט געגעסן, נאָר עפּעס איבערגעכאַפּט. און דבורה, הגם זי האָט אַ גאַנצן טאָג געמוזט שטיין אין געשעפט, איז זי אָבער די לעצטע טעג געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס. קוים זיך דערוואַרט די מינוט, ווען דאָס געשעפט וועט געשלאָסן ווערן און זאָל זיך קענען אַריינוואַרפן אין די אַלע נייעסן איצט ביי שו־שנהן אין שטוב. זי איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן. דאָ האָט זי באַטראַכט די בעטצייג, און דאָ די אויסגעהאָפטענע וועש, דאָס חופּה־קלייד און דעם שלייער. און זיי האָבן שוין נישט באַוויזן ווי אַמאָל, אי־בער יעדע קלייניקייט אַזוי זיך צו צערריידן, די זאַכן זענען געווען אַזוי פיל און די צייט אַזוי קורץ. נאָר פאַר דאָס אין חופּה־טאָג, זענען ביידע מיידלעך געווען אין איין לאַגע. דבורה האָט זיך אויף דעם טאָג באַפרייט פון געשעפט און זי איז פון אינדערפרי אָן געווען מיט שושנהן. זי האָט מיטגענומען איר ווייס קלייד, כדי זי זאָל נישט דאַרפן אַהיימגיין זיך אי־בערטאָן און זאָל די גאַנצע צייט זיין אינאיינעם מיט שושנהן. אמת, ס'זע־נען געווען אַ סך זאַכן צו דערליידיקן, די צוויי מיידלעך האָבן געדאַרפט פאַרברייטן אַלצדינג לויט זייער גוסט און געשמאַק, און זענען כסדר גע־ווען פאַרנומען. נאָר דאָך איז עפּעס פון זיך אַליין די אָפנקייט זייערע, דאָס אַנטפּלעקן פון יעדע איבערלעבעניש, אין חופּה־טאָג פאַרשלאָסן גע־וואָרן פאַר זיי. זיי האָבן אַלץ גערעדט וועגן אויסערלעכע זאַכן, וועגן דער איינאָרדענונג, הגם אַ פּאָר מאָל האָט דבורה באַמערקט ווי ביי שושנהן פלאַטערן די נאָזלעפלעך, און דאָס פּנים, וויפל זי זאָל עס נישט פודערן,

שלאָגט אַרויס דערויף אַ רויטע פאַרב, ווי אַ פלאַם. נאָר זי האָט אויסגע־מיטן, דבורה, אַז שושנה זאָל זיך נישט אַמאָל אָנשטויסן, אַז זי דערזעט דאָס. דאָס אייגענע איז געווען, ווען שושנהס מוטער און אַ מומע אירע האָבן זי אַוועקגענומען אין אַ זייט און האָבן זיך געשושקעט מיט איר אין דער שטיל. שושנה איז דאַסמאָל צוריקגעקומען ווייס ווי אַ קרייד, און האָט זיך געמאַכט עפּעס זוכן איבערן צימער, כדי זי זאָל נישט דאַרפן גלייך צוגיין צו דבורהן.

נאָר ווען שושנה איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין חופה־קלייד מיטן וועלאָן, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן, אַרויפגעפאַלן אויף די שולטערן פון דבורהן און האָט זיך שטאַרק צעוויינט. טרערן, ווי הייסער בליי, זענען גערונען פון אירע אויגן. דבורה האָט אויך געוויינט, זי געלאַשטשעט, גע־וואָלט זי איינגעמען. נאָר שושנה האָט אינגאַנצן געפיבערט, געהאַלטן דעם קאָפּ אויף דבורהס נאַקן און זיך געקלאַמערט צו איר, ווי עפּעס מורא געהאַט זי אָפּצולאָזן.

אין חתונה זאַל און ביי דער חופה זענען זיי עפּעס פאַרטויבט גע־וואָרן פון דער מוזיק און פון דעם האַרמידער פון די מחותנים, פון די געסט און פון די ווינטשעוואַניעס און קושענישן. זיי זענען גאַרנישט גע־ווען מיט זיך. נאָר דאָך איז דבורה די גאַנצע צייט געווען נעבן איר. אין זיי האָבן זיך נישט איינמאָל ביי די הענט געהאַלטן, כדי צו פילן די נאָענטקייט. אַפילו ביים חתן־מאַלצייט האָט זי שושנה צוגערופן. און דאָס יונגע פּאָרל און זי האָבן געטרונקען אויף גליק פון איין כוס. די חתונה איז געגאַנגען מיט איר גאַנג און איז אַריין אין שפּעט־נאַכט. דבורה איז מיטגעטראָגן געוואָרן אויף די פּאָלעס פון דער שמחה. און מיטאַמאָל, קיין וואָרט, קיין צייכן נישט, שושנה איז נישטאָ, אַנטקומען געוואָרן פון איר זייט, פאַרשוונדן. די ערשטע מינוט האָט דבורה זי אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן איבערן זאַל, געוואָלט אַפילו וועמען אַ פרעג טאָן. נאָר אַ געדאַנק האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח און זי איז שנעל אַרויס פון זאַל.

אַ העלע נאַכט איז געשטאַנען אונטער דעם צעטאַנצטן חתונה־זאַל. די לבנה, אַ פולע, איז געשוומען צו מערב־זייט און אויפן וועג אָנגע־טראָפן אַ וואָלקן, אַרונטער, פאַרדעקט געוואָרן, פאַרשוונדן. דער אַרום איז געוואָרן טונקל.

דבורה איז געגאַנגען אין איר ווייס קלייד, וואָס זי האָט זיך געמאַכט ספּעציעל אויף דער חתונה און זי האָט עפּעס דערפילט אויף זיך אַ חוזק־קלייד, אַ קלייד, וואָס שפּאָט פון איר, לאַכט מיט אַזאַ ווייס געלעכטער אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, ווען זי גייט איינע אַליין אַהיים. זי האָט עס וואָס שנעלער געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך. זי האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט, אַ גאַנץ לעבן, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, האָט זי שושנה צו־געגנאַרט און איז איצט פאַרשווונדן פון איר אין אַזאַ געהיימקייט. זי האָט איר גאָרנישט געקענט. און עפּעס אַ שניט, האָט זי געפילט, איז געשען אין איר לעבן, וואָס טריפט מיט אַזוי פיל ווייטיק. אַזאַ סודותפולע מחיצה האָט זיך איצט איינגעשטעלט צווישן איר און שושנה. ניין, זי וויל איר מער נישט זען, מער איר נישט אונטערקומען אונטער די אויגן, ווען זי וואָלט מעגלעכקייטן געהאַט, וואָלט זי ווייט ווייט אַוועק, אַז זי זאָל איר קיינמאָל מער נישט טרעפן.

פאַרשווונדן איז פאַרשווונדן.

צומאָרגנס איז זי טאַקע אַוועק באַלד אינדערפרי פון דער שטוב. שו־שנה זאָל אַמאָל נאָך איר נישט קומען. פאַרנאַכט פון דער אַרבעט איז דבורה אַהיים נישט געגאַנגען. זי האָט זיך אַרומגעשלאָנדערט אַלייז אי־בער די גאַסן. ס׳איז איר נמאס געוואָרן די פאַרדעכטיקטע בליקלעך פון מענער, וואָס וואַרפן צו יעדער פרוי, וואָס גייט איינע אַליין און זי איז אַריין אין אַ קינאָ.

די בילדער האָבן געשווינדלט פאַר אירע אויגן אָן שום צוזאַמענ־האַנג. אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן עקראַן האָט זיך צו איר נישט געקלעפּט. זי איז נאָר געזעסן בלויז צוליב דעם, וואָס זי האָט וואָס שפּע־טער געוואָלט אַהיימקומען.

קעגן האַלבע נאַכט, ווען זי איז געווען זיכער, אַז אַלע שלאָפן שוין, איז זי אַהיימגעגאַנגען. זי האָט די מוטער, אַ פאַרשלאָפענע, געפרעגט, צי עס האָט זי דאָ קיינער נישט געזוכט. „נ יי ן״ — האָט די מוטער איר געענטפערט האַלב פאַרדרימלט.

אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין איר האַרץ. אַזוי גאָר? אַפילו נישט געווען ביי איר מער, שושנה? אַזוי געגנאַרט האָט זי געזאָלט ווערן? זי איז אינגאַנצן פאַרפלייצט געוואָרן פון פאַרדרוס. יעדעס נערוון־פעדעמל

האָט בײַ איר געזאָטן. און עפּעס האָבן אירע אבֿרים, אירע יונגע אומבאַ־רירטע אבֿרים אָנגעהויבן וויינען אין איר. זי האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין איר געלעגער און אַזאַ עלנטקייט האָט זי אַרומגענומען, אַזאַ איבעריקייט, אַז דאָס בעסטע וואָלט פֿאַר איר געווען, ווען זי זאָל אַזוי ליגנדיקערהייט ערגעץ פֿאַרזינקען. אַלץ וואָס זי האָט ביז איצט אַזוי ערלעך אויסגעהיטן און איז געווען שטאָלץ דערויף, האָט זי איצט אַזוי טיף באַליידיקט. אַזוי געטרײַ איר געווען און אַזוי געטרײַ אַרום זיך און אַזוי אַליין, אײגנע אַליין. מיטאַמאָל האָט זי אײַנגענאָרעט דאָס פּנים אין קישן און זיך צע־וויינט, אַזוי געוויינט נאָר צוצעגיין אין די אייגענע טרערן. און זיי האָבן איר עפּעס לויזער געמאַכט, די טרערן, געלאָשן איר פֿאַרדרוס. און זי האָט נאָר עפּעס אויף שושנהן אַ מיטלייד באַקומען. קען זײַן זי איז גאָר־נישט שולדיק, שושנה. ווער ווייס אין וואָס פֿאַר אַ סיטואַציע זי איז אַרײַן. אפֿשר פּלאָנטערט זי זיך דאָרט און וואַרפֿט זיך ווי אַ פֿיש אין דער נעץ? אפֿשר קוקט זי זי גאָר אויס? אפֿשר בייטיקט זי זיך גאָר איז איר הילף? אפֿשר דאַרף זי, דבורה, גאָר גליקלעך זײַן, וואָס זי איז אַליין. אַ באַרואיקטע, אַ געגעזטע, איז זי אײַנגעשלאָפֿן.

פֿונדעסטוועגן, נישט טראָגנדיק שוין קיין שום האַס אויף שושנהן, האָט זי געפֿילט אַ גרויסע קוועל זי צו טרעפֿן. און טעג זענען אַזוי גע־גאַנגען איינער און אַ צווייטער און זי האָט אַלץ אָנגעוואָנדן זי נישט צו זען. ווי אַזוי זאָל זי איר איצט אונטערקומען אונטער די אויגן? אין שושנה? דאָס אייגענע מוז דאָך בײַ איר אויך זײַן. זי איז זיכער געווען, אַז אין גרעסטן קוועל געפֿינט זי זיך דאָרט, שושנה. אַז נישט איינמאָל באַשליסט זי אַוודאי, אַז זי מוז קומען צו איר און קען אַלץ נישט פּועלן בײַ זיך.

איינמאָל פֿאַרנאַכט, דאָס איז געווען אין פֿערטן טאָג נאָך דער חתונה, דבורה גייט אַרויס פֿון געשעפֿט און שושנה — וואַרט זי אָפּ. דעם ערשטן מאָמענט האָט דבורה געוואָלט אַנטלויפֿן, ווי פֿון אַ בראַנד אַנטלויפֿן. נאָר שושנה האָט צו איר געשמייכלט מיט אירע בלאָע אויגן, אַזעלכע קלאָרע, אַזעלכע לויטערע, ווי די טוי־טראָפּנס, און צו איר אַזוי פּשוט געזאָגט: „נאַרעלע, קום אַהער“. און עפּעס אַזאַ פֿרייקייט איז געווען אין איר פּנים, אַן אָפֿנקייט, אַז איר גאַנצע אינערלעכע וועלט האָט זיך געזען ווי דורך

גלאָז. און וואָס פאַר אַ פרישקייט אין אירע באַקן, אַ פרישקייט, ווי ביי בלעטלעך פון אַ רויז אין זייער בליאונג. זי איז געשטאַנען קעגן איר, שושנה, און אַזאַ זאַטע צופרידנקייט האָט געשפּאַרט פון איר.

דבורה איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטע. אַזוי גאָר? אַזעלכע האָט זי זיך איר נישט פאָרגעשטעלט צו טרעפן. זי האָט געמיינט, אַז אַ וואָלקן וויקלט זיך אַרום איר, אַז ס'איז לויטער סוד אַרום איר. זי האָט דאָך איר קיינמאָל אַזאַ לויטערע, אַזאַ קלאָרע, אַזאַ פרישע נישט געזען.

און ביידע חברטעס האָבן זיך לאַנג געקושט.

מיידלעך

צו דער פאַמיליע ברייטשטיין איז אָנגעקומען אַ דינסט־מיידל, אַ יונגע, אַ פּאַרביקע, וואָס האָט אין דעם דושנעם, געפּודערטן און געשמינקטן הויזגעזינד אַריינגעבראַכט אַ געזונטן, פרישן ריח, ווי פון אַן ערשט גע־שניטענעם היי.

געבראַכט דאָס מיידל האָט דער פאָטער אירער, וועלכער האָט דאָ צע־פירט שמאַנטן און פּוטער פון דאָרף — אַ געזונטער, שוואַרצער ייִד, אַ גאָר באַוואַקסענער: גרויסע צעפּלאָשעטע ברעמען, אַ באָרד — צעוואָקסן אין דער לענג און ברייט; שטייפע האָר האָבן אים אַרויסגעטאָרטשעט פון די נאָזלעכער, פון די אויערן־רעמלעך; דערצו זענען אים די הענט, דער קאַרק באַוואָקסן געווען ווי פעל. און ער האָט דעם איינדרוק געמאַכט ווי אַ פעסטער וואָרצל, וואָס איז געזעסן אין אַ פעטער ערד. אויף דעם שטאַם איז זיין טאָכטער אויסגעוואַקסן, ווי אַ ווייִנשלבוים אין דער בליאונג־צייט: אַ שלאַנקע פיגור, אַ צעשפּראָצטער העלער קאָפּ און מיט בלי־בעקלעך, רויטע, ווי צייטיקע קאַרשן.

דאָס מיידל האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז מיט די הערשאַפטן פון שטאָט וועט זי ווייט נישט אַוועקגיין. אַז מען האָט דאָס ערשטע מאָל אָנ־געקלונגען, האָט איר הער ברייטשטיין אָנגעזאָגט: „ר'איז נישטאָ, — פרעגט מען זיך אויף אים, — איז ער נישטאָ". ער האָט דאָס אַזוי גלייכ־גילטיק אַרויסגעזאָגט, אַז זיין צעגאָסן פול פּנים האָט קיין שום באַזונ־דערע גרימאַסע נישט אַרויסגעבראַכט, גלייך עס וואָלט געווען פון טייג — אַ פליעסקע געטאָן מיט דער האַנטפלאַך: „נישטאָ, נישטאָ אין דער היים".

דאָס גלעקל האָט זי די רעשט צעמישט.

אין טיר האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער הער מיט אַ שטייפן הוט. דערזעענדיק איר שיינענדיקן, העלן קאָפּ אין דער טיר־עפענונג, האָט ער

אַ פלוצלונגדיקן שמייכל געטאָן און געפרעגט אויפן הער ברייטשטיין.

— נישטאָ, — האָט זי נאָכגעזאָגט דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך איר נאָכגעבאָמבלט אין געהער, די אויגן אַראָפּגעלאָזט און אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין.

— דו נאַרסט, שיינינקע, — האָט דער הער אַ שפּרייז געמאַכט אין שטוב אַריין, — הער ברייטשטיין איז דאָ, מען דערקענט אין דיר.

זי האָט די אויגן נאָך מער אַראָפּגעלאָזט, די רויטע באַקן זענען מיט אַ פרישער פאַרב באַגאָסן געוואָרן. זי האָט זיך פאַרשעמט אָפּגערוקט, און דער עלטערער הער איז אַריין אין צווייטן צימער.

פון צימער האָבן זיך אָנגעהויבן דערטראָגן צו איר קולות, זידלע־רייען: „גנב..., רויבער... וועסט ביי מיר גיין זיצן...“

זי האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פון דער קיך, גענומען מיט אַ כוונה עפּעס טאָן. זי האָט זיך נישט געוואָלט באַגעגענען מיט דעם הער ביים אַרויסגיין. זי האָט געלייקנט פאַר אים, און ער, ווי קיינמאָל גאָר־נישט, האָט אַזוי געשמייכלט דורך זיינע בלאָנדע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן. די אויגן האָבן זיך אים געפלעמלט, קוקנדיק אויף איר, ווי ער וואָלט געשטאַנען קעגן פייער. ווי אַזוי זידלט ער זיך שוין אַזוי? שרייט, וואָ־יעט ווי אַ הונט, ווען מען שטייט אים אויפן עק. זי וויל אים נישט זען.

ביים אַרויסגיין האָט דער הער זיך פאַרהאַלטן אַ מאָמענט אין דער קיך, אַרומגעפאָרן מיט די אויגן, ביז ער האָט דאָס מיידל אויפגעזוכט.

— איר זעט, שיינינקע, כ'האָב אייער בויך־שניידער געפּאַקט. האָט ער דאָס געהאַט פון מיר צו זינגען און צו זאָגן, כיי־כיי־כי. גוטן טאָג, שיינינקע.

ער' האָט שוין ווידער געהאַט דעם פריערדיקן שמייכל. דעם מיידל האָט ער' געשפּיזט. ס'איז איר פאָרגעקומען, אַז אַלץ אין אים איז פאַלש: אי דאָס כעסן זיך, אי דאָס שמייכלען. זי האָט דערפילט צו אים אַ טיפן עקל. דער מויל־שניט און די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן זענען איר אויסגע־קומען, ווי ביי אַן עכבר.

נאָך איידער זי האָט אים געפּטרט, איז הער ברייטשטיין אַריין אין קיך, געבליבן שטיין אויף דער שוועל און אָהינגעשריגן צו איר מיט זיין פאַרדומפּן קול:

— זאָלסט מיר די באַנדיטן מער אויף דער שװעל נישט לאָזן... די טיר זאָלסטו מיט זײ אויסהאַקן! הערסט, דו קעלבל, דו!

דאָס מײדל האָט זיך אײנגעקאָרטשעט אין זיך. „גנב... באַנדיט... בויך־שנײדער...״ — װי קלעפּ זענען די װערטער געפאַלן אויף איר.

דער פאָטער האָט מיט איר איבערן װעג אײנגעטענהט, זי זאָל זיך נאָו׳ צוהערן: „הערסט, בײלקע, ס׳איז רײַכע לײט, סוחרים, װעסט דאָך צוהאָרכן, װעט דיר גוט זײַן״...

אַ מינוט האָט פאַר איר אויפגעלויכטן די הײם. אפשר צוריק? נאָר פון גרינעם הײזל אַרויס איז פאַר איר אויסגעװאַקסן די שטיפמוטער — די אַלטע, שװאַרצע מויד, װאָס דער טאַטע האָט געבראַכט אין שטוב אַרײַן פאַר אַ װײַב, און ער דרײט זיך װי אַ האָן אַרום איר, און זי, מיט איר שװאַרצן מויל, רײצט אים כסדר אָן אויף איר, ער זאָל זי שלאָגן, אַרויסיאָגן...

װי אַ פויגל, בעת אַ סכנה, צענעמט די פליגל, באַהאַלט זיך אין זײ אויס, אַזוי האָט זיך בײלקע אַנידערגעקאַטשעט אויף דער ערד מיט דער פלײצע אַריבערגעבויגן און גענומען שײַערן פאַרשידענע קיך־מכשירים, פון גאָרנישט געװאָלט װיסן, פרײ געלאָזט בלויז דאָס געהער, — זי זאָל יעדע מינוט גרײט זײַן, װען מען װעט זי רופן.

נאָך מיטיק האָט זיך מאַדאַם ברײטשטײן גענומען צום טואַלעט.

מאַדאַם ברײטשטײן איז אַ מיטלװוקסיקע, אַ ברײט־צעפּאַשעטע, װאָס איר גאַנצע מי איז אײַנצושנורעװען די אָנגעגאָסענע, איבערנאַטיר־לעך דיקע פיס און ברײטע היפטן, װאָס מאַכן זי ענלעך צו אַ דיק פעסל. אמת, מאַדאַם ברײטשטײן װילט זיך שטאַרק מיט שטריכן בולטער אַרויס־ברענגען אירע בלויע אויגן, װאָס זיצן אין איר פול, שלאַבעריק פנים, װי זײ װאָלטן אין אַ טײג אַרײַנגעפאַלן און מיט דער צײַט קענען זײ דאָרט פאַרלוירן גײן. זי פאַרבט די ברעמען, שטרײכט װאָס שאַרפער די אויגן, אַבי זײ אַרויסצוברענגען פון די שמאַלץ־גריבעלעך, װו זײ האָבן זיך באַ־זעצט. נאָר אײן זאַך האָט מאַדאַם ברײטשטײן יאָ שוין אויפגעגעבן — דעם גוידער, װאָס ער הענגט איר אָפּער, װי אַ טאָפּל פנים זאָל איר אָנ־הײבן װאַקסן. יעדעס מאָל, דערזעענדיק פאַרן שפּיגל דעם משונהדיקן אויס־זען, װאָס דער גוידער מאַכט פון איר, האָט זי אים אָנגעהויבן אַרונטער־

שאַרן. אונטער אירע הענט איז ער אַריין אין דער אַלגעמיינער פליישמאַסע, איר פּנים איז אויסגעקומען רונדיקער, מענטשלעכער. האָט זי נאָר די הענט אַוועקגענומען, — אַהאַ, ער איז שוין צוריק אַפער — נישטאָ וואָס צו מאַכן מיט אים.

די גאַנצע צייט פון איר טואַלעט האָט זי זיך מיט ביילקען באַנוצט: די שיך זאָל זי איר פאַרשנורעווען, פאַרקנעפּלען, פאַרבינדן פאַרשידענע בענדעו׳, וואָס האָבן געדאַרפט איינפּרעסן דאָס ארומהענגענדיקע פלייש. דאָס פלייש, געזונטס, האָט זיך געוועריט, אַ ווידערשטאַנד געבעטן, פאַרלייגט זיך ווי אין פּיסקעס, וואָס זאָלן אָנהייבן שרייען. געשריגן האָבן זיי נישט, נאָר זיי האָבן זי געאַרט, ווייל געטאָן, און זי האָט מיט דעם מיידל קאָמאַנדעוועט, אין וועלכער זייט זי זאָל דאָס פלייש צענעמען, ס׳זאָל איר אויסקומען באַקוועמער. דאָס מיידל האָט מיט צוריקגעהאַלטנקייט אַרומגעגראַבלט אין דעם צעהוידערטן גוף, געמוזט צוקומען צו אַזעלכע ערטער, אַז דאָס בלוט האָט איר געשלאָגן אין פּנים. נאָר מאַדאַם ברייטשטיין איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, ווי קיין לעבעדיק נפש וואָלט אין צימער נישט געווען. אַז זי איז שוין געשטאַנען פּיקס און פאַרטיק, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו ביילקען, פלוצלונג אַ שמייכל געטאָן צו איר און פאַרלייגט אַ פינגער אויפן מויל: „הערסט, ביילקע, אַז דער הער וועט זיך פרעגן, צי איך בין נאָך מיטיק אַוועקגעגאַנגען, זאָלסטו זאָגן: ניין. כ׳האָב זיך צוגעלייגט, זאָלסטו זאָגן.“

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, פאַרן אָוונט־ברויט, אַז ביילקע האָט די טיר געעפנט, האָט מאַדאַם ברייטשטיין, אַ צעשראָקענע, אַ פליסטער געטאָן אין דער טיר־עפענונג:

— ער האָט זיך געפרעגט?

— ניין, די גאַנצע צייט נישט געווען.

מאַדאַם ברייטשטיין איז דאַן דרייסט אַריין אין צימער, אַראָפּגעכאַפּט דעם הוט, עס זאָל נישט זיין צו דערקענען, אַז זי איז געווען ווו, אָנגענומען איר שטענדיקע האַלטונג און שטרענג זיך געווענדט צום מיידל, מיט דער כוונה, זי זאָל נישט צופיל היימיש ווערן מיט איר: „דערלאַנג אַ גלאָז טיי, ביילקע“.

דאָס דריטע קינד אין דער פאַמיליע ברייטשטיין, אַ זעכצן־יעריק

מיידלעך

מיידעלע, אַ דאַרע, מיט אַ שאַרף נעזל, האָט גלייך געשלאָסן גוט־ברו־דערשאַפט מיט ביילקען, אונטערגעטראָגן איר אַ שטיקל שאָקאָלאַד און געזאָגט אין אַ מילדן טאָן: „ביילקע, וועסט לעבן מיט מיר גוט, וועל איך דיר געבן אַ סך צו נאַשן".

פאַרן שלאָפן־גיין האָט זי איר געבראַכט אין קיך אַריין אַ גרויס שטיק טאָרט און אין דער שטיל איר געזאָגט: „עס, קיינער זאָל נישט זען, כ'וועל דיר ברענגען אַ סך גוטע זאַכן". ביילקע האָט זיך פון דעם מיידלס האַנד־לונג איבערגענומען — עפּעס אַ מילדער שטראַל אין איר צעוויייטיקט האַרץ.

באַלד אינדערפרי איז דאָס מיידל אַריינגעקומען צו איר אין קיך אַריין, אונטערגעטראָגן איר עפּעס אַ נאַשוואַרג און אויף די שפּיץ־פינגער זיך געבעטן:

— ביילקעניו, שטיי מיר ביי דער טיר און גיב אַכטונג, צי קיינער גייט נישט.

דאָס מיידעלע האָט דאַן אַרויסגענומען אַ שאַכטעלע פּודער, פאַרב צו די ברעמען, און געמאַכט דעם טואַלעט אין אַ קליין טאַשן־שפּיגעלע. דער־נאָך האָט זי גענומען די טעקע מיט ביכלעך און העפטן און געשמייכלט צו ביילקען:

— באַהאַלט דאָס ערגעץ, קיינער זאָל דאָס נישט געפינען. זאָלסט זאָגן, כ'בין געגאַנגען אין שול אַריין, — און אַ שטעל זיך געגעבן אויף די שפּיצן, זי זאָל גלייך אויסקומען צו איר אויער, — כ'וועל זיך היינט קושן, ביילקעניו, קושן... — אַ קיצל טוענדיק איר אין דער זייט.

נאָך איר אַוועקגיין האָט ביילקע דאָס נאַשוואַרג אַוועקגעוואָרפן. עס האָבן זיך איר נאָך דעם אַלעם אַלע געפילן צו דער שטוב אויסגענומען, ווי אַ דריוולדיקע זאַך, וואָס פאַרלירט אַן אויג נאָך אַן אויג.

נאָך די ערשטע צעמישטע טעג האָט ביילקע אָנגעהויבן קומען צו זיך. די אַכצן יאָר, וואָס זי האָט געלעבט אונטער אַזעלכע פרייע, צע־העקלטע הימלען, אויף אַזאַ צעשפּראָצטער, לעבעדיקער ערד, האָבן אָנ־געהויבן אויפגיין אין איר, זי געשטאַרקט. אין אַ ווינקל פון קיך, דאָרט ווו איר בעטל איז געשטאַנען, האָט זי זיך אָנגעהויבן שאַפן איר קליינע היים, אָפּטיילן זיך פון אַלע: אַוועקגעשטעלט זיך איר קוישל מיט זאַכן,

אויף דער וואַנט אויפגעהאַנגען די פאָטאָגראַפיע פון איר פאַרשטאָרבע־נער מאַמען. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

צו דער שטאָט האָט זי אַן אומצוטרוי באַקומען. ערשט איצט זענען איר קלאָר געוואָרן די אַלע מעשיות מיט גניבות, וואָס זי פלעגט זיך אָנ־הערן וועגן דער שטאָט: וועגן אויסשניידן טאַשן אָדער אויסנאַרן און אַהיימלאָזן אין דאָרף אַריין אָן פערד, אָן דער קו און אָן געלט. זענען ביי איר אַלע באַוועגלעכע און פאַרביקע דערשיינונגען פון שטאָט אויסגעקו־מען, ווי עפּעס אַ שווינדל, אָנגעדרייטע זאַכן, וואָס לפנים ווייזן זיי נאָר אַזוי אויס, פאַרבלענדן ס׳אויג. אַפילו די עלעקטריע ביינאַכט אויף די גאַסן האָט איר אויסגעוויזן, ווי זי פאַריאָגט עפּעס מיט אַזאַ פרעכער, אויפרייצנדיקער שיין דאָס אמתע ליכט, דאָס נאַכטישע, וואָס האָט דאָרט ביי זיי געפלאָסן פון אַזעלכע געהיימע ספערן. די ערד, וואָס האָט אַזוי געלעבט אונטער אירע פיס, האָט מען דאָ פאַרפענטעט אין אַזאַ גראָבער שטיינערנער שאָל — אַ שרעק! נאָר צומערסטן האָט איר וויי־געטאָן פאַר די אַלע שיינע בילדער, פינקלדיקן גלאָזוואַרג, קלאָר־געבלימלטע סער־וועטן, פאַר די געבעטע און שפיגלדיקע מעבל־שטיקער, ווען זי פלעגט זיי מיט אַזעלכע ליבלעכקייטן פוצן און רייניקן. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין אַזעלכע שיינע, געפוצטע סאַלאָנען לעבן דאָך מענטשן איידל, פיין, און דאָ?...

איינע נאָר, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם שטילן ווינקל פון ביילקען — די עלטסטע טאָכטער פון די ברייטשטיינס, פריילין מאַניע.

ביילקעס ווינקל אין קיך האָט זי גערייצט, צעשרויפט. ביינאַכט, אַז זי פלעגט קומען, שטענדיק אָן אויפגערעגטע, פון אירע ראַנדעוווען, פאַר־בייגייענדיק דאָס בעטל ווו ביילקעס קלאָרער גוף איז מיט אַזאַ מיידל־שער תמימות געלעגן, אַ געדעמפטער אין שלאָף, איז זי אַן אויפגעקאָכ־טע געוואָרן.

זי ווייסט נישט, פריילין מאַניע, — זינט ביילקע האָט זיך אין שטוב באַוויזן, איז זי אומרואיקער, צעטראָגענער, — עפּעס אַ פאַרדרוס אַזאַ ווייטיקלעכער... אויף וועמען? ביילקען האָט זי נישט פיינט, — אַדרבא, ווען דאָס מיידל זאָל ווערן צוגעלאָזן. וויל זי נישט, ביילקע, מיט איר זיך דערנענטערן. זי פאָלגט איר, קומט איר אַלע קאַפּריזן נאָך. אָפּגעטאָן

ס׳איריקע — גייט זי אַוועק. און זי ציט דווקא עפּעס מאָדנע צו דעם מיידל. זי וואָלט זי געוואָלט ווי אין זיך אַריינעמען — ווערן זי, איר לעבן זאָל אינגאַנצן בטל ווערן, און זי זאָל אָנהייבן לעבן איר, ביילקעס לעבן. נישט איין מאָל, אַז ביילקע איז אָנגעקומען פון דער גאַס, די בעקלעך פאַרויטלט, דער בליק אַזוי לויטער צעצונדן, ווי די לופט זאָל שטיפן מיט איר, האָט פריילין מאַניע גערן זי געוואָלט קושן, טרינקען פון דער צע־שפּראָצטער, געזונטער שיינקייט. איר האָט זיך פאַרוואָלט צוטאָן איר פּנים, דאָס בלאַסע, פאַרפודערטע, צו די ראָזע, בליענדיקע בעקלעך בייל־קעס און וואַרעמען, טוליען זיך צו זיי. גאַנצע שעהן האָט זי פאַרבראַכט מיט איר אין קיך, געהאָלפן איר ביי דער אַרבעט. נאָר צום שטאַרקסטן האָט זי זי געוואָלט האָבן ביי דעם טואַלעט.

פריילין מאַניע איז קוים אַריבער צוואַנציק, אָבער אַזוי פיל שוין איבערגעלעבט — ליבע, פאַרשיכורטע נעכט, ביז וואַנזיניקע צעפּראַלטע ליידנשאַפטן. דאַן אַן אַבאָרט, אַ פאַרלאָזנע, אַליין... ווי אַ שיפל, וואָס ווערט געטראָגן אויף די כוואַליעס און אויסגעשפּיגן אויף אַן אייזאַמען ברעג. זי מאַכט שוין היינט קיין טראַגעדיעס נישט. איר לעבן — ווי אַלע צוימען וואָלטן אויפגעפּראַלט געוואָרן, און עס טראַטעוועט דאָרט אַרום יעדער בחור׳, וואָס דערנענטערט זיך נאָר. אָבער אַמאָל, — אוי, אַמאָל! ווער שמועסט דאָס ערשטע דערנענטערן זיך מיט מאַקס קאָרנפעלדן! אַז ער איז פון איר אַוועק מיטן תירוץ, כלומרשט, ער פאָרט שטודירן, און האָט אַפילו קיין בריוו נישט געשריבן, האָבן זיך איר צוויי טיפע קאַרבן איינגעשניטן ביי די מויל־ווינקלען, די נאָז־פליגעלעך האָבן אָנגעהויבן ביי דער מינדסטער אויפרעגונג אַזוי נערוועז צו פלאַטערן. נישט די קוראַציע, נישט דער פענסיאָנאַט, ווו זי האָט חדשים נאָכאַנאַנד נאָכדעם געלעבט, האָבן זי געקאָנט אויסהיילן. זי האָט געלעבט, ווייל זי האָט געלעבט.

די עלטערן, די ברייטשטיינס, האָבן מיט אַן אויסרעכענונג זי אַרומ־גערינגלט מיט באַקאַנטע, מיט פריינדינס, וואָס מען האָט זיי פון פריער אָנגעזאָגט, אַז זיי דאַרפן זי צוריקברענגען אין לעבן, אין דער געזעלשאַפט אַריין. „מאַלע וואָס עס טרעפט זיך אַלץ — אַ יונג קינד, נעמט זי זיך איבער״. מאַדאַם ברייטשטיין האָט אַפילו געגעבן אָנצוהערן דעם געהילפס־בוכהאַלטער, אַ יונג בלאָנד בחורל, ער זאָל איר טאָכטער דינען מיט גע־

זעלשאַפט. „אַ ייִנגל, אַ מיידל, — כ'דאַרף דאָך אייך נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין", האָט זי צו אים געוווּנקען מיט די שמאָלע־איי־געלעך. אַזוי האָט מען דאָס פאַרגעברייט. ביז אַמאָל, אין אַן אינדערפרי, איז פריילין מאַניע אויפגעשטאַנען, און דער גאַנצער צער, די באַליידי־קונג, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן האַס צו אים, צו מאַקסן. זי האָט גענומען זיין פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט געהאַט ליגן אונטערן קישן, און זי פאַרברענט, אויסגעשפּיגן פאַר אים, אַז ס'האָט אָפּ־געהילכט אין גאַנצן צימער, און איז אַריין צו דער מוטער: „מאַמע, כ'האָב אים אין דרערד! כ'וועל איצט אָנהייבן לעבן! אוי, וועל איך לעבן, להכעיס אים וועל איך לעבן!"

די מוטער האָט זיך אַרויפגעקייקלט אויף איר מיט איר שווערן גוף, די קליינע אייגעלעך האָבן איר אָנגעהויבן פאַרפלייצן אין טרערן. זי האָט דער טאָכטער כליפּענדיק צוגעזאָגט צו קויפן און מאַכן, וואָס איר האַרץ וועט נאָר גלוסטן, אַבי זי זאָל אָן דעם געמיינעם פאַרפירער פאַרגעסן.

דאָס וואָרט „פאַרפירער" האָט מאַדאַם ברייטשטיין מיט אַ באַזונדע־רער מינע אַקצענטירט, ווי זי זאָל זיך וועלן קילן אויך אין די, וואָס די טאָכטער ווייסט נישט פון זיי. און כדי צו באַווייזן דער טאָכטער, האָט זי גלייך אַרויסגערופן טעלעפאָניש דעם שניידער זייערן און באַשטעלט איר אַ נייעם קאָסטיום.

פריילין מאַניע האָט נאָך לאַנגע חדשים דאָס ערשטע מאָל זיך אַוועק־געזעצט פאַרן שפּיגל און גענומען באַטראַכטן איר פּנים. אויסער דעם, וואָס ס'איז געלבלעך־בלאַס געוואָרן און שטאַרק אָפּגעצערט, אונטער די אויגן בלויע רייפן באַקומען, האָט אַזאַ טרויער געשוועבט דערויף, וואָס זי האָט אין קיין פאַל נישט געקאָנט דער'גיין, פון וואַנען שטראָמט ער, דער דאָזיקער טרויער, און ווי אַזוי הייבט מען אים אָן פאַריאָגן. זי האָט זיך פאַרשאַפט אַלע בייטיקע קאָסמעטישע מיטלען און אויף גאַנצע שעהן פאַר־פאַלן געוואָרן ביים שפּיגל, געוואַלט פאַרפודערן און פאַרפאָמאַדירן אירע איבערלעבענישן, וואָס זענען איר געקראָכן אונטער די אויגן, אין בליק און געוויקלט זיך אַרום די ליפּן.

הגם די באַקאַנטע האָבן איר אונטערגעהאַלטן, אַז זי זעט פּרעכטיק אויס, פאַרבעסערט זיך פון טאָג צו טאָג, אַז זי איז גאָר אין דער מאָדע

אַרײַן — שלאַנק, און אַזאַ אינטעליגענט, ערנסט פּנים באַקומען, — האָט אָבער בײַ זיך פֿרײַלין מאַניע געװוּסט, אַז איר אױסזען איז גאָר משונה־דיק, אַז די אַלע שװערע איבערלעבענישן קאַרבן זיך אָפּער פֿון הינטער דעם גאַנצן פֿעלץ פֿאַרבן, מיט װעלכן זי האָט זײַ געװאָלט פֿאַרדעקן. אָבער פֿאַרפֿאַלן: — זי האָט מיט דער צײַט מיט דעם געפֿיל זיך אַזױ אײַנגע־לעבט, אַז נישט אײנמאָל האָט זי אַפֿילו געשמײכלט, זעענדיק װי די בלױע ראַנדן, די אײַנגעקװאָרטע באַקן שטימען גאָרנישט מיט די ראָזע פֿאַרבן, מיט װעלכע זי װיל זײ אױפֿלעבן.

בײַלקע האָט איר דאָס חוזק־געפֿיל נאָך פֿאַרשטאַרקט. עפּעס אַ צו־להכעיס, װי זי זאָל זיך װעלן אַלײן װײ־טאָן, האָט איר אונטערגעזאָגט, און פֿאַרן שפּיגל האָט זי יעדע מינוט געררופֿן: „בײַלקע, שטײ דאָ נעבן מיר".

— פֿרײַלין מאַניע, אין קיך איז אַלץ נאָך רױ.

— שאַדט נישט, כ׳װעל דיך שױן פֿאַרענטפֿערן. קוק, בײַלקעניו, אַזױ גלײַך אין שפּיגל אַרײַן.

בײַלקע האָט אַ שמײכל געטאָן. איר פּנים, אַ שײנענדיקס, אַ פֿאַרביק־צעשמײכלטס, האָט אַ שפּראָץ־אױף געגעבן אין שפּיגל — אַ בלענד געטאָן.

פֿרײַלין ברײַטשטײן האָט זיך גראַד געפּודערט. אײן באַק — ראָזע, די צװײטע — בלאַס, אױסגעצױגן. איר פּנים איז איצט אױסגעקומען מיט פֿלעקן, װי אױף אַן אָפּגעקראָכענער װאַנט. זי האָט זיך קרומלעך צע־שמײכלט: „זעסט בײַלקע, מײַן פּנים און דײַנס"...

ס׳איז געװען אין אָװנט. אינדרױסן האָט אַ שנײ פֿון אַ פֿינצטער־שטעכיקן הימל זיך געיאָגט אין אַן אימפּעטדיקן קאַראַהאַד. מיט װילדע טאַנצנדיקע שנײ־בײטשן זענען גאַסן, הײַזער, לעבעדיקע ברואים אַרײַנ־געיאָגט געװאָרן אין אַ צעהאָפּסעטן קװילן־טאַנץ. אױף מענטשן — גאָר אַ װילד געיעג געװאָרן. פֿון דעכער, באַהעלטענישן האָט עפּעס אַ שטיפֿע־רישע האַנט אַ שאָט געטאָן יעדן פֿאַרבײַגײער להכעיס אין פּנים אַרײַן אַ הױפֿן װינט מיט שנײ.

פֿרײַלין מאַניע איז אין גאַס אַרײַן נישט געגאַנגען. זי האָט געפֿילט אַ שױדער אין די בײנער. די ליפּן זענען בײַ איר בלױ געװען, װי די מילצלעך. זי האָט הײַנט צו גאָרנישט קײן באַזונדערן חשק געהאַט. פֿױל

ווי אַ קאַץ זיך אַרומגעטאַרעט פון דער סאָפקע אויף דער ברייט־געבע־טער שטול.

אַז דער זייגער האָט געשלאָגן ניין, האָט זי ביילקען אַוועקגעשיקט מיט אַ צעטעלע אויף אַ ראָג גאַס צו אַ יונגנמאַן. זי האָט אַ פּאָר מאָל גע־וואָלט טראַכטן וועגן דער היינטיקער באַגעגעניש מיטן בחור, און יעדעס מאָל פּויל עס אויסגעגענעצט: ס׳לוינט נישט, וועט ער קומען מאָרגן. היינט אַזאַ וועטער, זי פּילט זיך נישט גוט — זי וועט נישט גיין. עפּעס אַזאַ העל־בלאָנדער ווידער, מ׳ט באַקן־בערדלעך, רעדט נאָר וועגן ביכער, שרייבעו׳, וועגן ליבע, און אין אַזאַ צאַרטן טאָן. גאָר אַ שרעקלעך נאַאי־וועו׳, בעט אַזוי איבער, אַז ער ר״רט צופּעליק מיט דער האַנט אָן...

ביילקע איז אָנגעקומען אַזאַ דערפרישטע, אַ פאַרויטלטע, די העלע אויגן — צעלויכטן, דער בלאָנדער קאָפּ, וואָס איז צעפּאָכעט געווען פון ווינט, איז באַזעצט געווען מיט מיניענדיקע שנייעלעך. זי האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דאָס מענטעלע און מיט אַזאַ צעפּראַלטער פריידיקייט גע־נומען אָפּשאָקלען פון זיך דעם שניי, אונטערטענצלענדיק: „אַזאַ וועטער, אַזאַ וועטער״.

ביי פריילין מאַניע האָט זי איצט אויסגעזען, ווי זי וואָלט פון אַ באַל געקומען, פון אַ שניי־באַל אונטערן הימל, ווו זי איז די קעניגין געווען, און פאַר גרויס דערפאָלג איז זי באַשאָטן געוואָרן מיט אַזוי פיל ווייסער קאָנפעטי — אַזוי געלויכטן האָט זי. פריילין מאַניע איז אַזש אויפגע־שפּרונגען: „האָסט אים געטראָפן? פאַרוואָס ביסטו נישט פאַרבליבן מיט אים?! אירביידע וואָלט דאָך אַזויפיל גענוס געהאַט״...

ביילקע האָט פריי איר געלאַכט אין פּנים.

די רעשט שעהן ביז צום שלאָפן גיין האָט פריילין מאַניע קיין אָרט זיך נישט געפונען. ארומגעדרייט זיך אַזאַ געקרענקטע. זי האָט נאָר בייל־קען באַוויגן זיך צו פאַרען אַרום איר: יעדע מינוט זי גערופן, זי זאָל איר עפּעס דערלאַנגען, אַרומהילן זי. דעם ווייכן שאַל, וואָס זי האָט געהאַט פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, מחמת דעם שוידער אין די ביינער, האָט זי אומישנע עטלעכע מאָל אויפגעבונדן, כדי ביילקע זאָל זי אין אים איינ־פּרעסן, אַריינגעמען. זי האָט זיך געוואָלט ציען, וויקלען זיך אַרום איר, ווי אַ פאַרשטויסן קעצל, וואָס לאַשטשעט זיך צו וואַרעמקייט, צו דער זון.

מ יי ד ל ע ך

אינדרויסן האָט זיך דער שניי־שטורעם געשטאַרקט, געוואָרפן זיך אַזוי היציק, אַנגרייפעריש, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף אַלץ און אַלעמען. די לעבעדיקע ברואים האָבן זיך טאַקע צוריקגעצויגן, אונטערגעגעבן: דער הונט אין דער בודע האָט צוזאַמענגעקנוילט מויל און וויידל, דאָס הינדל אויפן שטענגל־געלעגער — פאַרגלייזט די אייגעלעך, פאַרצויגן דאָס קעפּל אין גערגעלע אַריין — טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט. אויך דאָס מענטשן־געזינדל, נאָך אַלע אויסגעבויטע מאַסיווע ביניָנים, האָט ער געפילט עלנט, הילפלאָז, נאָר זיך געוואָלט טוליען, טוליען איינער' צום אַנדערן.

פריילין מאַניע האָט זיך דערפילט שטאַרק אונטערגעבראָכן. ווי דאָס וואָלט דער איינציקער אָנהאַלט אין איר לעבן געווען, האָט זי זיך אָפּן געבעטן ביי ביילקען, זי זאָל די נאַכט שלאָפן מיט איר צוזאַמען.

דאָס מיידל, נישט קאָנענדיק אָפּזאָגן, האָט שמייכלענדיקערהייט מסכים געווען.

פאַרן שלאָפן גיין האָט זי ביילקען אַריינגעבעטן אין עס־צימער און פאַר איר געשטעלט אַן אָוונטברויט, געגעבן איר צו טרינקען זיסע משקאות. זי האָט ביטער געשמייכלט, זעענדיק, ווי דאָס מיידל האָט זיך צעגליט, שיכורלעך געלאַכט, געזונגען דאָרפישע ניגונים. און עפּעס אַזאַ יונגע פריידיקייט האָט געפּראַלט פון איר, ווי זי זאָל זיך האַלטן אָט־אָט ביים צעעפנטן דורך איר העלן, אויפשיסנדיקן בליק, דורך אירע בריסטלעך, וואָס האָבן אַרומגעצאַפּלט אין איר דינער בלוזקע.

פריילין מאַניע איז אויפן געדאַנק געקומען, אַז אינסטינקטיוו איז זי זיך באַגאַנגען מיט דעם מיידל, ווי די קאַוואַלערן מיט איר דאָס ערשטע מאָל — קודם זי פאַרשיכורט, און דאַן — האַ, האַ! דאָס ווייטערע איז שוין געגאַנגען אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. זי האָט דאָס מיידל אַ וואַקלדיקע גענומען און זי אַריינגעפירט אין שלאָפצימער, פינצטער געמאַכט און גענומען אַראָפּציען פון איר דאָס באַרכנטענע קאַפּטאַנדל, דאָס אונטערקלייד, וואָס זי האָט פון דאָרף נאָך מיטגעהאַט.

ביילקע איז געבליבן שטיין אין בלויזן העמד. איר לייב האָט אַרויסגעקוואָלן דערפון. אונטער איר ווייסער אומבאַרירטער הויט זענען ווי טענער געלעגן, וואָס האָבן אַרויסגעשפּילט אַזויפיל לוסט, אַזויפיל צוזאָגנ־

דיקן געַנוס. זי האָט איר געהאָלפן זיך אַריינלייגן אין בעט, גענומען איר האַנט איבערן האַלדז אַריבער און טיף איינגעאָטעמט אין איר. איי, אַזאַ זיסער, שמעקעדיקער ריח, ווי עפּל צייטיקע. ניין... ווי היי געשניטנס. אויך ניט... ווי אַ יוגנט אַ שמעקעדיקע. ניין, נישטאָ אַזאַ פאַרגלייך... עס וויקלט זיך אַזאַ בשמים־ריח, וואָס לייטערט, לייטערט און רופט אַרויס באַוווּנדערונג צו דעם מענטש, צו דעם געוויקס פון דער נאַטור. אַזוי איז זי מיט ביילקען איינגעשלאָפן. איין געדאַנק האָט זי נאָר באַהערשט: זי וועט מיט דעם מיידל לעבן — מיטלעבן איר לעבן.

צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, איז ביילקע גלייך אַרויס פון בעט. זי האָט זיך צעלאַכט פון דעם אָוונט מיט דעם שיכור־זיין. זי איז שנעל אַריין אין קיך און גענומען זיך צו איר טעגלעכער אַרבעט — רוימען, שאַרן, קאָכן, עפענען די טיר, אַריינלאָזן און נישט אַריינלאָזן.

פריילין מאַניע איז געבליבן אין בעט. דאָס וועטער אינדרויסן איז געווען אַ שוידערלעכס. דער שניי איז צעגאַנגען אין אַ ברודיקן פלעטש. אַ ווינט, אַ פוילער, אַן עובר־בטלניק, האָט אַרומשפּאַצירט און אָנגעטאָן אַלערליי להכעיסן: געפּאַטשט איבער די פנימער, צעוואָרפן, געיאָגט. נאָכ־וואָס זאָל זי זיך אויפהייבן, האָט זי פויל געטראַכט. ערשט אַרום מיטיק איז זי פון בעט אַרויס. זי האָט ווייטער דערפילט אַזאַ נאָגנדיקע ליידיקייט אויפן האַרץ. זי איז אַריין אין קיך. ביילקע איז געשטאַנען אַ פאַרטועטע, אַ דערפלאַמטע ביים אויוון, פאַרטיק מיטן מיטיק.

פריילין מאַניע האָט מיטאַמאָל אַזאַ פאַרדרוס אַרומגעכאַפּט: וואָס נאַרט זי זיך אומזיסט — זי קאָן דאָך צו איר לעבן נישט צוקומען.

זי איז שנעל אַריין צו דער מוטער. „מאַמע, שאַף אָפּ ביילקען, נאָר שוין, די מינוט! כ׳וויל זי מער נישט זען“, — האָט זי געטופּעט מיט די פיסלעך, און די נאָז־פליגעלעך האָבן געפלאַטערט, ווי אַ בלעטל אין ווינט.

מאַדאַם ברייטשטיין האָט קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט, גענו־מען די מעטריקע, וואָס דער דאָרפס־ייד האָט איר איבערגעגעבן, אַריינגע־לייגט אַ פאָר גילדן פאַר דער צייט אַרבעט, און דאָס מיידל איינס־צוויי משלח געווען.

אַז ביילקע איז מיט דעם קאָשיקל פון די טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען, האָט איר יונג האַרץ אַזוי געיאָכצט אין איר: פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

נאָכן טויט

אין שכנות מיט אונדז איז געווען אַ מאנגל (אַ וואַרשטאַט, ווו מען וועלגערט וועש).

אַהער האָבן באַבעס מיט געפלאָכטענע קעקס געטראָגן פּעק אויסגע־טריקנטע וועש פון דער גאַנצער געגנט.

פון די פּעק פלעגן אומגעלומפּערט אַרויסשטעקן אַן אויסגעשטייפ־טער אַרבל, אַ „נאַגאַוויצע״ פון אונטער־וועש, ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד. אַהיים האָט מען שוין געטראָגן די וועש אויסגעגלעטיקט, איינגעלייגט, ממש אַ פערטל די גרויס פון דעם, וואָס מען האָט אַהער געטראָגן.

די מאנגל איז געגאַנגען אויפן נאָמען פון אַ „זי״ — מיכאַלאָוואַ, הגם זי האָט געהאַט אַ מאַן, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען ביים ראָד און געדרייט די וואַלקעס וועש.

נישט אַ רעיענטאַלער אַקט און נישט קיין שילד אויף דער גאַס אַרויס האָבן עדות געזאָגט, אַז די מאנגל געהערט צו אַ פרוי. ס׳איז גענוג געווען בלויז צו באַטרעטן די שוועל, ס׳זאָל קלאָר ווערן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

זי, די מיכאַלאָוואַ, איז געווען אַ ריזיק־דיקע גויע, וואָס מען האָט געקאָנט אויסהאַקן פון איר דריי. אַז מען האָט זי געזען גיין מיט אירע ברייטע פּלייצעס און אויסערגעוויינלעכן געשטעל, האָט זי אויסגעזען ווי אַ געביידע, אַ גאַנצע געביידע, וואָס באַוועגט זיך. דער קאָפּ אויף איר איז געזעסן, ווי אַן אַרבוז. דערנאָך איז ערשט אַוועקגעגאַנגען אַ געדרייטער גרעק, ווי אַ גרויסער געפלאָכטענער קוילעטש.

מיכאַל דאַקעגן, דער מאַן, איז געווען אַ קליין איינגעשרומפּן מענ־טשעלע, מיט אַ פּאָר גרויסע וואָנסן, אַז ס׳איז אַ חידוש געווען, ווי אַזוי אויף אַזאַ פאַרטריקנט פּנים, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן האָבן גע־

זאָלט אָנוואַקסן אַזעלכע האָר־בערשט. אויסגעזען האָט עס, ווי ער וואָלט ספּעציעל פאַרשטעלט מיט די האָר דאָס פּנים, כדי מען זאָל גאָרנישט זען די אויסגעמאַטערטקייט. בעת ער פלעגט רעדן, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיין גאַנצער כוח ליגט נאָר אין זיי, אין די וואָנסעס. זיי גיבן אים דאָס דעם אויסזען פון אַ מענטש, אַ לעבעדיק ווען, וואָס גייט, באַוועגט זיך און לעבט נאָך יאַקאָש מיט אויף דער וועלט. גיט מען זיי אים אַ נעם אַראָפּ, די וואָנסעס, בלייבט „דאָס" הויט און ביין, אַ סקעלעט.

אַ גאַנצן טאָג איז מיכאַל געשטאַנען ביי דער מאנגל און געדרייט דאָס ראָד. אַמאָל פלעגט אים אויסקומען צו העלפן אַ דינסט אָפּטראָגן אין אַ רייכער באַלעבאַטישקייט אַ קויש אָדער אַ פּאַק וועש.

— מיכאַליע, — פלעגט דאָן די מיכאַלאָווא אַרויספּאַטשן די ווער־טער פון אירע פולע באַקן. — מיכאַליע, גיב נאָר אַ נעם מיט דער פריצע דעם קויש! גיי, גיי, מיכאַליע!

און דאָס מאַנעלע האָט אָנגעטאָן די גראַנאַטאָווע מאַטשעיוווקע, וואָס ער האָט געהאַט שטיין דערנעבן אויף אַ טאַבורעטקע, ווי עפּעס אַן ערך־קאַסקע, אַ וויש־געטאָן איבער די וואָנסעס און איז שטום אַרויס.

צוריקגעקומען, האָט ער ווידער אויפגעשטעלט דעם הוט אויף דער טאַבורעטקע און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי ראָד מאנגלען די נייע וואַל־קעס וועש. און געשטאַנען איז ער אַ גידעריקס, אַ דאַרס, אַז מ'האָט „עס" קוים אָפּערגעזען.

און זי, די מיכאַלאָווא, דרייט זיך מיטן דיקן קערפּער, אומעטום איז מיט איר פול; זי ציילט די שטיקלעך וועש, נעמט געלט, און פון איר גייט מען, און צו איר קומט מען.

אין דער מאנגל איז אַ גאַנצן טאָג אַ געטומלעריי, אַ געלעכטער. דאָ קומען זיך צונויף די דינסטן און וועשנס פון די רייכע הייזער און מען חוזקט אָפּ פון די הערשאַפטן. ביי יעדן שטיקל אויפגעלייגטן וועש מיט די גרויסע היגטנס קייכט מען פאַר געלעכטער. טייל ספּריטנע דינסטן פאָרן אַריין אין די אונטערהויזן אָדער אין די האַלקעס פון זייערע מאַדאַ־מען און מאַכן זיי נאָך, ווי זיי קאַטשען זיך איבער די צימערן און הייסן זיך יעדע מינוט עפּעס דערלאַנגען. די געלעכטערס גייען דעמאָלט ביז אין דער דריטער גאַס אַריין.

אַז נישט, פּאַרט מען אַרויס מיט ווייבערישע עזותקייטן. מען דער־ציילט זיך פון באַקאַנטע סאָלדאַטן, פּאַזשאַרניקעס, מען רעדט מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל, און ביי פּעטע ווערטלעך גיט איינע די אַנדערע אַ צופּ ביי אַ קיצלדיק אָרט. דאָס אַלץ ווערט געטאָן אָן דעם מינדסטן צו־ריקגעהאַלט, אַז עס געפינט זיך אַ מאַנספּאַרשוין אין שטוב, וואָרים מי־כאַל שטייט זיך ביים ראָד און דרייט, ווי נישט אים מיינט מען, און גיט אַפילו נישט אַ פינטל מיט אַן אויג.

זונטיק, ווען די מאנגל איז געשלאָסן, זעצט זיך מיכאַל אַוועק אויפן הויף אויף אַ קלעצל אָדער אויף דער פּלומפּ און זיצט זיך אַזוי. נישט דאָס רעדט, נישט דאָס באַוועגט זיך. ער גיט נאָר יעדעס מאָל אַ פלאָשע־אַרויף די צוויי וואָנסעס.

פון די פענצטער, פון וואַנען עס פילט זיך שטענדיק אַ ריח פון חזיר־שמאַלץ און קרויט, שטעקט די מיכאַלאָוואַ אַרויס דעם באַניע־קאָפּ און שרייט צו אים: „מיכאַליע, קום נאָר אַרויף" דעמאָלט זעט מען אים שוין אַרויסגיין מיט אַ שאַף פּאָמיעס אָדער מיט אַן עמער נאָך וואַסער.

אַזוי ווי ער האָט געלעבט — אַזוי איז ער געשטאָרבן.

אַמאָל אינדערפרי האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג איבערן הויף, אַז מי־כאַל איז געשטאָרבן. לכתחילה איז שווערלעך געווען צו גלויבן. ער, מי־כאַל, געשטאָרבן? ס'האָט דאָך עפּעס אויסגעדאַכט, אַז ער לעבט סיי־ווי נישט. ווען? ווי אַזוי? נאָר איידער וואָס־ווען, איז שוין געשטאַנען אַ דעק פון אַ טרומנע פאַרן טויער.

איצט האָט זיך ערשט געמאַכט די אמתע באַוועגונג אַרום מיכאַלן. דער וועכטער פון הויז האָט זיך אָנגעהויבן דרייען איבערן הויף מיטן היטל אין דער האַנט, ווי ביי גאָר וויכטיקע געשעענישן, אַ שטייגער ווען עס קומט אַ קאָמיסיע פון מאַגיסטראַט. מיכאַלאָוואַ האָט זיך אויסגעפּוצט אין בענדער, אין שלייפן און איז געלאָפן, אַ פאַרסאַפּעטע, אַז זי האָט זיך קוים געקאָנט דערהייבן. קומעס אין יום־טובדיקע קליידער האָבן פול געמאַכט דעם הויף. די אייגענע דינסטן און וועשנס, וואָס האָבן אים ביים לעבן נישט באַמערקט, האָבן זיך איצט לכבוד אים אויסגעפּוצט, ווי זונטיק אויף די פּאַרוויילונגען. און ווי מען האָט זיך עס געגרויסט מיט אים! די שכנים פון הויף, אַפילו די יידישע, האָט מען פאַרבעטן אים אָנצוקוקן. מיר איז

איך צוגעטיילט געוואָרן דער דאָזיקער כבוד. איך האָב מיכאַלן נישט דערקענט.

אין אַ ווייס־געמאָלענער טרומנע, מיט גאָלד באַזוימט, שיפלעך אויס־געבויגן, איז געשטאַנען מיכאל. אין אַ שוואַרץ־טוכענעם אנצוג, מיט פעסטע קנייטשן אין די הויזן, וואָס האָבן זיך שטייף געהאַלטן, איז ער געווען אָנגעטאָן. פון דער שוואַרצער וועסט אַרויס האָט אַרויסגעבלאַנקט אַ ווייסער שטייענדיקער קראַגן ביז דער גאָמבע, מיט אַ לאַנגן שניפּס, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ בלישטשענדיקע שפּילקע. די לאַטשן — פאַר־שלייפט נאָר צום טאַנצן. און דער קאָפּ? די וואָנסעס אויפגעשטייפט, ווי צוויי בערשטלעך, די האָר פאַרקעמט אין אַ שרונט.

דערנעבן זענען געשטאַנען צוויי גרויסע קירכן־ליכט און אַ קראַנץ בלומען מיט אַ סטענגע. הײַנט דאָס געפּאָרעריי! די שמחה אַרום מיכאַלן!

פאַרנאַכט־צו זענען זיך צונויפגעקומען משפּחות, באַקאַנטע, און מען האָט געזונגען ביי אים, געטרונקען. טייל פון די געסט האָבן זיך געלאָזט אַזוי ווילגיין, אַז די קעפּ האָבן זיך זיי אַזש פאַרדרייט, און מען האָט זיי געמוזט אַראָפּפירן פון הויף. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן דריי טעג. ווען מען האָט אים דערנאָך אײַנגעאָרדנט די לוויה און מען איז אים געגאַנגען אַוועקפירן, האָט מען גערעדט אויפן הויף, אַז עס איז אים נאָך פונדעסט־וועגן באַשערט געווען, דעם מיכאַלן, צו ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט, צו פאַרנעמען זיך אַמאָל מיט אים.

ער האָט דאָך ערשט אויפגעלעבט נאָכן טויט.

אַלטע לײַט

אין פּאַרק, וואָס געפינט זיך אויפן הויף פון מושב־זקנים, שטייען אַרום בענק.

אין לויטערע טעג זענען די בענק שטענדיק באַזעצט.

די אַלטע לייט פון מושב־זקנים קריכן אַרויס פון די טריבע צימערן און זעצן זיך אויס וואַרעמען אויף דער זון, עפּעס ווי פיר־פיסיקע באַשע־פעניש, וואָס ליגן און דרעמלען אין די זון־נעצן.

זיי זיצן איינס ביי ס׳אַנדערע אויף די בענק און ס׳רוב שעהן שווייגן זיי, די אַלטע לייט. זיצן און שטרעקן אַזוי אויס די געפּאַלבטע פּנימער, די שיטערע איבערגעבויגענע הויט, אַ צעפּלאַצטע, ווי ביי אַ קאָרע פון אַ בוים.

זיי קוקן מיט די אויגן סתם אַזוי אין האָריזאָנט און דער בליק זייע־רער איז אַזוי פאַרגלאָזט, די שוואַרצאַפּלען — פונקט ווי זיי וואָלטן אין וואַסער אַרומגעשווומען. און עפּעס ווי אַ האַנט, אַן אומברחמנותדיקע האַנט, וואָלט זיי אַרומגעצופּט: די ברעמען, די האָר פונעם קאָפּ ווי אַן עוף, וואָס מען פליקט אויס. און זיי וואַרעמען זיך, אי, אַזאַ מחיה, רייבן זיי די ברוין־פאַרמעטענע הענט.

זיי זיצן לאַנג, ביז דער גלאָק רופט זיי צום עסן־גיין, און מען הערט נישט קיין קלאַנג פון זיי, קיין וואָרט פון זיי. גלייך ווי זיי וואָלטן שוין זיצנדיקערהייט געוועזן ערגעץ, נישט אויף אונדזער וועלט.

פּלוצלונג גיט זיך איינער אַ רוף־אָן:

— ר׳ הערשל, איר געדענקט דאָס קוקורודזע־יאָר? וועט שוין זיין אַ יאָר 60 אַוודאי.

— פאַרדרייט אייך אייער ספּאָדעק — ענטפערט ר׳ הערשל, אַ קליין יידעלע מיט אַ שטויביק גראָ בערדל — דאָס קוקורודזע־יאָר איז שוין אַ

קיימא־לן פון אַ יאָר 70, איך האָב דעמאָלט געקענט אַלט זיין אַ יאָר פינף. כ׳האָב אָנגעהויבן פונקט לערנען חומש מיט רש״י. אי, ר׳ אפרים, איר האָט שוין גאָר קיין זכרון נישט.

— און יאַך זאָג אייך, אַז נאָר זעכציק. יאַך האָב מיר מיינע סימנים. ס׳איז געווען אַ יאָר פאַר מיין בר־מצווה, און זאָגט אייך וואָס איר ווילט.

און ס׳ווערט אַן אַמפּעריי, די באַנק צעפלאַקערט זיך, ס׳פאַלן היציקע רייד: „אַלטער עובר בטל״, „גויאישער קאָפּ״, „אַ שאָד וואָס איר מאַכט קאַליע ברויט״. און ווידער שטיל, אויסגעלאָשן, פונקט ווי אַ פייער ביים צאַנקען, וואָס דאָס פלעמל גיט זיך אַ צעצינד און זעצט זיך אַראָפּ.

אַז זיי ווילן זיך אַמאָל היימלעך מאַכן, די אַלטע לייט, נעמען זיי רעדן וועגן די היינטיקע „פּאָזשאָנדקעס״, וועגן די מאָדעס היינטיקע.

אַמגערנסטן טוען דאָס די ווייבער פון מושב־זקנים.

איינע, די אַלטע ברײַנדל, אַ יידענע אַ גרויסע הלצה־מאַכערין, שילדערט ווי אַזוי די היינטיקע ווייבעלעך ווישן אָפּ דאָס שיינקייט זייערס צום שלאָפן־גיין, די רויטע ליפּן, די רויטע בעקעלעך, בינדן־אָפּ פון פאָרנט, פון אונטן, און וואָס בלייבט שוין איבער פון אַזאַ פּרויענצימער? ס׳איז דאָך אַלץ געבאָרגט — און די ווייבער אַרום לאַכן מיט די ליידיקע יאַסלעס. דערנאָך גייט זי איבער צו די פּאַרליבעניש, די היינטיקע — „קורצעגיר־מוצעניו, ער האַלט זי אַרומגענומען, זי — אים, נאָר ווי לאַנג האַלט דאָס אָן, קיין זעקל זאַלץ אינאיינעם עסט מען דאָך נישט אויף. אָדער אים פאַלט עפּעס איין אויג אַריין אַן אַנדערע אָדער איר״.

אַ צווייטע ווידער, ביילע־רויזע, אַ יידענע מיט האָר אַרום דער גאָמבע, דערציילט וועגן די היינטיקע סחורות.

„כ׳זאָל מיך נישט פאַרזינדיקן מיט די רייד — הייבט זי אָן — אַלץ איז דאָך שפּיגגע רעגינגע, צעקריכט אונטער די הענט, ס׳האָט אַזאַ האפט ווי ס׳גאַנצע לעבן ס׳היינטיקע. ביי דער דריטער וועש בלייבט עס צווישן די פינגער. צ׳פאַרשטייט? — קוקט זי אויף דער קופּע ווייבער, וואָס זיצן אַרום איר — פערציק יאָר האָב איך געטראָגן אַ באַראַנקאָווע זשאַקעט פון דער חתונה, און ער איז געבליבן שפּאָגל ניי. ווען נישט היטלער, ימח שמו, מיט דעם לויפעניש איבער די גרענעצן, וואָלט איך אים נאָך היינט געטראָגן. וואָס דאַרפט איר מער, ביז צום חורבן האָבן זיך נאָך ביי מיר

אַרומגעוואַלגערט סטענדלעך און פּאַסקעס פון מיידלווייז. און אַפילו דער הוט מיט די ווייסע פעדערן, וואָס איך האָב געקריגן אַ מתנה צום אויפ־רופן. אַ וועלט, אַ וועלט, האַ?״ — קוקט זיך ביילע־רויזע אַרום.

נאָר איינמאָל איז געוואָרן גאָר לעבעדיק צווישן די אַלטע לייט — אַ חתונה אין מושב־זקנים.

ס'איז מיט אַ צייט צוריק אָנגעקומען אויף „קוואַרטיר״ אין מושב־זקנים אַ ייד מיטן נאָמען משהלע.

ווי פאַרצערטלט מען האָט אים גערופן, איז דאָס געווען אַ ייד אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. געטראָגן האָט ער אַ קורץ געשוירן גראָ בערדל און האָט נאָך פאַרמאָגט אַלע ציין ביז איינעם. די איינוווינער פון מושב־זקנים זענען זייער נייגעריק געווען וויפל דער ייד קען אַלט זיין, נאָר ער האָט קיינעם נישט געוואָלט זאָגן. „וואָס איז דאָס אייער עסק, וואָס האָט איר עפּעס צו ציילן יענעמס יאָרן?״ — האָט ער זיי געענטפערט. אַזוי ווי זיי האָבן דאָך געוואָלט וויסן, זענען זיי גע־ווויר געוואָרן פון דעם אמת, ווו די מעטריקעס געפינען זיך, אַז דער משה־לע איז אַלט קיילעכדיקע 75 יאָר. איצט האָבן זיי זיך גענומען רייצן מיט אים: „זעט איר, ר' משהלע, וואָס איז זיך דאָ צו היטן, וואָס זענט איר עפּעס אַ מיידל, 75 ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר״. האָט זיי דער משהלע געפּלעפּט מיט איין וואָרט: „נאַרישע יידן, וואָס קוקט איר אויף אַ מע־טריקע, מען איז זיך דאָך אין יענע יאָרן געגאַנגען אַליין מעלדן״. האָבן זיי שוין ווייטער נישט געוווּסט. פאַרוואָס ער היט זיך אַזוי אויס, האָט זיי גאָרנישט געקענט איינפאַלן. ביי ווייס, אַז דער משהלע גרייט זיך שטילערהייט חתונה צו האָבן.

געווען איז ער אַ קראָקעווער און האָט פון אַלע יאָרן, נאָך פון פראַנץ יאָזעפס צייטן, געהאַלטן אַ שענק אין קראָקע. דערציילן פלעגט ער שטענ־דיק וויפל געגנדז מען פלעגט ביי אים קוילענען אַ דאָנערשטיק, וויפל אָדערקעס ער פלעגט אָפּבראָטן אויף שבת, וויפל פּיפּקעס, וויפל פלאַש שנאַפּס מען פלעגט ביי אים אויסטרינקען. „עך האָב מיך טאַקע אָנגע־גרייט אַביסל כּוחות אויף די עלטערע יאָרן״ — פלעגט ער שטענדיק זאָגן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין מושב־זקנים, ווו זיינער אַ זין האָט אים אַריינגעגעבן, און האָט איינגעפונען, אַז זיצן אָן אַ ווייב איז קיין

תכלית נישט. „וואָס בין עך עפּעס אַ גלח?" — פלעגט ער שטילערהייט צו זיך זאָגן. דערצו פלעגן אים צו אָפט אויפן געלעגער אויפקומען אויפן זכרון די צוויי ווייבער זיינע, מיט וועלכע ער האָט געהאַט קינדער און זע־נען יונגערהייט געגאַנגען פון דער וועלט. זיי האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין געדאַנק האַלבע נעכט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו די „קוואַרטיראַנטינס" פון מושב־זקנים און האָט „געוואָרפן אַן אויג" אויף איינע אַן עלטערע פרוי, ביילע האָט מען זי גערופן.

די ביילע איז געווען אַ מיטל־וווקסיקע, אַ קיילעכדיקע יידענע, מיט אַ פול רונדיק פּנים, וואָס עס זענען נאָך געבליבן דערויף סימנים פון די אַמאָליקע רויטע בעקעלעך. זי איז שטענדיק געגאַנגען אין אַ ברייט פּלי־טשינקע פאַרטעך, אַ טיכל אויפן קאָפּ, אַ ריינע, אַ ציכטיקע. משהלע פלעגט זיך אַזוי צוקוקן מיט זיין גענייט אויג צו דער פרוי און האָט זיך אָנ־געהויבן שאַרן צו איר.

ער האָט פאַר איר דאָס ערשטע מאָל באַהאַלטן אַ שטיקל שטרודל פון שבת־טיש.

ער האָט איר אָפּגעוואַרט, ווען זי איז געווען אַליין און האָט איר דאָס אַ דערלאַנג געגעבן:

— נעמט, ביילע, כ'האָב דאָס באַהאַלטן פאַר אייך, זאָל אייך ווויל באַקומען.

ביילע האָט אים אָנגעקוקט האַלב לאַכנדיק:

— אַ ייד מאַכט זיך צום נאַר. צו וואָס טויג דאָס אייך, ר' משהלע?

— און האָט נישט געוואָלט נעמען.

ביי משהלען זענען אויפגעשפּרונגען די ספּריטנע שטיק פון די יונגע יאָרן, ער האָט גענומען דאָס שטיקל שטרודל און איר אַ לייג אַריין געגעבן אין דער טאַש פון ברייטן פאַרטעך און איז פאַרשוווּנדן.

אַז ביילע האָט אים נאָך דעם באַגעגנט, האָט זי אַוועקגענומען די אויגן, און ווי משהלען האָט זיך אויסגעדאַכט, איז אַ רויטקייט אַרויסגע־קומען אויף איר פּנים.

משהלען האָט דאָס צוגעגעבן קוראַזש. נישט קיין וווּנדער, האָט ער געטראַכט, אַ יידענע זיצט אָן אַ מאַן.

איצט האָט ער איר געקויפט עפּעס אַ נאַשוואַרג, אונטערגעלאָפן אויף די שפּיץ־פינגער און איר עס אַריינגעלייגט אין טאַש פון פאַרטעך און ווי־דער פאַרשוווּנדן.

ביילע האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיק. גאָר אָפט זענען איר איצט די געבלוטן געקומען אין פּנים אַריין און ס'האַרץ האָט ביי איר אָנגעהויבן קלאַפּן, אַ זאַך, וואָס זי האָט שוין לאַנג נישט געפילט. זי האָט זיך מ'ט איינמאָל דערמאָנט, אַז זי האָט דאָך, מ'שטיינס געזאָגט, אַ גאַנץ לעבן אָפּגעוויסט ווי אַן אַלמנה. צו דרייסיק יאָר, נאָכן טויט פון איר מאַן גע־בליבן מיט דריי קליינע קינדער, איז ביז זי האָט די קינדער אויסגעשטעלט פאַר מענטשן, זענען דערווייל די יאָרן צעקראָכן. און זי האָט איצט גע־פילט, אַז יעדעס מאָל וואָס משהלע האָט איר עפּעס צוגעטראָגן, איז דאָס אַריינגעפאַלן אין איר, ווי אַ זריעה פאַלט אַריין אין ערד. ס'האָט עפּעס אָנגעהויבן אויפגיין אין איר.

און אַז משהלע האָט איר נאָכאַמאָל געוואָלט עפּעס דערלאַנגען, האָט זי זיך שוין אויסגעדרייט אין זיין זייט און אים געפרעגט:

—כ'מיין באמת, ר' משהלע, נאָך וואָס טוט איר דאָס? נאָך וואָס דאַרפט איר אויפוועקן אַן אַלטע ווונד אין האַרץ ביי מיר?

— עך מיין אַן ערנסטע זאַך — האָט איר משהלע געענטפערט.

— נו, וואָס, אויסשטעלן זיך אויף לייטיש געלעכטער? איר דער חתן און איך די כלה?

— איר זאָלט וויסן זיין, ביילע, אַז כל־זמן שהנשמה בקרבי, מאַכט רש״י, חי — געלעבט. עך פיל זיך נאָך גענוג קרעפטיק, און איר זענט אַ יידענע אַ ברכה צו מאַכן. וואָס, מעט לאַכן? ווי לאַנג וועט מען לאַכן? און מיר וועלן נאָך צולעבן ווי לאַנג ס'איז אונדז באַשערט. נאָך וואָס זיך אַרומדרייען אַליין? חוץ מזה וועלן מיר קריגן אַ באַזונדער צימער, ווי יעדעס פּאָרפאָלק אין מושב־זקנים. אַלזאָ, ביילע, זאָל זיין מיט מזל און עך גיי מעלדן אין אַמט, זיי זאָלן פאַרברייטן אַ חופּה. און משהלע האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער ביוראָ.

— אָבער וואַרט נאָר צו, ר' משהלע — האָט ביילע אים געוואָלט פאַרהאַלטן.

— וואָס איז דאָ צו וואַרטן, וואָס האָט איר מורא, פאַר אַ טריפהנע חתונה? און אין איין אימפּעט זיך געלאָזט צום אמת.

צום מיטאָג איז שוין דער גאַנצער מושב־זקנים אויף־געוועזן מיט דער נייעס: משהלע האָט חתונה מיט דער אַלטער ביילע.

די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם אייגענעם מוצאי־שבת און דער גאַנצער מושב־זקנים האָט זיך אָנגעהויבן פאַרברייטן צו דער שמחה.

ס'איז אַוועק דאָס ערשטע חוזק־געלעכטערל וועגן דעם נייעם פאָר־פאַלק, איז עפּעס אַ סאַטיספאַקציע געוואָרן ביי די אַלטע לייט — אַ חתונה! תמיד פלעגט דאָ דאָס נייעס זיין — דער טויט, וואָס זיינע פליג־לען, שאָרשען דאָ צווישן די זקנים און יעדעס מאָל ווערט אַן אַנדערער אַוועקגעריסן. מיט אַט־אָ דער חתונה אין מושב־זקנים האָט מען דעם מלאך־המוות אַ שפּיצל אָפּגעטאָן — אַ חתונה! און דער עולם האָט זיך פאַרגעברייט מיט שטילן ברען.

משהלע האָט זיך געלאָזט „צופּוצן" דאָס בערדל, אָנגעטאָן די גע־האַקטע שוואַרצע קאַפּאָטע, דאָס קראָקעווער גראַנאַטאָווע אַטקאַנטיקע זשעקעי־היטל, וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים.

דער אָוונט פון דער חופּה האָט טאַקע אויסגעזען פייערלעך. ווייסע טישטעכער, קאַנדעלאַבערס מיט ליכט. אויף די טישן — בראָנפן מיט לעקעך.

די מענער פון מושב־זקנים זענען אַרומגעזעסן אַרום משהלען, די ווייבער — אַרום ביילען.

משהלע איז געזעסן אויבנאָן און מחמת די פיל „לחיימס", וואָס ער האָט מיט אַלע געטרונקען האָבן זיך ביי אים די בעקעלעך צעגליט, פּונקט ווי אַמאָל אין דער שענק, אין קראָקע, און ער האָט געשיינט.

יעדער פון די אַרומיקע האָט זיך באַמיט ביי אָנווינטשן דעם חתן צו זאָגן אַ וואָרט פון וואָס דער עולם זאָל לאַכן. „משהלע, מערטשעם איבער אַ יאָר אויף אַ ברית", האָט אים איינער געדריקט די האַנט, און די זקנים אַרום האָבן געכיכיקעט מיט אַ דריבנע געלעכטערל. אַ צווייטער האָט אים געזאָגט: „שאַדט נישט, משהלע, אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים". און ווידער אַ געלעכטער. אַ דריטער האָט זיך ביי אים אַוועקגעשטעלט: „לחיים

משהלע, פונדעסטוועגן זיי נישט געפאַלן ביי זיך. אברהם אבינו איז על־טער געווען פאַר דיר און די מוטער שרה איז עלטער געווען פאַרביילען און נישקשה, זיי האָבן נאָך געהאַט אַ יצחקן. מען דאַרף נאָר בטחון". און איינער האָט געשריגן אויף די העכסטע קולות: „משהלע, די אַלע פּיפּקע־לעך וואָס דו האָסט אויפגעגעסן, וועלן דיר אַנטקעגן קומען און זיך מיען פאַר דיר, שאַדט נישט".

איינס צוויי איז געשטאַנען די חופּה.

צוויי זקנים האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און האָבן אים אונטערגעטריבן איבערן וועג: „רוק זיך, רוק זיך, חתן־בחור". די ווייבער האָבן געבראַכט ביילען מיט ליכט אין די הענט. אַ מינוט איז אַלץ גע־בליבן שטיל. אַ חתונה. יעדער האָט זיך עפּעס אַ דערמאָן געגעבן — ווי לאַנג איז גאָר, און די הערצער האָבן פאַרקלעמט, די אויגן זענען פייכט געוואָרן.

נאָר בעת עס איז געקומען צום צעברעכן דאָס גלאָז אונטער דער חופּה, זענען אַלע געבליבן שטיין און פאַרהאַלטן דעם אָטעם. משהלע האָט אַרויפגעשטעלט דעם פוס אויפן גלאָז און — דאָס גלאָז האָט זיך אָפּגע־גליטשט אונטערן פוס. אַלע אַרום זענען געבליבן שטיין געפּלעפּט, דער־פילט דעם גאַנצן חוזק פון זייער לעבן. מען האָט נאָכאַמאָל אונטערגע־רוקט דאָס גלאָז אונטער זיין פוס און — משהלע האָט עס אַ צעזעץ געגעבן.

די שמחה ביי די זקנים איז געוואָרן גרויס. מען איז צוגעלאָפן צו משהלען און מען האָט זיך מיט אים געקושט, געקלאַפּט אים אין פּלייצע: „אַ כוואַט, אַ כוואַט". די ווייבער האָבן געקושט ביילען און מען האָט צו־געשריגן: „מזל טוב", „מזל טוב", פונקט ווי יעדער וואָלט דאָ געהאַט זיין חלק.

אַז דאָס פּאָרפאָלק איז אַריין צו זיך אין צימער האָבן די זקנים נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דעם האַלב טונקעלן קאָרידאָר, ווו די טיר האָט זיך געפונען.

זיי זענען געשטאַנען אַזאַ קנויל און איינער האָט דעם אַנדערן אַ שנעל געטאָן אין אויער, יענער זאָל נישט באַמערקן, אַ קיצל געטאָן אין

דער' זייט. דאָס האָט אַזוי געדויערט, ביז איינע אַ יידענע האָט אַ געשריי געטאָן אויפן קול:

„פאַרדרייט אייך אייער קאָפּ, איר האָט געהערט עפּעס, אַ ייד אין זיינע יאָרן, וואָס, איר זייט משוגע געוואָרן אויף דער עלטער?"

דער שומר פון מושב־זקנים איז אַרויס און האָט די אַלטע לייט אַריינ־געטריבן אין זייערע חדרים.

אַ גנעשריי

דער ליימענער טופיק, אין וועלכן איך האָב געוווינט אין טאַשקענט, האָט אין די חמימהדיקע מיטאָג־שעהן, בעת די זון אין אַזיע דערגרייכט איר גיהנומדיקן גראַדוס 60־70, געשלאָגן פאַרן אויג מיט געלער בראַנד. ס׳האָט געקענט אויסדוכטן, זעענדיק דעם צעשיינטן ליים, אַז דער ברוין צעשרפהטער הימל האָט אונטערגעצונדן דעם באָדן און ער ברענט ווי אַ וואַקסן ליכט. אונטער מיינע פיס, איז ער פאָרגעקומען, דער באָדן, ווי איך זאָל שפּרייזן אויף אַן אָנגעגליטער פּליטע, וואָס בריט די פּיאַטעס אַפילו דורך די זוילן. און עפּעס פאַרשאָלטן איז זי פאָרגעקומען, די ערד, אין דעם שמאָלן בלינדן געסל פון אוזבעקיסטאַן. אומעטום: ליים, פּוס־טער ליים. די צוויי קעגנאיבערדיקע הויכע פּלויטן, וואָס שאַפן דאָס אייגנטלעכע געסל, זענען פון ליים, און שטייען צעשפּאָלטענע ווי האַלב איינגעפאַלענע מצבות אויף פאַרוואָרלאָזטע קברים. דער וועג — פון ליים און די קוביטקעס, וואָס גרייכן אַריבער די פּלויטן — ווידער ליים. נישט צו זען דאָ קיין שפּראָץ, קיין גרעזל. און אַלץ הייבט אָן אויסזען קרענקלעך, די געלקייט — חלשותדיק, עפּעס ווי ביי אַ גוסס. דערצו איז דאָס געסל אַ בלינדס, נישטאָ דאָ קיין פענצטער, קיין שפּילנדיקע שויבן פון אַ שטוב אַרויס, מחמת די מזרח־צניעות פאַרבאָט צו בויען די פענצטער אין גאַס אַריין, כדי אַ פרעמדער מאַן זאָל נישט דערזען אַמאָל אַ פרוי אין שטוב אין איר אָפּגעהילטן פּנים.

און איך פלעג זיך שלענגלען איבער דעם בלינדן געלבן צעגליטן געסל, ווי איך וואָלט אַריין ערגעץ אין אַן אינגעווייד.

ווי מאָדנע אַזאַ געסל איז געבויט. גייסט אַריין דאָס ערשטע מאָל און דו מיינסט, אַז דאָרט אויבןביים ראָג, ענדיקט עס זיך, ערשט דו קומסט צו און עס דרייט זיך אַ וועג אויף רעכטס און אויף לינקס און

ווידער אויף רעכטס, ווי „נישט־גוטע" וואָלטן דיך דאָ אַריינגעפירט און וועסט זיך קיינמאָל נישט אַרויספּלאָנטערן.

דאָס געסל ציט זיך נישט גלאַט, אָן אַ ציל. אויף ביידע זייטן פלויט זענען פאַראַן הילצערנע טירלעך, אויסגעשניצטע מיט פאַרשידענע אָרנאַמענטיקס אין אָריענטאַלישן סטיל.

איך פלעג אָן עפן געבן דאָס טירל פון מיין הויף און אַ קילקייט האָט מיך דערפרישט, אָן אנגענעמער אָטעם האָט אָנגעהויבן אויף מיר הויכן. פאַר מיינע פיס, ביי די ערשטע טריט, איז געווען פאַרלייגט אַ בריקל, ווי עס האָט זיך געצויגן אַ פליסנדיק אַריקל (אַ שמאָל טייכל). דאָס אַריקל ציט זיך פון די אוזבעקישע בערג, וואָס טראָגן אויף זייערע נאַקנס אָן אייביקן שניי, און ווייסלען זיך קעגן דער זון ווי פענער פון שלום — שניי און זון. פון די בערג פאַלן דאָס די וואַסערן און צעגייען זיך איבער דער לענג און ברייט פון אוזבעקנלאַנד מיט דעם דערפרישנדיקן פלעסקען פון ערגעץ אַ פאַרבאָרגן וואַסערל אין אַ פאַרשמאַכטן מדבר.

אַריבערגעשפּרייזט דאָס וואַסערל, אַ פּאָר טריט און איך בין אונטער אַ געפלעכט פון ווייַנטרויב־צווייגלעך, וואָס ציען זיך שלענגלעכוויז איבער הויכע שטעקנס און פאַלן זיך צונויף און אַריבער, ווי די פעדים אויף אַ וועב־שטול. איך געפין זיך אונטער אַ סכך פאַרשפּינט מיט גרינס און טרויבן.

די זון האָ־האָ, זי קוקט שוין איצט בגנבה ערגעץ פון אונטער אַ צווייג מיט אַ האַלב אייגל.

אויפן הייפל זענען אויך צעוואָרפן ביימלעך פון פערסיקעס, אַבריקאָסן, וואָס שטייען פאַר די פענצטער פון די פיר קיביטקעס, וועלכע געפינען זיך אויפן הייפל, יעדע אָפּגעטיילט פאַר אַ באַזונדערע באַוווינונג.

דאָס דאָזיקע בילד איז אומעטום צו באַמערקן אין אוזבעקיסטאַן: אויף איין אָרט — טרויבן פון ווייַן און קישמיש, וואָס ברוינען זיך אַראָפּ פון די צווייגן, און שוין דאָרט — אַ מדבר־לערקייט, אַ נאַקעטע אויסגעוואָרצלטקייט, ווי עפּעס אָן אכזריותדיקע האַנט וואָלט דאָס אָרט פאַרוויסט, אַז קיין גרעזל זאָל נישט שפּראָצן.

אונטערן גרינעם שאָטן דאָ, ביים פלעסקען פון וואַסער, לעבן אין די

חמימות די מענטשן און זייערע בעלי־חי: די קו, אַ ציג, הינער און דער אייזל.

אַזוי איינפאַך ווי די קו און דער אייזל, לעבן דאָ די מענטשן.

אינעווייניק, אין אוזבעקישן הייזל, איז אַלץ אַזוי אָפּגעבאַר ווי אויף דער האַנט. נישטאָ דאָ קיין בעטן און שענק, קאָמאָדעס מיט געקאָוועטע געהיימע שלעסער, קיין טיש מיט שטולן. פּונקט ווי דער אייזל האָט זיין שטאַל און זלויב פאַר דער חיונה, האָט זיין באַלעבאָס אַ ליימיק שטיבל מיט פאַכלען אין די ווענט פאַר דערווירטשאַפט. אין די דאָזיקע פאַכלען שטייען דער סאַמאָוואַר, די מעשענע טאַץ, פּיאָלעס (שיסעלעך צום טיי־טרינקען) און טשייניקלעך. דאָס געלעגער, וואָס באַשטייט פון וואַטענע געבלימטע קאָלדרעס, ווערט אויף ביינאַכט אויפגעשפּרייט און בייטאָג — צונויפגעלייגט אין אַ שטויס. דאָס אייגענע מיט דער הלבשה: דער טשאַפּאַן (אַ וואַטענער כאַלאַט) דינט פאַר זומער און ווינטער און בשעת הדחק אויף ביינאַכט צוצודעקן.

דאָס איינציקע מעבל־שטיק איז אַ גרינער קופערט באַשלאָגן מיט רייפן. אין די רייכערע הייזער זענען אויסגעשפּרייט פלושענע טעפּיכער אויף די ווענט און אויף דער פאָל. נאָר פאַרביק געבלימלט איז אַלץ, אָנהייבנדיק פון טשייניקל ביז דעם ערדענעם שיסעלע. דער סאַמאָוואַר, די מעשענע טאַץ, זענען גראַווירט מיט האַלבע לבנות און מיט פאַרצייטישע טרובעס, וואָס רופן צו רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אין די יאָרן פון מלחמה האָבן זיך אויף דעם אוזבעקישן אָפּגעשלאָסענעם הייפל אַריינגעקליבן עוואַקואירטע: יידן, רוסן, פון פאַרשידענע טיילן פון גרויסן לאַנד. אַלע האָבן גלייך געמוזט פאַרוואַרפן זייערע הייםישע געוווינהייטן און זיך אונטערוואַרפן דעם אוזבעקישן שטייגער. קיין טיש מיט שטולן זענען נישט געווען, און דו האָסט געמוזט בחרפּתנו אַראָפּלאָזן די פיס אונטער זיך און זיך אַוועקזעצן ווי אַ שטייגער אברהם אבינו אין זיין געצעלט בעת ער האָט אויסגעקוקט אורחים.

געווען אויך מנהגים, וואָס מען האָט זיי גערנער איבערגענומען, אַ שטייגער ביים טיי־טרינקען, וואָס פאַרנעמט דאָרט אַ חשוב אָרט. נישט געווען קיין גלעזער, טעצעלעך און לעפעלעך און מען האָט מיט פאַרגעניגן געטרונקען פון דער אוזבעקישער פּיאַלע און פאַרבריט די טייעלעך אויף

זייער שטייגער, אַריינשיטנדיק זיי אין דעם געקאָכטן וואַסער צום טרינ־קען. מען האָט אַפילו שוין אָנגעהויבן מכבד זיין די געסט אויפן אוזבע־קישן שטייגער: אַרומטיילן די פּיאַלע מיט טיי אַלע זיצנדיקע אַרום אויף דער ערד. און דערביי בײַם דערלאַנגען זי דעם גאַסט מיט אַ מזרח־זשעסט צוטאָן די לינקע האַנט צום האַרץ, דאָס זאָל הייסן: דו אַכטעסט דיין גאַסט און ביסט אים מכבד פון גאַנצן האַרצן.

געווען איז דאָס אין אַ רו־טאָג, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג.

דאָס גאַנצע הייפל איינוווינער זענען געזעסן צעשפּילעט און צע־קנעפּלט, ווער אויפן גראָז, ווער אין אַ האַמאַק, פאַרטייעט אין שאָטן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פאַרן פייער, וואָס האָט זיך געשאָטן פון הימל. יע־דער האָט געקוקט פויל פאַר זיך מיט דער פאַרדרימלטער עצלות, וואָס ליגט אין אַזיע, בעת די היצן, אַלעמען אין די ביינער.

די הינער האָבן אויפן הייפל לאַנג אַרומגענישטערט די ערד ביי די שטאַנגען פון די ביימער און ענדלעך זיך אַנידערגעקאַטשעט, אַראָפּגע־לאָזט די הייטלעך איבער די אויגן און געזעסן פאַרגליווערט.

אַ פייגעלע פלעגט פון צייט צו צייט אַ שפּרונג טאָן פון אַ צווייגל צו אַ צווייגל און געבליבן שטום ווי פריער אויפן נייעם אָרט.

אַפילו די שמעטערלינגען, וואָס האָבן אַ גאַנצן פאַרמיטאָג אַרומגע־צאַפּלט צווישן די ביימער, זענען געבליבן שטיין אויף די בלעטער, ווי צו־געקלעפּטע ווייסע פּאַפּירלעך.

ס׳האָט עפּעס געקענט אויסדוכטן, אַז דער אָטעם פון דער וועלט הייבט ביסלעכווייז אָן אויסהויכן.

אַ קיעלע, אַ געל־ווייסעס, וואָס איז געשטאַנען צוגעבונדן צום פּלויט נישט ווייט פון אַריקל, האָט פויל געקייט די פּאָר איר אונטערגעשאָטענע גראָזן; יעדעס מאָל זיך אָפּגעשטעלט, צעבלאָזן די נאָזלעכער, אַ שמעק און אַ לעק געטאָן און ווידער אויפגעכאַפּט, ווי אויף יוצא־וועגן, אַ פּאָר גרעזער אויף איר לעקער.

מיט איינמאָל, פון דער העלער הויט, האָט דאָס קיעלע אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ אין דער גאַנצער הייך; אַרויסגעזעצט די שוואַרצע אויגענעס און זיך צערעוועט אין דעם טויט־פאַרגליווערטן אַוויר אַריין — אוממממממ! האָט זי וואָס אַמאָל געצויגן העכער און יאָמערלעך איר געשריי.

איר קול האָט עפּעס געוועקט, געקלונגען ווי אויפרייסנדיקעס אין דעם טויט־שטייענדיקן חלל.

נאָר דאָס קיעלע איז נישט אָפּגעשטאַנען, אַ פּאָר מינוט פאַרביי און זי האָט נאָך מער אויסגעקרומט דעם קאָפּ און גהעאליש זיך צעמרוטשעט — אומממממ!!!

און זי האָט איצט אָנגעהויבן אויסוואַקסן, די קו, פאַרנעמען דעם הויף. צום ערשטן מאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו דעם געלן בהמהלע מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן, וואָס האָט עפּעס אַ מילך־שטיל־קייט געטראָגן מיט זיך און דאָס ווינקל אין הויף איז איר צוגעטיילט גע־וואָרן אין זכות פון איר מעלקנדיקן אייטער. זי איז איצט געוואָרן לויי־טער קולות, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און כסדר גערעוועט. און עפּעס איז עס מאָדנע פאַרגעקומען: דווקא דאָס דאָזיקע שטומע באַשעפעניש האָט זיך אין דער פאַרמאַטערנדיקער שווייגעניש אַזוי צעשריגן.

די איינוווינער פון הייפל האָבן אָנגעהויבן אויסשטרעקן די קעפּ, זיך איבערכאַפּן מיט די בליקן און זיך פאַרווונדערט אָנגעקוקט.

דאָס קיעלע האָט אָבער אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט, נישט גע־לאָזט ווייטער אַריין אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט. יעדעס מאָל גע־שטויסן די לופט מיט די הערנער און געמעקעט — אומממממ!!! וואַרטנ־דיק קרומערהייט מיטן קאָפּ ווי נאָך עפּעס אַן ענטפער.

אין דער אָפענער וועראַנדע, מיט אַ געפלאָכטענעם שטרויענעם דאַך, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צום הייפל, ווי אַ טעאַטער־סצענע, האָט זיך באַוויזן די אַלעבאַסטע. זי איז געווען אַ הויכע דין־געשניצטע אויז־בעטשקע מיט אַן אַליוו־קיילעכדיק פּנים, וואָס די שוואַרצע אויגן האָבן דערפון אַרויסגעקוקט מיט אַ שאַרפן גלאַנץ ווי פון נייעם שטאָל, און מיט צוויי שוואַרצע צעפּ לענגער ווי די טאַליע. זי איז געווען באַהאָנגען מיט אַזוי פיל פאַרביקע פליטערלעך און טשאַטשקעלעך אין די צעפּ, אין שוואַרץ־סאַמעטענעם סטענדל אין דער טאַליע אַריין, און געמיניעט ווי אַ פיש מיט די שופּן קעגן דער זון. און פון אונטן האָט זיך ערשט געצויגן אַ געפאַלדעוועט פאַרביק־שרייענדיק קלייד פון געלע, רויטע און גרינע פאַסן ביז די קני, פון וואַנען ס'האָבן זיך אַרויסגעזען שטיקער ראָזע הויזן,

וואָס האָבן דערגרייכט ביז די קנעכל. ביים באַוועגן זיך פלעגט זי בייגן און לייכט נאָכגעבן איר קערפּער, ווי אַ יונג ביימל אין ווינט.

פון הויף האָבן זי עטלעכע געפרעגט:

— זוכראַ, וואָס שרייט אַזוי די קו?

— מען דאַרף זי פירן צום ביק — האָט זי גאַנץ איינפאַך געענפערט.

דער באַשייד פון דער קוס געשרייען איז געפאַלן ביי דעם הייפל איינוווינער, וואָס איז באַשטאַנען ס'רוב פון פרויען, וואָס די מענער זייערע זענען געווען אויפן פראָנט, ווי אַ קערנדל זריעה אין אַן אויפגעוואַכטער ערד אַריין. און, אַז די קו האָט זיך נאָך דעם מאָל צעמעקעט, האָט איר געשריי זיך גענומען פונאַנדערבליען, אויפגיין. דער קול אירער האָט גערופן, האַסטיקער געטריבן די געבליטן, די הערצער — אומרואיקער געמאַכט און די אויגן האָבן ביי אַלעמען אָנגעהויבן שפּילן. מען האָט איינס צו ס'אַנדערע געפייערט מיט שמייכלענדיקע בליקן.

אין דעם מיטלסטן הייזקע האָט געוווינט אַן עוואַקואירטע פאַמיליע, אַ יידישע פרוי פון אדעס מיט איר אַ שוועסטער פון איבער די צוואַנציק און אַ צוועלף־יעריק ייִנגל. דער מאַן מיט צוויי זין זענען געווען אויף דער מלחמה.

אויפן אָנבליק זענען זיי נישט געווען קיין ענלעכע. די טאָכטער — אַ טונקעלע, אַ לאַנג־פּנימדיקע מיט אַ קאָנטיקער נאָז און די מוטער — אַ פולע, אַן איבערגעיוירענע מיט אַ דיק אַרויפגעזעצט נעזל און מיט צעשוומענע אייגעלעך, ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין דעם פליישיקן פּנים. געשטימט האָבן זיי אין זייער ווייכער באַציאונג צו מענטשן, אין דער נאָכגיביקייט; אין זייער ווייבערישער צוריקגעהאַלטנקייט און אין דער פאַרבאָרגנקייט פון זייערע פאַרלאַנגען און גלוסטעניש, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער האַלטן תמיד ביי אַ פרעמדן דעם בליק פאַר זיך, און נישט קוקן יענעם פריי אין די אויגן. דאָס אַלץ אין זיי — ווי איין מענטש וואָלט אין זיי געזעסן.

די טאָכטער, דערהערנדיק די געשרייען פון דער קו, איז געלעגן די האַנט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ און דעם בליק פאַרעגבערט אין זיך. אַ דינער רויטער הויך האָט ביי איר אַרויסגעשלאָגן אויף די טונקעלע באַקן. זי האָט מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט אויסמישן מיט די בליקן,

נישט אונטערהאַלטן די שמייכלערייען, וואָס האָבן זיך באַוויזן איבערן הויף. און, אַז ס׳האָט זיך דערהערט מיטאַמאָל אַן אַרויספּלאַצנדיק געלעכטער נאָך אַ לאַנג גאַרנדיקן געשריי פון דער קו, וואָס האָט זיך איצט געצויגן לענגער ווי שטענדיק און ס׳האָט גענומען אויסדוכטן: ס׳וועט עפּעס אויפרייסן, אויסטערלישעס געשען, האָט דאָס מיידל ראַפּטעם זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער מוטערס און איז אַריין אין דער ליידיקער שטוב.

דאָס צוועלף־יעריקע יאַטל, מיט אַ בלאָנדער צעשויבערטער טשופּריגע, האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און געלאָזט זיך אין דער מיט הייפל, וווּ עס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען מענטשן און געלאַכט צווישן זיך. די מוטער האָט אויף אים אָנגעשריגן:

— מישאַ, וווּהין? אין שטוב גיי, דו נאַרישער יונג, דו!

דאָס יינגל האָט זיך אָוועקגעדרייט פון דער מוטערס רייד.

אַנדערש האָט אויסגעזען ביי דער רוסישער פאַמיליע, וואָס האָט געוווינט אין ערשטן הייזל, ביי דער ווערגאַנדע, אין שכנות מיט דער באַלעבאָסטע. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון דריי טעכטער און אַ פאָטער, אַ צעקנייטשטער זקן, אַ טשינאָווניק פון די צאַרישע צייטן נאָך. די מיטלסטע פון די דריי טעכטער, אַ העל־שאַטענע, וואָס איז צום לאַנגן פּנים געגאַנגען ערשט געקעמט אין אַ הויכער פריזור און ס׳האָט איר געמאַכט אַן אויסזען ווי אין אַ קרומען שפּיגל, איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון פּראַנט מיט אַ פאַרווונדעטן פוס. זי איז איצט נאָך די קאַנאַנאַדעס אין די טראַנשייען גאַנצענע טעג געזעסן מיט דעם נאָכהינקענדיקן פוס אונטער אַ בוים און פאַרביסן געשוויגן. ביי די געשרייען פון דער קו האָבן זיך ביי איר אויפגעשפּיצט די אויערן, אַ בייז פייערל האָט איר גענומען שפּילן אין די טונקעלע ביר־אויגן. זי האָט גענומען שרייען צו דער באַלעבאָסטע מיט אַ זעלנערישן באַפעל:

— פיר אָוועק די קו, זוכראַ, „פּאָניאַטנאָ“? (פאַרשטייסט).

און די יינגערע, אַן ערך אַ 17־יעריקע, מיט אַ קיילעכדיק קלאָר שיינענדיק פּנים, מיט בלאָנדע צעפלאָכטענע האָר און העל־בלאָע לויטערע אויגן ווי אַ שפּיגל, האָט אויפגעריטן אויפן ליימיקן פּלויטל מיט די נאַקעטע מילך־שפּריצנדיקע פיס און געשריגן אין צווייטן הייפל אַריין:

— העי, דעוושקי, גאַלינאַ, דוסיא, קומט אַריבער, ס'איז דאָ לעבע־דיק, די קו רייסט זיך צום ביק.

דאָס הייפל איז געוואָרן וואַך. קיינער איז איצט שוין נישט געלעגן אויף זיין אָרט. ס'זענען אַריבער די מיידלעך פון שכנותדיקן הייפל און האָבן מיטגעבראַכט נאָך אַנדערע. און דאָס קיעלע האָט איצט אַזוי היי־זעריקלעך געמרושעט און עפּעס מיטלייד געוועקט צו זיך.

די באַלעבאָסטע האָט געפּרווט אונטערשיטן דער קו פריש געשניטן גראָז, צוגעטראָגן איר וואַסער צו טרינקען. דאָס קיעלע האָט האַלב זייטיק אַ בליק געוואָרפן, פאַריסן דעם קאָפּ און זיך אויפסניי צערעוועט.

מען האָט אָנגעהויבן צושטיין צו דער באַלעבאָסטע:

— פיר אַוועק די קו — האָט מען געשריגן צו איר פון אַלע זייטן.

די באַלעבאָסטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער וועראַנדע, די פיס אונטער זיך און אויף איר צעקאַליעטשעטן רוסיש זיך אָנגעהויבן פאַר־ענטפערן:

— זיי ווילן 300 רובל, איך בין שוין געווען מיט איר, ווו האָב איך אַזוי פיל געלט?

אין הויף האָבן דערווייל אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און ער איז שוין פאַרבליבן.

און עפּעס מאָדנע, די מענטשן האָבן זיך גרופּירט לויט די יאָרן. די גרופּע יונגע מיידלעך, ביי אַ 6 אין צאָל, האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער אין אַ קרענצל. ביי יעדן געשריי פון דער קו האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שטויסן, וואַרפן זיך און איינע האָט די אַנדערע געוואָלט אַהין שלעפּן נאָענט צו דער קו, נאָר איינע פון זיי האָט זיך נישט געלאָזט. דערביי האָבן זיי גע־שריגן און געפּישטשעט, ווי אַ טשאַטע פייגל, וואָס שפּילט זיך אַרום.

אויפן הויף האָבן זיך געיאַוועט דריי רוסישע יאַטן אין אויסגעניייטע ווייסע העמדלעך. איינער פון זיי, מיט איידעלע בלייכע בעקלעך ווי ביי אַ מיידל און מיט קוים באַמערקבאַרן טונקעלן פוך אויף דער אויבערשטער ליפּ, איז אָפּט געקומען אַהער צו די יונגסטע פון די דריי רוסישע שוועס־טער. די יאַטן זענען געשטאַנען כלומרשט ערנסט, זיך צוגעהערט אייניקע מאָל צו די געשרייען פון דער קו מיט קוים באַמערקבאַרע שמייכעלעך און אַלע דריי, פאַרלייגט די הענט אויף די אַקסלען, האָבן זיך אָנגעהויבן

ווי אַ וואַנט דערנענטערן צו דער גרופּע מיידלעך. ביי די ערשטע טריט פון דערנענטערונג האָבן די מיידלעך אויפגעהויבן אַזאַ גוואַלד און זיך צעלאָפן צווישן די ביימער ווי אַ סטאַדע געגנדז, און בשום־אופן נישט צו־געלאָזט די יינגלעך צו זיך. די יאַטן האָבן זיך געלאָזט נאָך זיי, געוואַלט זיי כאַפּן. נאָר די געשרייען פון די מיידלעך זענען געווען אַזוי גרויס, אַז די עלטערע פרויען האָבן גענומען טרייבן די יינגלעך:

— אַרויס פון הויף, וואָס פאַר אַ פאַרשטעלונג איז דאָ פאַר אייך, מאַרש!

די יינגלעך האָבן זיך צוריקגעצויגן, געבליבן שטיל, נאָר פון הויף נישט אַרויס.

די עלטערע פרויען, די יידישע פרוי פון אדעס, די עלטסטע פון די דריי רוסישע שוועסטער, אַ קופּער־בלאָנדע, הויכע פרוי מיט אַן אַרויפגעשאַרצט קאַצאַפּיש נעזל, וואָס האָט שוין געהאַט אַ דערוואַקסן יינגל און עפּעס אַ פאַרדריפּעטע צעקנייטשטע אוזבעטשקע האָבן זיך גענומען אַרומ־פאָרען איבערן הייפל, זיך געדרייט ווי ביי אַן אונטערפירעכץ; געשושקעט זיך אין דער שטיל, אָנגעוויזן אויפן יונגוואַרג און געבליבן שטיין מיט די הענט פאַרלייגט אויפן בויך, איבערקוקנדיק זיך מיט פולע שמייכלען אין די אויגן.

פון לעצטן שטיבל, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פון הויף און אַן איינדרוק געמאַכט ווי אַ קעמערל, איז פּלוצלונג אַרויס פון דאָרט דער איינוווינער. דאָס איז געווען אַ ייד פון קרעמענטשוג, אַ בוכהאַלטער פון פאַך, אַן איבערנאַטירלעך הויכער און אַ דאַרער, מיט גריבלדיקע איינגעפאַלענע באַקן און מיט קוועטש־גלעזער אויף דער נאָז מיט בלאָ־רויטע פלעקן. דער ייד, שוין העכער פון די פופציק, האָט זיך די גאַנצע צייט געקליבן חתונה צו האָבן. יעדן רו־טאָג פלעגט ער זיך לאָזן איבער די באַזאַרן איינהאַנדלען עפּעס פאַר דער נייער ווירטשאַפט. נאָר די פרויען אויף וועלכע ער האָט אַן אויג געוואָרפן האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט. ער איז איצט אַרומגעגאַנגען צווישן דעם לאַכנדיקן און אויפגעהייטערטן עולם און האָט צו יעדן אַזוי ערנסט געזאָגט, ציטערנדיק מיט די קוועטש־גלעזער אויף דער נאָז:

— גישטאָ וואָס צו לאַכן, בירגערל, נאַטור, איר פאַרשטייט, נאַטור — האָט ער שטאַרק אַקצענטירט דאָס וואָרט.

די קו האָט איצט געגומען אַזוי וויינענדיק רעווען — אומממממ! אַז זי האָט אָנגעהויבן שרעקן. עפּעס אַן אומרו האָט זיך געטראָגן פון דעם אומגעהויערן שרייענדיקן כוח, וואָס רייסט זיך פון דעם שטומען באַשעפעניש. און אין דער שרעק האָט יעדער דערפילט עפּעס שותפותדיקעס, אייגנס.

פון דער גרופּע עלטערע פרויען האָט מען גענומען שרייען צו דער באַלעבאָסטע:

— זוכראַ, פיר אַוועק די קו, די מילך אירע האָט דיר געשמעקט? טאָ פיר' זי אַוועק, זאָל קאָסטן וויפל עס קאָסט, אַ רחמנות אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

די מיידלעך זענען נאָך די געשרייען געוואָרן שטיפערישער, דרייס־טער' און זענען צו נאָענט צו דער ווראַנדע מיט געשרייען:

— פיר אַוועק די קו — זענען זיי געשפרונגען פון אָרט צו אָרט, נישט איינשטייענדיק אַ מינוט.

פון די צעלאָזענע געשרייען האָט אַ חברה יונגוואַרג, 10—12־יעריקע יאַטלעך גענומען מאַכן קאָזשעלקעס אויפן גראָז, געשטעלט זיך אויף די קעפּ מיט די פיס קאָפּויר, און זיך געטאָרעט איינס אויף ס'אַנדערע, נאָכ־מרומשענדיק דער קו — מעעע!

דער' הויף איז איצט געוואָרן אונטערגעצונדן פון געלעכטער. יעדער געשריי פון דער קו איז באַגלייט געוואָרן פון אַ זאַלפּ אַלטע און יונגע קוויטשיקע געלעכטערס.

די אוזבעטשקע האָט זיך אַנידערגעזעצט אין איר גאַנצער אומבאַ־האָלפנקייט און האָט אַרויסגעצויגן אַ לייוונטן טאָרבעלע פון בוזעם:

— זעט — האָט זי געוויזן פאַרן גאַנצן הויף מענטשן — ווו האָב איך אַזוי פיל געלט, 75 רובל איז אַלץ, וואָס איך האָב, ווו האָב איך אַזוי פיל געלט.

— טאָ פיר זי אַזוי אַראָפּ פון הויף — האָט דער אַלטער טשינאָווניק זיך אָנגערופן — וואָס וועט זי אונדז איינשרייען דעם קאָפּ.

— וואָס הייסט זי זאָל זי אַזוי אַוועקפירן — איז צו אים צוגעשטאַ־

אַ גע ש ר י י

נעבן דער בוכהאַלטער — דאָס איז נאַטור, בירגער, עטאָ זשע ניע שוטקא, דאָס איז זיך נישט קיין שפּאַס.

די אוזבעקשקע, פּילנדיק אויף זיך דעם גאַנצן הויף מענטשן און די געשרייען פון דער קו, וואָס הערן נישט אויף, איז צונויפגעפאַלן און זיך צעוויינט:

— די קו — האָט זי געכליפּעט — און איך, וויסט לעבן מיינס, דריי יאָר אָן אַ מאַן, אַוועק אויפן פראָנט און ווי אין וואַסער אַריין, אַליין, איינע אַליין, די קו, אַ רחמנות אויף דער קו, און איך — האָבן טרערן געוואַשן אירע אויגן.

די גרופּע באַמאַנטע פּרויען זענען געבליבן שטיין ערנסט, פאַר־טראַכט פאַר זיך, האָבן איר גאָרנישט מער געזאָגט. זייערע מענער זענען דאָך אויך אַוועק אויף דער מלחמה. און ביי אירע טרערן האָבן זייערע אויגן אויך זיך גענעצט.

און די יונגע מיידלעך זענען געבליבן צוריקגעהאַלטן און האָבן אַראָפּ־געלאָזט די בליקן. פאַר זיי זענען אויפגעגאַנגען זייערע היימען און — זיי זענען דאָך נישט ווי פריער, די טאַטעס זענען אַוועק, די ברידער — נישטאָ.

דער בוכהאַלטער איז איצט געשטאַנען, געפינטלט מיט די וואַסער־דיקע אויגן און יעדעס מאָל געווישט די קוועטש־גלעזער.

און אַז די קו האָט זיך איצט צעשריגן, איז איר געשריי געוואָרן אַ שותפותדיקס. זי האָט אויסגעשריגן דעם קוועל, דעם פאַרדרעגנגטן קוועל, וואָס איז געלעגן ביי יעדן, דעם צער פון דעם געמוטשעטן מענטש אין דער מלחמה. זי האָט בולטער, קלאָרער געמאַכט, אויפגעריסן דעם פייער־דיקן קנויל, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט ביי יעדן —דעם פאַר־קוועטשטן לוסט.

פאַר די אויגן האָבן זיך געשטעלט די גאַנצע מחנות ווייבער און כלות, וואָס מ׳האָט זייערע מענער און חתנים צוגענומען און זיי, די פּרויען, וואַלגערן זיך אַרום אין זייערע היימען ווי צויטנס, איבעריקע אַוועקגעפאַלענע צויטנס; ליגן אַליין אויף זייערע געלעגערס אין היץ־חלו־מות, געמישט פון באַגער און טויט־געשפּענסט. און דאָרט ערגעץ אין די מיליטער־פּונקטן שטייען נאַקעטע רייען מענער, ווי צעבליטע ביימערדי־

קע שטאַנגען, גייען דורך די מעדיצינישע אונטערזוכונג און ווערן צוריק־געשיקט מיט ווייטע טראַנספאָרטן צום פאַרלענד, צום פאַרלענד.

און דאָס געשריי פון דער קו, וואָס איר באַלעבאָסטע האָט אין גרויסן קוועל פון דער מלחמה קיין 300 רובל נישט געקענט צונויפשאַרן און איר געלאָזט אַזוי שרייען אויף הפקר, האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שטילן געשריי פון דעם הויף מענטשן, פון נאָך הייף און הייף. — — —

*****

די נאַכט איז צוגעפאַלן, די לויטערע דורכזיכטיקע זומער־נאַכט אין אוזבעקיסטאַן.

אַלץ זעט זיך אין אַזאַ נאַכט ווי דורך געשליפן גלאָז, אונטער אַ צע־העלטן מילך־שיין. יעדעס שטעגל, יעדעס הייזל ווערט איבערגעבויגן מיט אַ זילבער־הויט, אַ זילבערנע מאַט־ווייסע וועלט. אַרום מיניעט און בלאַנקט. און עס קומט עפּעס פאַר, ווי די וועלט וואָלט געווען אַ זילבערנע שקאַ־טולקע, פול מיט צירונג, נאָר מיט אַ געהיימען שלאָס צום עפענען.

דער הימל שפּרייט זיך העל און אונטער אים שפּאַרט זיך אַזאַ ליכט, אַז דו ווייסט אייגנטלעך נישט פאַרוואָס זאָל דאָס הייסן נאַכט. די לבנה — גרויס און לויטער און דערביי אַזוי מילד, אַזוי גלעטנדיק מילד און צעשמייכלט, נישטאָ אין איר די היציקע פאַריסנקייט וואָס אין דער זון, דאָס שפּייען מיט פייער ביי אַ ליאַדע בליק צו איר; קוק, אדרבא, קוק וויפל דו ווילסט, און וועסט נאָך כאַפּן מיט ריינע אויגן אַזוי פיל ליכטיקע פעדעם פאַרן האַרץ — פאַרשפּינט ווערן מיט לויטער שיין.

און דו גייסט אין אַזאַ נאַכט פון קיינעם נישט געפירט, וואַנדלסט, אָן אַ ציל אויף אַ שטעגל, און טיול־שלייפן, געוועבט פון לבנה־שיין, שפּרייטן זיך דערויף און וויקלען זיך אַרום דיר און פאַרוויקלען דיך מיט אַזוי פיל לוסט.

שטיין בלייבסטו פאַר אַ ווייט הייזל, וואָס איצט זעט עס אויס פון זילבער געגאָסן; די שויבן פון פענצטערל — פּערלמוטער צעלויכטענער.

די ביימער, וואָס שטייען פאַרן הייזל, זעען אויס ווי טונקעלע וועכ־טער, וועלכע היטן דאָ אַ סוד, אַ נאַכט־סוד.

אינעווייניק אין הייזל דאַרף זיצן אַ פרוי, אַזוי מאָלט זיך דיר אויס, איר פּנים איז פאַרהילט מיט אַ פאַראַנדזשאַ. נאָר אירע גלידער שניידן זיך מיט אַזוי פיל יוגנטקייט און טאָקן זיך דורך די זיידענע, ווייס־זיידענע מזרח־איינהילן. איר טאַליע — דין מיט אַ שפּאַנג אַרומצונעמען. גייסט־צו, הילסט איר דאָס פּנים אָפּ און — צוויי צעפּייערטע שפּיגלדיקע שוואַרצע אויגן פאַלן דיר אין האַרץ אַריין און בריען דיך דורך, ווי גליענדיקע קוילן. און דו לעשט זיך ביים קושנדיקן קוואַל פון אירע זאַנפטע ליפּן. זי פירט דיך ביי דער האַנט אין ווייטערע פאַרהוילענע, פאַרהאַנגענע צימערן. און זי ציט דיך, ציט דיך — — — אַזוי חלומסטו אויף דער וואר אין אַזאַ זומער־נאַכט אין אוזבעקיסטאַן.

אויף אונדזער הייפל זענען אַלע וואַך געווען, קיינער איז ניט געגאַנגען שלאָפן, הגם דער גרעסטער טייל האָט געדאַרפט פאַרטאָג אויפשטיין צו דער אַרבעט. די נאַכט האָט נישט געלאָזט שלאָפן, ס׳איז געווען אַ נאַכט גישט צום שלאָפן. טיולן, לבנה־טיולן האָבן זיך געוויקלט צווישן די ביי־מער, אויפן גראָז און פאַרשלייערט דעם אַרום מיט רייץ, ווי דאָס חופּה־טוך — ס׳פּנים פון אַ כלה, שטערן — געמיניעט צווישן די צווייגן און אַראָפּגעהאָנגען פון די בלעטער ווי די פערל, אַ ים מיט פערל. דער טאָג מיט זיין אָפנקייט, האָט אויסגעהויכט. אַ שטיל־טוליענדיקע בליצנדיקע נאַכט, פול מיט ווונקען און אָנצוהערעניש, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. און דאָס קיעלע, וואָס איז אַרומגענומען פון דער נאַכט, שטייט און שרייט און רופט און וועקט. טאָ ווער האָט געקענט שלאָפן?

די מיידלעך האָבן זיך אַנידערגעלייגט אין אַ ווינקל, געשושקעט זיך און יעדעס מאָל אַרויס מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטערל.

דער בוכהאַלטער האָט זיך אַנדערגעזעצט אויף דער שוועל פון זיין הייזל און איז געזעסן שטיל פאַר זיין איינזאַמער טיר. דאָס פּנים איז ביי אים געווען פאַרבלייכט, אויסגעצויגן. און עפּעס האָט געטריפט פון אים מיט עלנדקייט.

בלויז די מאַמעס האָבן נאָענט צוגעטוליעט די קינדער צו זיך און זענען מיט זיי געלעגן.

אַרום פאַרטאָג איז די קו שטיל געוואָרן, זי האָט אויפגעהערט מע־קען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די אויגן־לעפלעך. אַ ווייטיק האָט

זיך איר געשניטן אַרום די נאָזלעכער, אַ שטומער צער. און טרערן, ריטש־קעלעך טרערן האָבן איר גערונען פון די פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט אין דעם מאָמענט עפּעס פאַרלוירן פון איר בהמהשן אויסזען, נעענטער גע־וואָרן צום מענטש, וואָס טראָגט זיין פאַרלאַנג שטילערהייט און וויינט אים אויס מיט טרערן.

שטערן אין שטוב

איבער די ווייטע שטו־עקעס פון אוזבעקיסטאַן — מיטלאַזיע — האָבן יידישע אַקטיאָרן זיך געלאָזט מיט טרופּעס און קאָנצערט־אַנסאַמבלען אי־בער די ישובים, וווהין טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אוקראַ־אינע, ווייסרוסלאַנד און פוילן האָבן זיך אין די מלחמה־יאָרן עוואַקואירט. ס׳איז געווען דאָס יאָר 1943.

פון די פראָנטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע ידיעות, ווי שוואַלבן פאַר פרילינג, וואָס האָבן געמאַכט אויפציטערן פאַר פרייד, דאָס אָטעם פאַרכאַפּט. דער פאַרשייטער און רוצחישער מאַרש פון היטלערישן חייל, וואָס האָט זיך געלאָזט איינגעמען די וועלט, דער מאַרש איז פאַר־האַלטן געוואָרן, די אַרמייען פון די פרייהייטס־שטרעבנדיקע פעלקער האָבן צוריק אָנגעהויבן אַפּירייסן די פאַרכאַפּטע ערד פון אונטער די פגרים פון המוגים דייטשע זעלנער.

און די מענטשן, דערשלאָגענע, צעריסענע פון זייערע משפחות, צע־קוועטשטע אונטער דעם דייטשן טראָט, אונטער וועלכן אַלץ איז פאַר־לענדט און חרוב געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן אַרום אַ נייער האָפ־נונג, אַז אַלץ וועט זיך אומקערן ווי אַמאָל. און מיט אויפגעוואַכטע גע־פילן האָבן זיי אָנגעהויבן משוגעווייז לויפן אויף פאַרוויילונגען, קאָנ־צערטן. אין די פאַרקן, אויף די פרייע פלעצער, האָט מען יעדן אָוונט גע־טאַנצט. אַ שיין, אַ העלע שיין האָט זיך אַפּגעריסן פון אונטער דעם געדיכטן חושך. און פאַרשיכורט האָט מען אויפגעכאַפּט קלאַנגען פון מו־זיק און זיך געלאָזט אין עקסטאַזן געווירבל פון טאַנץ.

אונדזערע היימישע אַקטיאָרן און טענצער, וואָס האָבן געהאַט אין דער שלעכטער צייט פאַרוואָרפן זייער ספּעציאַליטעט, האָבן צוריק גענומען „אָנציען די כלים". זיי האָבן אויף דער שנעל צונויפגעקלאַפּט טרופּעס,

קאָנצערט־בריגאַדעס און געלאָזט זיך איבער די אוזבעקישע שטעט, ווו די עוואַקויִרטע יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט.

אין איינעם פון די ניי־געשאַפענע קאָנצערט־אַנסאַמבלען האָבן זיי זיך באַקענט.

זי, מירע ברוין, איז אָנגעקומען אין דער טרופּע אַלס טענצערין און איז אויפגעטראָטן אין אַזעלכע פאַרביקע קאָסטיומען מיט פעדערן גע־פוצט, אין בייטשן קרעלן, לאַנגע אויערינגען, אין אירע שפּאַנישע און צי־גײַנער־טענץ. זי האָט אויך פאַרגעלייענט זאַכן פון קלאַסישן רעפּערטואַר און זיך גלייך באַוויזן אין אַ באַשיידן טונקל לאַנג אָוונט־קלייד, וואָס זי האָט, צוליב די קאָנטראַסטן, באַזונדער אימפּאָנירט דעם עולם. און ער, אַ שריפטשטעלער, וואָס דער נאָמען זיינער חיים וואָל איז שוין גוט באַ־קאַנט געווען אין די ליטעראַרישע קרייזן, האָט געשריבן און באַאַרבעט טעקסטן פון דער טרופּע.

ביים ערשטן צונויפטרעף אין קאָלעקטיוו האָבן זיי זיך קיין באַזונ־דערע אויפמערקזאַמקייט נישט געשאַנקען. זייערע בליקן האָבן זיך נישט געפאַנגען און פאַרפלאָנטערט. ער, אַ נידעריק־וווקסיקער, מיט אַרויס־שטאַרצנדיקע קינבאַקן פון אַ דאַר פּנים, מיט אומהיימלעכע טונקעלע אויגן, וואָס זענען אים געזעסן טיף אין קאָפּ, האָט אויפן ערשטן מאָמענט קיין באַזונדערן איינדרוק נישט געלאָזט. ער איז אַהער, קיין אוזבעקיסטאַן, פאַרוואָרפן געוואָרן פון אַ פּוילישער שטאָט, ווו ער האָט שוין געלאָזט הינטער זיך אַ שטיק לעבן. אַ פרוי געהאַט, וואָס ער האָט אַמאָל אין אַ העלע לבנה־נאַכט באַקאַנט, און אין איר בלאָנד העל קעפּל, בלאָע לוי־טערע אויגן, ווי געוואַשן אין טוי, אַ קאַנטיק געשניצטע נאָז און אַזאַ דע־ליקאָטן מויל־שניט, אַ מאַדאָנע געזען, אַ הייליק בילד, וואָס שוועבט אויף אונדזער ערד אַרום. שפּעטער האָט פון דער דאָזיקער מאַדאָנע אָנגעהויבן שפּריצן מיט גיפט — אין אַ שלאַנג זיך פאַרוואַנדלט, אַ בייסנדיקע שלאַנג. הערנדיק זי רעדן האָט ער נאָר טענות געהאַט צו דער יצירה, וואָס אַזאַ מויל־שניט, אַזאַ איידעלער מויל־שניט, קען שפּייען מיט אַזעלכע גיפטי־קע רייד, אַזוי באַליידיקן ביזן ביין, אַזוי טרעטן אויף אַלעם הייליקן. רק ער זאָל אָוועקלייגן דאָס שרייבן, וואָס גיט גאָרנישט אויסער עגמת־נפש און קאָפּדרייעניש. כסדר זיך אַרומיאָגן מיט טשאַטעס קנאהדיקע הינט,

וואָס ווילן דיך אויפעסן. מען קען קויפן אַ בוך פאַר אַ גילדן און זאָל זיך יענער ברעכן דעם קאָפּ און אָפּפּינצטערן אַ לעבן. שטענדיק שוועבן אין די הימלען און דאָס לעבן זאָל זיך דערוויל אַוועקשאַרן פון דיר. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער דאַזיקער לעבנס־חכמה פון מאַרק, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, מיט די פויסטן געביילט, נישט געלאָזט מען זאָל אַרומ־טראָטעווען אין זיין אינטים לעבן. צען יאָר צייט האָט ער זיך אַזוי גע־ראַנגלט מיט איר און איז געבליבן שטיין פאַר דער מעכטיקייט פון דער נאַטור — עס לאָזט זיך גאָרנישט איבעראַרבעטן. און זיי האָבן זיך צע־שיידט.

אין זיינע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער ווייטער גע־שילדערט די פרוי אין דעם ענציקנסטן פלאַם, וואָס באַהעלט אונדזער וואָ־כיק לעבן, פילט אונדז אָן מיט דערקוויקונג און גיט אונדז אַ באַפרידיקונג פאַר אונדזערע געמאַטערטע טעג. ער פלעגט איצט, פונקט ווי אין די יינגל־יאָרן, חלומען וועגן אַ פרוי. נאָר אין לעבן איז אים אַ מורא נאָכגע־גאַנגען, ווען עס איז אים אויסגעקומען זיך צו דערנענטערן צו אַ פרוי. עפּעס אַ זשאַוווער איז געלעגן אין זיינע ביינער פון דעם באַליידיקטן לעבן פון אַמאָל און פאַרדאָרבן אים די נאָענטקייט צו אַ פרוי. אַז ער האָט מי־רען דעם ערשטן מאָמענט געזען, האָט אים איר פרעמדקייט אָפּגעשטויסן און דאָך אים געצויגן. עפּעס איז איר אויסזען אַזוי אַנדערש געווען. זי האָט אַן איינדרוק געמאַכט ווי אַ מאָנגאָלישע שיינקייט מיט דעם קנאָכיק ברייט־ברוינלעכן פּנים, מיט די שוואַרץ־גלאַנצנדיקע מאַנדל־אויגן, מיט די שוואַרצע האָר, וואָס ליגן אַרום אים קאָפּ, ווי אַן אויפגעשפּרייטער פעַ־כעו. זי איז שטיל, פאַרביסן שטיל. בעת אַלע רעאַגירן אַזוי אָדער אַנדערש ביים טיילן די כּיבודים אין טעאַטער: אין וועלכער ריי דער נאָמען זאָל געשטעלט ווערן אויפן אַפיש, מיט וואָס פאַר אַ שריפט, אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע, איז זי שטיל. זי אויגן צעשפּילן זיך ביי איר און דאָס מויל איז געשלאָסן. זי טראָגט עפּעס אַ פרעמדקייט מיט זיך, מיט קיינעם דער־נענטערט זי זיך נישט. אין דער טרופּע דערציילט מען וועגן איר מאָדנע מעשׂיות, בכן, זי האָט געזאָלט האָבן אַ מאַן, אַ זייער רייכן מאַן אין לעניג־גראַד און האָט געוווינט מיט אים אין אַ פּראַכטפולער באַוווינונג פון אַן אַמאָליקן צאַרישן גענעראַל. ער איז געווען עפּעס אַ שישקע, אַ גרויסע

שישקע, דער מאַן אירער, ביי דער ראַטן־מאַכט. שיקן פלעגט ער איר אין די רייכסטע קורערטער פון קרים, קאַווקאַז, געלאָזט איר מאַכן די שענסטע גאַרדעראָב און באַהאַנגען איר מיט מתנות. נאָר ער איז געווען אַ זייער נישט אינטערעסאַנטער, דער מאַן אירער, כסדר גערעדט מיט איר וועגן רעוואָלוציעס, אויפשטאַנדן, בירגער־קריג. און איר, איר האָט געצויגן צו דער סצענע, צום טאַנץ. זי איז אַנטלאָפן פון אים, נישט מיטנעמענדיק אַפילו אַ דרים־פאַדעם פון דער רייכער גאַרדעראָב.

און חיים וואָל איז איר אויך אויסגעקומען פרעמדלעך אי מיט זיין אויסזען, אי מיט זיין האַלטונג. עפּעס אַזאַ נישט זיכערער איז ער, אַזאַ פאַרלוירענער. וויפל גוטס מען זאָל אים נישט זאָגן וועגן זיין שרייבן, פאַלט דאָס אַלץ ווי אין אַ ליידיקער גרוב אַריין, און ער דרייט זיך שטענדיק אַרום אַזאַ פאַרנאַגטער, אַזאַ נישט באַפרידיקטער. ניין, זי, מירע, איז דאָך געקומען פון אַ סביבה פון געזונטע זעלבסטצופרידענע מענער, וואָס האָבן ליב געהאַט אַ נאַש צו טאָן: אַ געשמאַקן ביסן, אַ געשמאַקע פרוי. הגם פון יענע מענער איז זי אַנטלאָפן, אָבער ער, חיים וואָל, איז איר אויך אַזוי מאָדנע פאַרגעקומען. דערצו האָט נאָך אין דעם ניי־געשאַפענעם קאָלעקטיוו, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מאַן צען: מוזיקער, טענצער און שוישפילער, געהערשט אַן אומצוטרוי פון איינעם צום אַנדערן. גורם געווען האָט דאָס, וואָס די טרופּע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון מענטשן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס דער מלחמה־אויסברוך האָט זיי אַהער אַרויסגעוואָרפן. עס האָט געפעלט דער באָדן, דער באַדן פון וואַנען דער קינסטלער וואַקסט אַרויס און מען קען זען זיין אויפגיין. דאָ אָבער, אין פיבער פון די מלחמה־געשעענישן, ווייט פון די היימען, האָט דער צופאַל, דער בלינדער צופאַל, רעגירט מיט אַלעם און צונויפגעפאַרט די מענטשן.

האָט זיך געמאָלדן איינער, ער שפּילט אויף אַן אינסטרומענט פון איין סטרונע. ער איז נאָך יונג געווען, מיט אַ רונדיק אויסגעכאָליעט פנים, די בלאָנדע האָר גלאַטיק פאַרקעמט און פאַמאַדירט. פון דער נאָז שיינט אַראָפּ אַ גאָלדענע פענסנע. ער האָט געוויזן פאַרשידענע אָפּרופן וועגן זיינע אַרויסטרעטן. נאָר אינגאַנצן גענומען מאַכט ער עפּעס אַן איינדרוק ווי אַ צעבאַלעוועט בחורל, אַ טאַטנס אַ זונדל, וואָס האָט פון ווילטאָג וועגן גענומען רימפּלען אויף אַן אינסטרומענט. איז געקומען אַן עלטערער אַק־

טיאַר מיט אַ בכבודיקן גראָען קאָפּ האָר. ער איז אַ מייסטער אויף שעקס־פּירן, האָט ער געזאָגט. און ער שטעלט זיך גלייך אַנידער פאַר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו אַקטיאָרן אין אַזאַ פּרינציש שטייפער פּאָזע, די צוויי הענט פאַרשלייפט אויפן ברוסטקאַסטן, און לייענט מאָנאָלאָגן גאַנצע פון האַמ־לעט, פון קעניג ליר, פון שיילאָק, מיט אַזאַ פּאַטאָס, מיט אַזאַ צעצויגע־נעם פּאַטאָס, אַז יעדעס וואָרט פליט אַרויס פון זיין מויל, ווי אַן אויפגע־בלאָזענער פּענכער. אַז דער דירעקטאָר פון דער טרופּע, אַן אַלטער טעאַ־טער־מאַן, מיט אַ מאַיעסטעטיש הויכער פיגור, האָט אים געפרעגט צי ער קען עפּעס פון היינטצייטיקן רעפּערטואַר, אַ שטייגער, „דער קאַמף מיט היטלער־דייטשלאַנד"* פון אַ געוויסן משה ליפשיץ. האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע און געענטפערט: „ניין און ניין, די שייסע נעם איך נישט אין מויל. וואָס, נאָך שעקספּירן זאָל איך לייענען עפּעס אַ מחבר׳ל פון זשמע־רינקע" (אַ שטעטל אין אוקראַינע).

מיט גרויס רעש און טומל איז אָנגעקומען אין דער טרופּע מאַדאַם ליפּציק. זי איז אַן אַלטע פרימאַדאָנע, געווען אַמאָל מיט אַ נאָמען (זי זאָגט, אַז נאָך היינט אויך). זי האָט מיטגעבראַכט גאַנצע פּעק טעאַטער־אַפישן, ווו זי שטייט מיט אַ גרויס בילד אין דער ראָלע פון „מעדעאַ", פון „סאַפאָ", נאָר ביי די אַפישן זענען די ברעגעס מיט די דאַטעס געווען אַרונטערגעקייטשט, כדי מען זאָל נישט זען, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין ערך מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. זי גייט אַזוי געפּודערט און געפאַרבט און געשמינקט, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך געפונען אויף דער סצענע. בכלל געגומען האָבן די פיל יאָרן אירע שפּילן טעאַטער פאַרווישט ביי איר די מחיצה פון דער בינע ביזן טעגלעכן לעבן. איר הלבשה, עפּעס מאָדנע פּאַ־לערינקעס, פאַרביק־געקעסטלטע שטאָפן, אימיטאַציע־קאַרעלן איז אויך ווי פון אַ טעאַטער־גאַרדעראָב. זי איז אַליין, דער מאַן אירער, אויך אַן אַק־טיאָר, האָט זי יאָרן שוין פאַרלאָזט. און זי רעדט וועגן אים מיט גאַנצע מאָנאָלאָגן פון די פּיעסן אין וועלכע זי האָט געשפּילט וועגן שלעכטע שאַלקהאַפטיקע מענער, וואָס מען דאַרף זיי אין „קערקער" איינזעצן.

אַז אַלץ איז שוין געוואָרן איינגעשטילט און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרויסטריטן פון אַנסאַמבל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיל אונטערקוקן איינער דעם אַנדערן יענעמס פּעאיקייטן, זיין באַגאַבונג, דעם דערפאָלג,

וואָס איז אַ פאַרדינטער און אַ נישט־פאַרדינטער. צען מאָל אין טאָג האָט מען געביטן די מיינונגען וועגן יעדן איינעם. מען איז געשטאַנען ביי יעדן ווי ביי אַ ליכט, וואָס אָט דרייט מען עס אַרויף און אָט אַראָפּ. אָט איז העל געוואָרן אַרום יענעם און אָט טונקל. און ווי נאָר אייניקע האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצייכענען, זענען שוין די אַנדערע געשטאַנען, ווי שטיינהאַקער מיט זייערע דלאָטן, און געוואָלט אַראָפּהאַקן די שפּיצן, די פינקלדיקע שפּיצן פון טאַלאַנט, וואָס איינער גרייכט זיי אַריבער דעם אַנדערן. און דער אמת וועגן יעדן האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי דורכבויערן, דורכבויערן דורך די אַלע נישט־פאַרגינערישע רייד, דורך די אַלע שלעכטע כוונות, דורך די אַלע חוזק־ווערטלעך און ביטול־רייד; מען האָט איינמאָל רעוויזירט דעם באַשלוס, אַ ניי בלאָט אויפגעמישט וועגן יענעם, נאָכאַמאָל רעווידירט און, גאָטס וווּנדער, מען האָט מיט איינמאָל געזען דעם לייטער, דעם לייטער אויף וועלכן אַלע דראַפּן זיך צום דערפאָלג, ווו יעדער איז שטיין געבליבן אויף זיין באַשטימטן שטאַפּל.

נאָר וועגן איר, וועגן מירען, איז גלייך געווען אַ באַשטימטע מיינונג: זי איז באַגאַבט, אומבאַדינגט באַגאַבט. זי פאַרמאָגט אַ טעמפּעראַמענט אין איר טאַנצן, אין איר פאַרלייענען זאַכן, וואָס וואַרעמט אונטער די סצענע. דערביי איז ער אַ געלייטערטער, אַ געצוימטער, דער טעמפּעראַמענט ביי איר, נישט עפּעס אַ ווילדעניש. און נאָך עפּעס, זי האָט אַ חן אויף דער סצענע, וואָס דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע מעלה, מחמת די סצענע איז גאָר אַן אַנדערע וועלט מיט אַנדערע געזעצן און מאַכט אָפּטמאָל פון שיין מיאוס און פאַרקערט.

און די 25־יעריקע מירע, מיטן מאָנגאָלישן אויסזען, האָט אָנגעהויבן ווערן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע. זי איז אויסגעוואַקסן צו אַן אָנגעזעענעם כוח אין דער טרופּע. איר אויפטריט אויף דער בינע איז שוין געמאָלדן געוואָרן מיט אַ באַזונדערער אַקצענטירונג. דערצו האָט זי אַזאַ רייץ געהאַט אַלס פרוי, ווייל זי איז אַזוי פרעמד מיט איר אויסזען, ווייל זי איז אַזוי פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט אַרום זיך. און די מענער, וועלכע האָבן אויף זייער קאָנטאָ נצחונות ביי פרויען, גלוסט זיך פּרווון דעם מזל, עס רייצט דווקא די שווערקייט, ווי אַ פעלדמאַרשאַל איינצונעמען אַ קאַמ־

פליצירטע פעסטונג. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער אומאָפּגערעד־טער געוועט פון די מענער אַרום איר.

זיין נאָענטשאַפט האָט איר קודם אָנגעבאָטן בראַמאַן, דער בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס שפּילט אויפן איינסטרוניקן אינסטרומענט. ער האָט דער־פּאָלג, שפּילט לייכטע מוזיק, אַמערסטן שטראַוסן, און נעמט זייער אויס ביי די מיידלעך, וועלכע האָבן ליב צו גיין אויף טאַנץ־קורסן. ביי זיין זייט איז אויסגעוואַקסן הערשמאַן, דער געשעפט־פירער פון דער טרופּע, אַ יונג, אַן אַטלעט, מיט אַ שוואַרצער רעם פון דער ראַזירטער באָרד אַרום אַ פול פּנים. אויך ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום איר, אונטערגע־כאַפּט ביי איר דעם טשעמאָדאַנטשיק מיט דער גאַרדעראָב און אים אַהיימ־געטראָגן, געבראַכט בלומען און זיי דערלאַנגט איר אויף דער סצענע. און דער עיקר, ער האָט געשמייכלט, געשמייכלט צו איר פון זיין פול פּנים ביי יעדער געלעגנהייט, פּונקט ווי ער וואָלט אים, דעם שמייכל, פון ער־געץ אַרויסגענומען און אים אָנגעטאָן, ווען אים ווילט זיך. נאָר ווייזט אויס, אַז זיי האָבן קיין גרויס הצלחה ביי איר נישט געהאַט. ווי שטענדיק זעט מען זי אַהיימגיין אַליין נאָך די קאָנצערטן, פון קיינעם נישט באַגלייט. זי טאַנצט, לייענט פאַר אירע זאַכן, כאַפּט אַביסל אַפּלאָדיסמענטן און גייט אַהיים אויף איר קוואַרטיר,, וואָס געפינט זיך אָפּט ביי פרעמדע מענטשן. און דאָך איז פאַר איר אויך געוועז אַ נעץ, זי צו פאַנגען.

זי איז אַמאָל צו צו חיים וואָל, צום ליטעראַרישן לייטער פון דער טרופּע, און אים געזאָגט:

— איר ווייסט, הער וואָל, אייער נייַ פאַרפאַסט ליד וועגן יידישן שבת, וואָס די בלאָנדע בעטי זינגט עס, זינגט עס שוין נאָך די גאַנצע שטאָט ווו איר קומט הערט איר דאָס ליד וועגן יידישן שבת. שרייבט עפּעס פאַו' מיר אויך אָן.

חיים וואָל האָט זי אַ מאָמענט באַטראַכט און געזאָגט:

— נו, גוט, איך וועל פּרווון פאַר אייך עפּעס אָנשרייבן צום פאָר־לייענען. נאָר זאָגט מיר, מירע, וואָס פאַר אַ זאַך וואָלט איר אייך גע־ווונטשן, אַן אַקטועלע, עפּעס פון דער מלחמה אָדער עפּעס אַ מער נעענ־טערע צו אייך, וואָס זאָל שטימען מיט אייער כאַראַקטער, מיט אייער טעמפּעראַמענט, מיט אייער אינטים לעבן.

— קענט איר מיך דען? פון וואַנען ווייסט איר מיין אינטים לעבן?

— אַהאַ, ווי איך קען אייך.

— נישט מעגלעך, מיר האָבן דאָך כמעט נישט גערעדט צווישן זיך.

— ווער דאַרף דען רייד — האָט ער מיט היץ געזאָגט — וואָס זע־נען דען רייד. ביי אייער גאַנצער פאַרשלאָסנקייט זע איך דען אייך נישט קלאָר?

מירע איז געזעסן ביי זיין טישל אין גרויס פאַרלעגנהייט, אַ מאָמענט געטראַכט, צי זי זאָל נישט אַוועק. אפשר גאָר עפּעס אַ נייעם שפּיל גייט ער פאַרלייגן מיט איר? און דאָך האָט זי זיך נישט געקענט באַפרייען, אַ ן־ייגער האָט זי אַרומגענומען. דאָס ערשטע מאָל רעדט צו איר אַזוי אַ מאַן. זי האָט אים געזאָגט:

— נו, אַדרבא, אַז איר זייט יאָ אַזאַ מענטשן־קענער, זאָגט עפּעס וועגן מיר.

— נישט עפּעס, אַלץ וועל איך זאָגן וועגן אייך, איך וועל אייך זאָגן, אַז איר ווייגט ביינאַכט אויף אייער עלנדקייט, אַז איר טראָגט אייך אַרום מיט אַ פול האַרץ געפילן און האָט זיי נישט פאַר וועמען אויסצוגיסן. זיי, די מענער, וועלכע רינגלען אייך אַרום, זיי פאַרשטויסן אייך, פאַרשלאָגן אייך מיט זייערע ביליקע ווערטלעך, מיט זייערע שאַבלאָנע קאָמפּלימענטן, מיט זייערע גרייטע פאָרשלאָגן. נישט איין מאָל באַשליסט איר, אַן עק, אַן עק מיט דער איינזאַמקייט, אין אייך שרייט דאָך אַ יונג לעבן. איר קומט צו צו זיי און אַן עקל כאַפּט אייך אַרום, איר ווילט דעמאָלט אַנט־לויפן, אין אַ מדבר באַדיי אַנטלויפן...

חיים וואָל האָט זיך אַ מאָמענט פאַרהאַלטן. ער האָט באַמערקט אין אירע אויגן אַ פינקלדיקייט. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגע־טאָן איר דלאָניע צו זיינע ליפּן. זי האָט געפיבערט, מירע, און דאָס האַרץ — טיאָך און טיאָך. ער האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיינע שולטערן.

לאַנג האָט ער געגלעט איבער אירע האָר. טרערן זענען אַן אויפהער גערונען פון אירע אויגן, ווי עפּעס אַ קוואַל, אַ פאַרשטאָפּטער קוואַל, וואָלט זיך ביי איר געעפנט. זי האָט זיך די גאַנצע צייט געטוליעט צו אים, געוואָלט דערפילן זיין נאָענטקייט.

אַז מען האָט זיי געזען גיין צוזאַמען האָבן אַלע שוין געוווּסט: אַ פּ אָ ר.

פון איצט אָן האָבן זיי אָנגעהויבן פירן זייער לעבן באַזונדער פון אַלע. אינדערפרי זענען זיי צוזאַמען געקומען אין טעאַטער אויף פּראָבע, אין אָוונט צו דער פאָרשטעלונג, און נאָכן קאָנצערט זענען זיי ביידע אַהיימגעגאַנגען. זיי האָבן נאָר מיטגעטראָגן אַ שיין, אַ שיין אויף זייערע פּנימער. מירע, אַז זי האָט פאַר אים איר האַרץ געעפנט, האָט ער אין איר ערשט דערפילט וויפל היימישקייט, וויפל געטרייקייט און איבערגעגעבנ־קייט זי פאַרמאָגט. אין יעדן ווינקעלע, וווּ זיי האָבן זיך געפונען, און גע־פונען האָבן זיי זיך מיט דער טרופּע אין בלאָטיקע אוזבעקישע שטעטלעך, כאָטש דערטרונקען צו ווערן, אין פאַררויכערטע אוזבעקישע טיי־הייזער, אין די אַלע ווינקעלעך האָט זי אַריינגעטראָגן איר וואַרעמקייט, איר ציכ־טיקייט. האָט דער טיש אין אַ אַ טיי־הויז געמעגט זיין ווי אומריין, האָט זי גלייך אים אָפּגעווישט פון די שירייַמס, אויסגעשפּרייט אַ ריין סער־וועטקעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ליכטיק אינדזעלע אין דער אָרומי־קער טריבקייט; סערווירט פעניצלעך ברויט, טיי, ראָזשינקעס, אָנשטאָט צוקער, וואָס איז אין דער מלחמה־צייט נישט געווען, און שוין, איבערגע־טראָגן זיך אין אַזאַ ריין וועלטל.

ער האָט צו איר כסדר געזאָגט:

— ניין, מירע, דאָס האָבן איך נישט געזען ביי דיר, דו האָסט מיר שטענדיק אויסגעוויזן אַזאַ פרעמדע, אַזאַ ווייטע, און טראָגסט גאָר מיט אַזאַ יידישע באַלעבאַטישקייט, אַזאַ היימישקייט.

און זיי האָבן זיך איצט אַזוי אַרומגעטראָגן מיט זייער ליבשאַפט אין אַזאַ טריבער וויסטער צייט.

טויזנטער קילאָמעטער פון פראָנט איז אוזבעקיסטאַן געווען, און דאָך האָט מען דאָ אַלע פּלאָגן און פּיין פון דער מלחמה איבערגעטראָגן. פונקט ווי אַ קערפּער פון אַ בעל־חי, וואָס איין אבר איז געבונדן מיטן אַנדערן מיט יסורים, מיט קראַנקשאַפט, אַזוי איז די באַפעלקערונג געווען באַ־האָפטן מיט די טויט־צאַפּלען און קאָנווולסיעס פון פראָנט.

נישט קיין הויז געווען, וווּ עס האָט נישט געזאָלט אַרויסגענומען ווערן דער וואָרצל פון דער משפחה — דער מאַן, ביי אַנדערע אויך די

צווייגן מיטגענומען — זין, איידעמס. און די פרויען זענען איבערגעבליבן ווי נאַקעטע עלנדע ביימער־שטאַמען אין מיטן פון אַ שטורעם. אויף ערטער, אויף פיל ערטער, זענען שוין אין יענער צייט צו די משפחות אָנגעקומען די שמאָלע שלענגלעך פּאַפּיר, ווי די אַרויסגעשטעקטע צינגלעך פון שדים, מיט דער מיטטיילונג: ט ו י ט , געפאַלן אין שלאַכט, פאַרלוירן געגאַנגען, אַריינגעפאַלן צום דייטש אין געפאַנגענשאַפט, וואָס האָט געהייסן טויט דורך סאַדיסטישע עינויים, דורך נויט, אין בעסטן פאַל — קאַטאָרגע־אַרבעט. און די סאַמע נאָענטע זיינע, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט, זענען געבליבן ווי פלאַנצן ביי וועלכע מען האָט די וואָרצלען אונטערגעשניטן. ניין, די משפחה וועט שוין נישט וואַקסן.

אין אַנדערע הייזער, אין מער גליקלעכע, זענען קיין טויט־מיטטיילונגען נישט דערהאַלטן געוואָרן. אָבער אין די שטיבער האָט זיך אַן אייביק פלאַטערן געטראָגן פון די פליגלען פון טויט. נאָך יעדן מאָל הערן די באַריכטן פון פראָנט מיט דער צאָל געפאַלענע, האָט זיך דאָס האַרץ געשפּאַלטן. ווער ווייס, צי איז ער, דער באַשערטער, נישט אַן איינס אין דעם אויפגעבלאָזענעם ציפער פון 1000, 2000 געפאַלענע פון טאָג.

ביינאַכט פלעגט מען זיך דערנאָך דרייען אויפן געלעגער, געוואָרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און ערשט אַרום פאַרטאָג דאָס „ריכטיקע אָרט" געפּאַקט און איינגעדרימלט. אַפילו די גליקלעכסטע מינוטן, בעת מען האָט אַ בריוו דערהאַלטן פון פראָנט פון מאַן, פון זון, אַפילו די מינוטן, ווען מען האָט זיין האַנטשריפט געזען מיט די בענקשאַפטס־ווערטער צו די נאָענטע, צו דער היים, האָט מען אויך געצאַפּלט און די מורא איז נישט אָפּגעטרעטן. צו דער דאַטע אויפן בריוו, מיט אַן אָפּגעלאָפענעם חודש צייט, פון דער דאַטע איז ווי אַ שפרונג־מעסער אַרויס און געשניטן. און צוזאַמען מיט די טרערן פון פרייד האָבן זיך אַריינגעמישט טרערן פון בריענדיקן צווייפל, גאָט דער לעבעדיקער ווייס, אַ חודש צייט, און דער טויט שפרייזט אַזוי פריי אַרום.

די שטיבער פלעגן צו דער צייט אָפּט זיין געשלאָסענע, שווער געווען איינצוזיצן אויף אַן אָרט. די גאַסן, די מאַרקן, די פרייע פלעצער, זענען איצט געוואָרן דער צוזאַמענטרעף פון מענטשן. די היים, דאָס משפחה־

ווינקל, איז אויפגעריסן געוואָרן ווי אַ פויגל־נעסט, וואָס אַ ווילדע האַנט האָט אין איר אַ שטיין געשליידערט.

אַז מירע און חיים וואָל פלעגן איצט אָנקומען מיט דער טרופּע אין אַ שטאָט, זענען זיי געגאַנגען זוכן פאַר זיך אַ קוואַרטיר ביי פּריוואַטע פּערזאָנען, איבער דער צייט וואָס די טרופּע וועט גאַסטראָלירן. ס׳איז זיי געווען צו געפינען זיך אין דער סביבה פון די טעאַטער־מענטשן, וועלכע האָבן געקוקט צו זיי מיט שמאָלציקע בליקלעך, ווי צו איינעם, וואָס כאַפּט אַ פעטן ביסן. ס׳איז ביי זיי אַלץ אויסגעקומען, אַז חיים וואָל האָט זי, מירען, מיט עפּעס אַ קונצשטיק אויסקאָנקורירט ביי אַנדערע. און ביי זיי, ביי מירען און חיים וואָל, האָט זיך דאָס לעבן איצט אויפגעבונדן און האָבן זיך דערפילט ווי צוויי פריינט, וואָס נאָך יאָרן בלאָנדזשען, האָבן זיי זיך צוריק אָפּגעפונען. רק עס איז ביי זיי אַ געפיל געווען אָפּצווישן דאָס פריערדיקע לעבן, פון זכרון עס אָפּצווישן. ער האָט צו איר כסדר געזאָגט:

— נו, זאָג, מירע, איז ביי אונדז נישט קיין בראשית, אַ נייער אָנהייב, די וועלט גייט אויפסניי אויף פאַר אונדז?

און זי, אַשטאָט צו ענטפערן, האָט אים פעסט געדריקט צו זיך. זיי זענען כסדר געזעסן איצט און האָבן זיך ערשט אויסגערעדט פאַר אַלע צייטן, זיך געטיילט מיט יעדן פּרט, וואָס איז ביי זיי פאַרגאַנגען, און אַזוי זיך געקניפּט און געבונדן. מיט יעדן וואָרט, וואָס איז פון אונטער זיין פעדער אַפּילו, האָט ער זיך מיט איר געטיילט. און זי — בעראָטן זיך מכוח אַ טאָן ביים פאַרלייענען אירע זאַכן, מכוח אַ האַנט־באַוועג, ווי צו בייגן און באַוועגן די האַנט אין באַגלייטונג צום וואָרט, און דאָס אַלץ אַזוי צערטלענדיק. און ס׳האָט זיך ביי זיי אויסגעמישט גייסט און קערפּער אין איין דערהויבענער פרייד. די צייט איז נאָר קורץ געווען פאַרן מעת־לעת, פאַרן טאָג מיט אַזוי פיל אינטערעס, און פאַר דער נאַכט מיט זודיקן שיכּרות. עפּעס אַ גרויסער שאָד געווען, וואָס מען קען נישט דאָס צעשפּאַנטע גליק איינהאַלטן, ווי די צעהוליעטע פערד ביי די לייצעס, און עס פאַרשווינדט.

אַז זיי האָבן זיך ביידע באַוויזן אויף אַ שוועל פון אַזאַ טריבער מלחמה־שטוב און געזוכט פאַר זיך אַ קוואַרטיר אויף אַ באַשטימטער צייט, האָט

מען זיי געדן אַריינגענומען. אַ פּאָר האָט זיך באַוויזן, וואָס דאָס גליק קוקט זיי פון די אויגן אַרויס. און אין די אויסגעליידיקטע שטובן פון מע־נעו׳, פון פאַמיליען־גליק, פון צערטלעריי און פון מאַן־און־ווייב־געגנוס, האָבן זיי אַ שיין געטאָן, ווי אַ פאַקל אין אַ געדיכטן חושך.

אויף איין אָרט האָבן זיי זיך איינקוואַרטירט ביי אַ מוטער מיט אַ טאָכטער׳. די מוטער — אַן אַלמנה, און ביי דער טאָכטער — דער מאַן אויפן פראָנט.

מחמת עס איז איין צימער געווען, האָט מען פאַר זיי׳ מירען און חיים וואָל׳ אַ ווינקל אָפּגעטיילט און פאַרהאַנגען עס מיט אַ ווייס ליילעך. אַ מחיצה געמאַכט. אַז זיי פלעגן אָנקומען און אַרונטער אונטער דעם ליי־לעך׳, האָבן זיי עפּעס אַן איינדרוק געמאַכט ווי אַ טויבן־פּאָר אין אַ טויבנ־שלאָק. געזעסן אין דעם אָפּגעגרענעצטן ווינקעלע און געשושקעט זיך אין דער שטיל, געברומט, געוואָרקעט טאַקע ווי אַ פּאָר טייבעלעך. נאָר די צוויי פרויען, די מוטער מיט דער טאָכטער, אויף יענער זייט צימער, האָבן אומרואיק זיך באַוויגן הין־און־צוריק. אַ פלעמל האָט זיך צעטליעט ביי זיי אין האַרצן, עפּעס אַ געגאַרט גליק געפינט זיך ביי זיי אונטער בעליק, גע־פינט זיך אָט־אָ דאָרט אין ווינקל. די טאָכטער האָט אַרויסגענומען דעם גאַנצן פּאַק בריוו פון מאַן, וואָס זי האָט דערהאַלטן פון פראָנט און גע־לייענט און געלייענט. און אָט האָט זי געשמייכלט, און אָט האָט זי גע־וויינט. זי פלעגט ביי די ווערטער „איך קוש דיך פיל מאָל״, ביי וואָס דער מאַן האָט פאַרענדיקט די בריוו, פילן ווי אַ הייסער אָטעם וואָלט איבער איר איבערן לייב אַריבער. זי האָט ביז איצט פון די דאָזיקע ווערטער דאָס ניִשט אַזוי אַרויסגעפילט, עפּעס זענען זיי לעבעדיקער, וואַרעמער געוואָרן, די ווערטער פון איר מאַן, זינט דאָס פּאָרל האָט זיך באַוויזן.

און די מוטער? פאַרוואָס האָט די אַלטע גאָר אין מיטן דרינען גענו־מען לופטערן די מלבושים און איז יעדעס מאָל צו צו דער טאָכטער מיט אַן אַנדער מלבוש: „זעסט, באַשע, דאָס קאַפּטאַנדל האָב איך מיר געמאַכט, ווען איך האָב דיך אַנטוויינט. דער טאַטע, אין גן־עדן רוט ער, האָט מיר דעם שטאָף געבראַכט אַ מתנה״. און זי איז געבליבן שטיין, די אַלטע, מיטן קאַפּטאַנדל אין דער האַנט נישט צו וויסן וואָס צו טאָן דערמיט.

אַז זיי פלעגן אַפיר פון אונטערן פאַרהאַנג און אַדורכגיין דאָס צי־

מער, האָבן אַלע געשמייכלט, ווי אַלע וואָלטן געהאַט אַ שייכות צו אַ געמיינזאַמער זאַך.

אין אַן אַנדער שטאָט האָבן זיי זיך איינקוואַרטירט ביי אַ פרוי.

ווען זיי זענען געקומען צו איר ווינען, איז זי געווען אַליין, די פרוי, איינע אַליין. צימערן האָט זי געהאַט צוויי, האָט זי איינס פאַר זיי פאַרדונגען.

אין דער ווינונג פון דער פרוי איז נאָך אַלץ געווען איינגעאָרדנט פאַר אַ פּאָר: בעטן צוויי, אַ שטול, אַ געבעטע, אויבנאָן ביים טיש פאַרן באַלעבאָס פון שטוב. נאָר ער אַליין, דער מאַן אירער, איז נישט געווען.

זי איז געווען אַ פרוי אין די פערציקער יאָרן, אַ הויכע, מיט אַ גלאַטיק פאַרקעמפּטן שוואַרצן קאָפּ האָר אַרום אַ טונקל קיילעכיק פּנים. זי איז אַ ריינע, אַ זייער ציכטיקע געווען, הן אין איר אויסערלעכער פירונג והן אַלס מענטש. יעדע זאַך איז ביי איר געווען מיט חשבון. זי האָט זיך באַוויגן שטיל, סאָליד. דערנערט האָט זי זיך פון איר אַרבעט, ביים נייען וועש אין פאַרשידענע הייזער אַריין.

ווייזט אויס, אַז דער מאַן אירער האָט נישט געשטימט מיט איר געאָרדנט לעבן און זיי זענען געווען באַזונדער שוין יאָרן, הגם גטן זי האָט ער נישט געוואָלט. און באמת, אַ פרוי, וואָס יעדן מאַן קען אַ שאָד זיין זי צו פאַרלאָזן. נאָר אים, דעם מאַן אירן, האָט דאָך געצויגן צו קאָרטן־שפּיל ביז האַלבע נעכט, אין שענקן צו פאַרברענגען.

אַז זיי זענען אָנגעקומען צו איר ווינען, האָט זי אין זיי געזען אַ פּאָר, וואָס איז איר חלום געווען. שטענדיק בייזאַם, דאָ ווו מען זעט איינעם, זעט מען דעם צווייטן, צוזאַמענגעטוליעטע, ווי אָדם מיט חוהן איידער גאָט האָט זי פון זיין ריפּ אויסגעטיילט. מען זיצט אַרום טיש, די בליקן זענען ביי זיי באַהאַפטן און דאָס מויל צעשמייכלט. און עפּעס אַזאַ געמיטלעכקייט ווייעט פון זיי. און ווייכער, ווייכער האָט אָנגעהויבן ווערן איר עקשנות לגבי דעם מאַן אירן. ס'איז דאָך מעגלעך, אַז מען זאָל לעבן אין פרידן, אָט זעט זי עס דאָך פאַר אירע אויגן. און אויפן דריטן טאָג האָט זי דעם מאַן צוריק אין שטוב אַריינגעבראַכט. זי האָט אים געוואָלט האַלטן וואָס נענטער ביי זיי, וואָס נענטער. אָבער ער, דער מאַן אירער, מיט אַ גראָלעך געשוירן בערדל, אויף אַ געלבלעך פּנים, האָט גע־

קוקט צו זיי מיט אַ האַלב שפּאָטישן בליק. פאַר אים זענען מן־הסתם גע־שטאַנען פאַר די אויגן די צעהיצטע קאַרטן־קלובן, די פרעס־און־זויף־שענקן, און ער האָט נישט פאַרשטאַנען די מציאה פון זיצן ביים טיש און שמועסן מיט דער פרוי.

פונדעסטוועגן איז ער איבער דער צייט, וואָס זיי זענען געווען אין דער וווינונג, געקומען גלייך פון דער אַרבעט, אויסגעזוכט זיך עפּעס אַ שטוב־אַרבעט, אַבי צו פטרן די לאַנגווייליקע צייט. און די פרוי האָט אַלץ געשמייכלט צו זיי: „נאָר אין אייער זכות, ווען האָט ער אַמאָל געוואָלט זיצן אין אַ שטוב?"

בעת זיי האָבן זיך געהאַלטן ביים אַרויסציען איז די פרוי געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט: „ווו לאָזט איר מיך, עפּעס מיט אייך האָב איך מיך געפילט זיכערער".

אַ דריט מאָל האָבן זיי זיך איינקוואַרטירט ביי אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף אַ צוקער־פאַבריק און האָבן געוווינט אין איי־נער פון די פאַבריקס־געביידעס. די מיידלעך, פינף אין זייער צאָל, זענען געווען עוואַקואירטע פון פאַרשידענע געגנטן.

אַ געפיל, אַ לופטיקס, וואָס פאַרטראַגט אין אַ וועלט פון באַגערן, פון בענקשאַפטן, האָבן זיי אַריינגעבראַכט צווישן די ליימיקע ווענט פון דעם פאַבריקס־בנין.

צוויי פון די מיידלעך זענען געווען אויפן קאָנצערט, ווו מירע איז אויפגעטרעטן מיט אירע טענץ, מיט איר פאַרלייענען זאַכן, געהערט זינ־גען די לידער, וואָס חיים וואָל האָט אָנגעשריבן, און זיי זענען געקומען צו זיי אויסדריקן זייער באַגייסטערונג: „שוין לאַנג דאָס נישט געהערט, פון דער היים, פון וואַרשע אויס דאָס נישט געהערט". און זיי פאַרבעטן אין אַ צימער, וואָס איז אין שכנות געווען מיט זייער באַוווינונג.

די מיידלעך האָבן דאָס צימער אויסגעפּוצט, אויפגעהאָנגען אַ גאַר־דין, פאַרהענגלעך פאַרן פענצטער, צו פאַרשטעלן דאָס פאַרפאַלק פאַר דער וועלט, אויפגעשטעלט בלומען אויפן טיש און זיי אַריינגעפירט כאָטש ווי אין זייער אַן אויסגעטרוימטן פּאַלאַץ. הגם די מיידלעך האָבן זיך איינ־דערפרי געדאַרפט אויפכאַפּן צו דער אַרבעט לויטן פייף פון דער פאַבריק־סירענע, האָבן זיי זיך געמאַכט אַ וואַך־נאַכט.

איינע פון זיי, אַ שאַטענע, וואָס האָט געשטאַמט פון אוקראַינע, מיט אַ שאַרף פּנים און אַ קאַנטיקער גאָמבע, ווי געגאָסן פון מעטאַל, האָט אַראָפּגענומען אַ גיטאַרע, וואָס איז געהאנגען אויף דער וואַנט, זיך אָנ־דערגעזעצט אויף איר בעטל און גענומען שפּילן פריילעכע מעלאָדיעס. די רעשט מיידלעך האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום איר און צוגעזונגען. יעדע האָט געהייסן זינגען אַ ניגון, וואָס איז איר געלעגן פאַרבענקט אויפן האַרצן.

איינע, אַ מיידל פון פוילן, אַ גאָר העלע, מיט האָר פון זאַנגען־קאָ־ליר, האָט איר געהייסן שפּילן אירס אַ מעלאָדיע. „אַי, איז דאָס אַ מעלאָ־דיע, און די ווערטער זענען פון דוד איינהאָרן: דאָס בערי־אָזקעלע". מיט דעם ליד איז ביי איר פאַרבונדן אַ זיסע דערינערונג. זי איז מיט איר בחור געגאַנגען אין פּאַרק, אין אָוונט, צווישן די ביימער, די הענט זענען ביי זיי געווען פאַרשלייפט און זיי האָבן זיך געזונגען „דאָס בעריאָזקעלע". איצט איז דער בחור אויפן פראָנט, פיר חדשים האָט זי נישט קיין בריוו פון אים, זי וויל אָבער ווייטער זינגען די מעלאָדיע. די מיידלעך האָבן אײַ־בערגעריסן, שוין גענוג מיט דעם, זיי האָבן אויך זייערע מעלאָדיעס, אויף וועלכע עס הענגט, מן־הסתם, ווי אַ פּרוכט אויף אַ שטענגל, זייערס אַ שטיק לעבן.

אַזוי האָבן זיי זיך געוויגט, די מיידלעך, ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיט אויפגעוואַכטע באַגערן און זיך פאַרטראָגן אויף די קלאַנגען אין אַזאַ לעכצנדיקער וועלט.

פאַרטאָג, בעת די פאַבריק־סירענע האָט זיי אַראָפּגעריסן פון זייערע געלעגערס, האָט איינע פון זיי מיט פאַרזיכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, וווּ עס האָט זיך געפונען מירע און חיים וואָל, און איינע נאָך דער אַנדע־רער האָבן זיי אַריינגעשטעקט די קעפּלעך און זיך געזעגנט מיט זיי. זיי האָבן געוואָלט מיטנעמען אַ בליק, די מיידלעך, צו די שטאָלענע מאַשי־נעס פון דעם גליקלעכן פּאָרל.

גאָר אַ פאַרקערטער פאַל איז געשען, בעת זיי איז אַמאָל אויסגעקו־מען צו נעכטיקן אין אַ גויאישער שטוב.

זיי זענען מיט דער טרופּע אָנגעקומען אַמאָל אויף אַ באַן־סטאַנציע שפּעט פאַרנאַכט. דערצו איז נאָך געווען אַ פּאָר קילאָמעטער אין שטאָט

אַריין, און די איינציקע קאָמוניקאַציע איז געווען אַן אוזבעקישע ארבא (אַ וואָגן אויף צוויי הויכע רעדער), געשפּאַנט אין אַ קעמל.

די גאַנצע טרופּע איז געגאַנגען זוכן אַן אָרט, ווו איבערצונעכטיקן.

מירע און חיים וואָל האָבן געזען אויפן באַן־פּלאַטפאָרם שטיין אַ גויע, אַ רוסישע, מיט אַ געבלימלט טיכל, אַרומגענומען אַ קיילעכדיקן קאָפּ און אַ פול פּנים האָט זי געהאַט, ווי אַ דנאָ פון אַ שיסל. זיי האָבן איר געפרעגט, צי זיי וועלן נישט קענען איבערנעכטיקן ביי איר, זיי וועלן איר באַצאָלן. די גויע האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ קאָליר פון פיש־טראָן און זיך צעשמייכלט מיט אַ געזונטן קאָסטן ציין: „אַ מיטלייד אויף אייך, אין דער פרעמד, קומט!"

זיי זענען מיט איר מיט אין אַ ווייס הייזל, אַ ליימיקס, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע.

איר וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ גרויס צימער, כמעט אַ ליידיקס. איין בעט האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל, איבער וועלכן עס איז געהאָנגען די „הייליקע מאַמע". אין אַ צווייט ווינקל איז געשטאַנען אַ גרינער קוּ־פערט, וועלכער האָט געדינט אַלס קליידער־שראַנק און אויך אַלס טיש.

זי האָט פאַר זיי, פאַר מירען און חיים וואָל, אין אַ ווינקל ביי דער טיר אויסגעבעט אַ געלעגער אויף שטרוי.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן שטרוי, ווי עופות וואָס קיטשען זיך אַנידער. געזעסן, די הענט אַרומגענומען ביי די קניען, און געשמייכלט איינער צום אַנדערן פון דער גאַנצער לאַגע זייערער. טראָגן זיך אַרום פון שטוב צו שטוב מיט זייערע פריידיקע מעת־לעתן. נאָר באַלד האָבן זיי פאַרגעסן אין דעם און ווי עפּעס אויף אַ טעפּיך, אַן אויפגעשפּרייטן, האָבן זיי אָנגעהויבן ווייטער וועבן זייער לעבן. טעאַטער, ליטעראַטור, אָפּשאַ־צונגען, מיינונגען. שפּעטער האָט די גויע געמאַכט פאַר זיי טיי. זי האָט זיך אַזוי צוגעקוקט, די גויע, ווי וואָך ער דרייט זיך אַרום איר, ווי ער טראָגט איר אַלעס צו. און זי זיצט זיך, ווי אַ קייסערינע, אויפן שטרוי און גרייט פאַר צום עסן.

מירע, זיצנדיק אויפן שטרוי, האָט אויף איר שויס אויסגעשפּרייט אַ סערוועטקע, אויסגעסדרט דאָס עסנוואַרג. און ער האָט פון איר שויס געגעסן, וואָס יעדער ביסן האָט זיך ביי זיי מיט אַ פייערדיק געפיל דורכ־

גענומען, ווי זיי וואָלטן הייסע קוילן געשלונגען, וואָס בריען נישט, נאָר וואַרעמען אַזוי דאָס בלוט.

די גויע איז געזעסן אויף איר ליידיק בעט און איז מיטאַמאָל אַריין אין גרויס צאַרן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, איז אין מיט שטוב אַריין, גענומען וואַרפן מיט די הענט און געשריגן:

— איך לאָז אים מער נישט אַריין, דעם שיכור — האָט זי געביילט די פויסטן — זאָל ער גיין, מיט אויסגעלאָסענע פּרויען וועט ער זיך אַרומשלעפּן". זי האָט זיך צעוויינט און איז צו צו זיי: „טייערע, מיינע, קיינמאָל נישט געהאַט קיין איין גוטע מינוט ביי אים, קיינמאָל נישט גע־האַט, שטענדיק שיכור, שלאָגט און קלאַפּט. זעט — האָט זי אַראָפּגע־צויגן אַן אַרבל פון דער בלוזע און געוויזן אַ שוואַרצן צייכן אויפן לייב — זעט. אַזוי שוין 25 יאָר. ווי נאָר כ׳בין מיט אים פון דער צערקווע אַרויס נאָכן נעמען דעם „שלוב", האָט ער זיך גלייך אָנגעשיכורט און געשלאָגן. ניין — האָט זי זיך געוואָשן אין טרערן — איך לאָז אים מער ניט אַריין".

שפּעט ביינאַכט, דאָס צימער איז געווען אַרומגענומען מיט פינצ־טערניש, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. לכתחילה האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן. דאָס קלאַפּן האָט זיך אָבער וואָס אַמאָל געשטאַרקט. די טיר האָט אָנגעהויבן שפּרינגען אונטער די שטאַרקע זעץ. ביי יעדן קלאַפּ האָט זיך געהערט אַ הייזעריקע שטים פון אַ מאַן:

— עפן אויף, זונה, האָסט אַוודאי אַריינגענומען אַן אַנדערן, עפן אויף, וואָס ביסטו מיטאַמאָל משוגע געוואָרן, עפן אויף.

די גויע איז אַראָפּ פון בעט, צונויפגעשאַרט אין דער פינצטער עפּעס מלבושים, שטיוול, זיי צוגעטראָגן צו דער טיר און אַרויסגעשריגן: איך וויל מיט דיר נישט לעבן, גיי צו דיינע אויסגעלאָסענע פּרויען, דאָ האָסטו אַלצדינג, גענוג, מער וויל איך דיך נישט זען.

— זונה, האָסט אַריינגענומען אַן אַנדערן, איך וועל אייך היינט ביי־דע דערהרגענען, איך לויף נאָך דער האַק אין קאַמער אַריין.

ס׳איז שטיל געוואָרן ביי דער טיר. ס׳האָבן זיך געהערט אָפּגייענדיקע טריט. די גויע האָט די ריגל געעפנט. מירע און חיים וואָל האָבן זיך שטי־לינקע אַרויסגעגנבעט אין מיט נאַכט. נאָך זיי זענען נאָכגעפאַלן, רעקלעך, שטיוול, און די טיר האָט זיך צוריק פאַרקלאַפּט.

נדלות

געוועז איז דאָס געציילטע וואָכן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער קאַשמאַר נאָך די זעקס יאָר דייטשע הערשאַפט האָט זיך נאָך גע־לאָזט פילן, פונקט ווי אַ רויך נאָך אַ גרויסער שריפה, וואָס האַלט זיך נאָך אין לופטן, הגם דאָס פייער איז שוין אײנגעלאָשן. דער געשפּענסט, די שרעק, די טיפע פּיין האָבן נאָך גענעסט ביי יעדן, הגם אויף די שלאַכט־פעלדער איז שוין געוועז שטיל און דער שונא איז שוין געלעגן אַ צעבראָ־כענער. די מענטשן אַרום, בפרט יידן, זייערע משפחות, ווי די הייזער זייערע, די גאַסן, — אַלץ איז געוועז חרוב און צעשטערט. און יעדער איי־נער האָט זיך אַרומגעדרייט צעבראָכן און אויסגעלענקט פון לעבן, נישט געקענט צוריק אַריין, פונקט ווי אַן אבר, וואָס ברעכט זיך אויס פון אַ גוף.

צו יענער צייט איז וועמען איינגעפאַלן און ער האָט אויף איינעם פון די הינטערשטאָטישע פּלעצער פון וואַרשע אויפגעשטעלט אַ לונאַ־פּאַרק.

ער האָט דאָס געטאָן צוליב געשעפט, פאַרשטענדלעך. נאָר ער האָט גאָרנישט געוווסט, דער אייגנטימער פון לונאַ־פּאַרק, וויפל ער האָט מיט די קאַרוזעלעס, מיט די הושטאַווקעס, מיט די שווינדל־טרעפּ און מיט די גאַלאָפּ־לויפנדיקע שיפלעך צוגעטראָגן צום צושטאַנד פון די מענטשן דע־מאָלט. זאָל זיך אַלץ דרייען און פאַרדרייען און לויפן און שפּרינגען און טראָגן און הייבן און וואַרפן, אַבי נישט צו בלייבן שטיין אין אַזאַ חרוב־בער וועלט.

יעדן פאַרנאַכט, ווען דער האַרבסט־הימל האָט זיך אָנגעהויבן טונק־לען און אַוועקלייגן זיך שווער, ווי אַ פּולאָפּ איבער דער וועלט, האָבן אין לונאַ־פּאַרק אויפגעבליצט הונדערטער פייערלעך פון בלאָע, רויטע און גרי־נע לעמפּעלעך, וואָס זענען געוועז אויסגעזעצט אַרום די קאַרוזעלעס. האָבן

זיי, די פייערן, געלאָקט און גערופן און געוווּנקען און געצויגן צו זיך. דערצו האָט זיך פון פּאַרק געטראָגן ווו ווייט אַ שרייענדיקע שנויפלנדיקע מוזיק פון קאַטערינקעס און שפּיל־קאַסטנס, וואָס האָבן פּאַרטויבט די אויערן. און די מענטשן, ס׳רוב פּאַליאַקן, האָבן אַהער געצויגן און געפלאָ־טערט און געשוועבט אַרום די לעמפּעלעך, ווי די זשוקעס זומער פאַרנאַכט אַרום אַ ליכט. ס׳האָט עפּעס אויסגעדאַכט, ווען מ׳האָט געזען די מענטשן פליען אין דער הויך אויף די הושטאַווקעס אָדער אויף דער שווינדל־באַן, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון דער גאַנצער ענגשאַפט אויף דער ערד און זיי פלאַטערן אין דער הויך אין אַ וועלט אַזאַ וואָס דרייט און דרייט זיך, ווו מען פאַרלירט דעם זין און מען באַוועגט זיך אין אַזאַ האַלב־שי־כורן צושטאַנד. און ביז האַלבער נאַכט, ווען דער פּאַרק איז געשלאָסן גע־וואָרן, האָבן דאָ הונדערטער יונגע פּאָרלעך און עלטערן מיט זייערע קינ־דער, באַלאַגערט דעם פּלאַץ. יונג און אַלט האָט זיך געדרייט און געפלויגן און געשטיפט, ווי נאָר ערגעץ פאַרשווונדן צו ווערן. און דערביי האָבן זיי אַראָפּגעקוואָלן מיט הילכיקע געלעכטערס, ווי זיי זאָלן זאָגן: האַ? מיר האָבן זיך אויף אַ רגע אַרויסגעדרייט פון די אַלע פּרעסנדיקע דאגות און פּלאָגענישן.

אין איינעם אַ חגא־טאָג, ווען מחנות מענטשן, צושויער און אָנטייל־נעמער אין די שפּילערייען אויף די הושטאַווקעס, האָבן פול־געמאַכט דעם פּאַרק, האָט זיך באַוויזן אַן אינוואַליד, אַ מוראדיקער, פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. ער איז אַהערגעקראָכן ווי אַ זשאַבע, אויף צוויי צוגעפּאַסע־וועטע נידעריקע ביז פאַר די קני הילצערנע קלעצלעך, און אַ ליידיקער אַרבל אויף דער רעכטער זייט האָט זיך אים נאָכגעבאָמבלט. דער רעשט קערפּער האָט עפּעס אויסגעזען, ווי ער וואָלט שוין אויך נישט עקזיסטירט, ווי ער קאָן גאָרנישט עקזיסטירן ביי אַזאַ צושטאַנד. אַ צעבויגענע פּלייצע פון ברעכן זיך ביים גיין, און דער ברוסטקאַסטן — אַן איינגעפאַלענער, און דאָס גאַנצע שטיקל גוף האָט אַרומגעשווומען אין אַ זעלנערישער בלוז־זע. די האָר פון קאָפּ, שיטערע, אויסגייענדיקע, פון אַ העלער אומבאַ־שטימטער פאַרב, עפּעס ווי די האָר פון וואָרצלען, וואָס מען קאָפּעט פון דער ערד אַרויס. נאָר די צוויי אייגלעך, וואָס זענען געזעסן טיף אין קאָפּ, האָבן אַרויסגעקוקט שפּיזיקע, פאַרעקשנטע און האָבן זיך איינגעשניטן

אין יענעמס בליק. ער איז גלייך געוואָרן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצן המון מענטשן. זיין יעדער באַוועגונג איז אויפגעכאַפּט געוואָרן, מען האָט אים דעם וועג אָפּגעטראָטן, פאַרבייגעלאָזט, און אַ זייט זיך געריקט, עפּעס מורא געהאַט צו געפינען זיך אין זיינע ד' אמות. און דאָס פּיצל מענטש מיט די צוויי הילצערנע קלעצלדיקע פיסלעך, מיטן ליידיקן אַרבל, האָט זיך פאַרביסן שטיל געשאַרט און אויף קיינעם קיין בליק נישט גע־וואָרפן. ער איז צו צו אַ מעכאַניש פליענדיקער הושטאַווקע און זיך געוואָלט אַרויפבאַקומען אויף אַ זיץ־פּלאַץ, וואָס אַן ערך אַ צוואנציק פון זיי האָבן אויף גראָבע אייזערנע קייטן געהאָנגען אין אַ רונד אַרום. ער האָט אַרומ־געכאַפּט מיט דער איינער האַנט זיינער אַ קייט מיט אַ זיץ־פּלאַץ און נישט געוואָלט נאָכלאָזן, געשטערט די באַוועגונג, ביז מען וועט אים נישט אַרויפ־זעצן אויף דער הושטאַווקע.

ביי אַלע אַרום האָט עס דאָס האַרץ פאַרכאַפּט. וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם־אָ אומגליקלעכן נפש? אַוועקוואָרפן אים? מיט כוח אים אַוועק־רייסן? ווי קאָן מען דאָס? אַרויפזעצן אים? ער קאָן דאָך ביי אַזאַ משוגע לויפן פון דער הושטאַווקע אַוועקגעשליידערט ווערן און די רעשט צע־מזיקט ווערן?

עס האָט נישט געהאָלפן קיין רייד, קיין אויפקלערונגען, נישט פון דעם עולם אַרום, נישט פון דעם אייגנטימער פון פאַרק. ער האָט נאָך פעס־טער אַרומגעפלאָכטן די איינע האַנט זיינע אַרום דער קייט און נישט גע־וואָלט נאָכלאָזן. פונקט ווי דאָס וואָלט געווען זיין איינציק רעטונגס־אָרט. דער אייגנטימער פון פאַרק, אַן הויכער גוי, מיט שוואַרצע וואָנסעס און מיט שוואַרצע ציגיינערישע אייגלעך, וואָס זענען גרייט יעדע מינוט צו געבן אַ ווונק אויף אַ נישט כשרע זאַך, איז אַ שאָד געווען דער פּדיון, וואָס ער פאַרלירט דערוויַיל. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם אינוואַליד און אים אַ זעץ אַרויף געגעבן אויף אַ פּלאַץ אין דער הושטאַווקע.

די גאַנצע מאַסע מענטשן אַרום איז געבליבן שטיין פאַרהאַקט, אָן אָטעם. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אויף דעם אָרט, אַלע אויגן זענען געווענדעט געוואָרן אין איין פונקט. און איבער יעדן איינעם איז געהאָנ־גען די מורא: וואָס וועט דאָ זיין? מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? אַ סכנה הענגט דאָך אין לופטן, ער וועט דאָך זיכער צעשמעטערט ווערן.

ג ד ל ו ת

און ער, דער אינוואַליד, איז זיך געזעסן אין דער הויך אויף דער הושטאַווקע, אין דעם רונד אַרום צווישן יונגע מוידן און שרייענדיקע רויטע און גרינע קליידער, צווישן קאַוואַלערן מיט צעפּלאָשעטע טשופּרינעס, און זיין גאַנץ פּנים האָט געלויכטן, עפּעס אַ חיות באַקומען. ער, דער אויסגעשפּיגענער, דער צעטראָטענער, דער אַרויסגעוואָרפענער פון לעבן, וואָס קריכט אַרום אַן אַרומגעשאָסענער פון האַנט און פיס, וואָס אַלע רוקן זיך אָפּ, ווען זיי דערזעען אַזאַ קריפּל, — ער האָט צו זיך מיטאַמאָל אַזאַ אויפמערקזאַמקייט אַרויסגערופן. הונדערטער מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום אים, און אַלע ציטערן, פּלאַטערן פאַר זיין גורל. ער האָט צוריק עפּעס אַ ווערט באַקומען, ער גייט ווייטער ווען אָן. אַזוי פיל מענטשן קימערן זיך איצט פאַר אים. ניין, עס איז אַלץ ווערט, אַפילו דאָס ביסל לעצטע לעבן איז עס ווערט. און פון זיינע אויגן, וואָס אַ שטעכיקייט האָט אַרויסגעקוקט, האָט אַ צעוואַרעמטע פייערל אָנגעהויבן בלישטשען.

ענדלעך האָט אַ קאַטאַרינקע אָנגעהויבן שנויפלען עפּעס אַ מעלאָדיע און די הושטאַווקע מיט דעם אינוואַליד האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ גאַלאָפּ.

ביי די מענטשן אַרום איז ענג געוואָרן ביים האַרץ. גויעס האָבן זיך אָנגעהויבן צלמען: „אָ, יעזוס הייליקער, דערבאַרעם זיך”. אַנדערע האָבן אַוועקגענומען די בליקן, נישט געוואָלט זען די קאַטאַסטראָפע מיט דעם אומגליקלעכן. ס'האָבן זיך אויך געהערט געשרייען פון המון: „האַלט זיך! האַלט זיך פעסט!” אין לופטן, האָט זיך אַלץ געדאַכט, דאַרף אָט־אָט אַ שליידער געגעבן ווערן אַ רעשטל פון אַ מענטשלעך לעבן. און די הושטאַווקע האָט זיך אַלץ געדרייט אין דער גרעסטער שנעלקייט, אַזוי, אַז אַלע מענטשן אויף איר האָבן זיך פאַרן אויג צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע, איינס געוואָרן. און דער עולם פון אונטן האָט נאָכגעשיקט די בליקן, נאָכגעדרייט זיך מיט פּאָכנדיקע הערצער און — סטאָפּ, די הושטאַווקע איז געבליבן שטיין. אַלע אַרום האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווי עס וואָלט פון זיי אַ משא אַראָפּ.

דער אינוואַליד איז געזעסן אין דער הושטאַווקע און האָט זיך דערזען העכער פאַר די אַלע אַרום. ער, ער קען מער וואגן פאַר זיי, מער ריזיקירן, ער איז דעצידירטער פאַר אָט־דער כאָפּטע מענטשן. אַזוי איז אויך

געווען אויפן פראַנט. ער, דער איינציקער, איז דאָס געגאַנגען, ווען דער אָפיציר האָט געפרעגט ווער עס וויל, אין רוקן פון שונא און האָט דער־בראַכט צו אַן אויפרייס אין אַ סקלאַד פון אַמוניציע. אַ פייער האָט אַרומ־געכאַפּט דעם הימל. נאָר ער, ער איז אַרויס אַזוי צעמזיקט. און דאָך האָט אים עפּעס אַ צופרידנקייט אַרומגענומען. ער האָט דערפילט ווי מיט דעם לעצטן שטיקל קערפּער זיינעם האַנדלט ער נאָך מיט גבורה. און ער האָט אין דעם מאָמענט אויפגעהערט צו פילן זיין שפלע לאַגע, אין וועלכער ער קריכט ווי אַ וואָרעם אויף דער ערד אַרום. ער זיצט צוריק אין אַ פּלאַץ, ווו ער ווערט באַוווּנדערט פאַר זיין געוואַגטקייט.

אַ פּאָר מענטשן זענען צו און אים געוואָלט אַראָפּנעמען פון דער הושטאַווקע. ער האָט באַין־אופן זיך נישט געלאָזט. ער האָט געוואָרפן מיט די קלעצלדיקע פיסלעך און מיט דער איינציקער האַנט זיך אַרומגעפלאָכטן מיט דער קייט. ער וויל נישט אַראָפּ אויף דער ערד, דאָ איז אים בעסער, דאָ וויל ער לעבן און דאָ וויל ער באַדיי שטאַרבן. דער אייגנטימער פון פּאַרק האָט געבראַכט צוויי פּאָליציאַנטן און זיי האָבן אים מיט כוח באַ־זייטיקט. ער האָט געשטויסן מיטן קאָפּ, געוואָרפן מיט די הילצערנע פיס־לעך, בעת זיי האָבן אים אַרויסגעטראָגן פון פּאַרק, און ער האָט געשריגן: „דאָס איז מיין רעכט, דאָס איז מיין רעכט צו לעבן און שטאַרבן אַזוי ווי איך וויל".

אַ זינגערין

זי פלעגט זיצן און אַ שמייכל, אַן אויפגעוואַכטער, האָט זיך געזען אויף איר פּנים, דער בליק איז געווען אַ פאַרטראַכטער, און די אויערן האָבן אויפגענומען טענער פון געזאַנג.

דאָס איז מאַדאַם כרמלה געזעסן ביים טיש און געהערט אויפן פּאַטעפאָן אירע אייגענע געזאַנג־פּלאַטן. אַלע אָוונט אין דער אייגענער צייט, אין די קאָנצערט־שעהן.

זי איז אַ זינגערין מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט, איר שטים, אַ קאָלעראַטור־סאָפּראַן, האָט אַמאָל צוגעצויגן געפּאַקטע הייזער מיט צוהערער. ווו זי פלעג אויפטרעטן, האָבן מאַסן באַלאַגערט די ערטער, ווי מוראַשקעס — צוקער.

אַז זי פלעג זינגען אירע באַליבטע אַריעס פון „ריגאָלעטאָ", פון „פיגאַראָס חתונה" און פאַרגאַנגען מיט איר פלייטן־שטימע אויף די העכסטע טענער; געציקלט, געטרילערט, ווי אַ זינג־פויגל וואָלט ביי איר אין האַלדז אַרומגעשפּרונגען ווי אויף אַ צווייג אין וואַלד, האָט מען זי אין דעם מאָמענט עפּעס אויפגעהערט זען ווי אַ מענטשלעך וועזן. אַלע בליקן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום איר האַלב געעפנט מויל, פון וואַנען די טענער זענען אַרויס. זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּילנדיק באַשעפעניש פון לויטער קולות און קלאַנגען. און אַז זי האָט פאַרענדיקט דאָס געזאַנג, האַלטנדיק די צוהערער מינוטן לאַנג אין דער העכסטער שפּאַנונג מיט איר אָן־אָטעמדיקן ציען די טענער; פאַראייניקט זיך מיט איר לאַנגער פיגור, דער קאָפּ בלאָנדע האָר האָט זיך ווי אַן אייער־פיאַנע צעפּאַליעט — ווי דער מענטש — האָט זיך דער גאַנצער זאַל מענטשן ווי דורך אַ צייכן מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און זיך ווי אַ וואַסער־פאַליע צו דער סצענע געלאָזט; געפּלאָטערט מיט די הענט ווי שמעטערלינגען, געפּאַטשט, געגרופן

איר נאָמען, און גליקלעכע געווען, ווען זי האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרנייגט פאַר זיי.

ווי נאָר זי פלעג אַראָפּ פון דער סצענע איז זי שוין אַריין אין אַ כוואַליע פון מענטשן; פאַרערט, באַוווּנדערט, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. די פּנימער ביי אַלע האָבן געשמייכלט, געקוקט צו איר מיט וואַרעמע בליקן. מענער — גליקלעכע געווען, ווען זי האָט זיי אויסגעשטרעקט די האַנט פּלאַך צום קושן. אַזוי איז פול געווען אין אַלע דורכגענג און טירן פון די קאָנצערט־זאַלן, ווו זי איז פאַרביי.

אויף דער גאַס פלעגן זי אָפּוואַרטן מאַסן־צוהערער און לאַנג איר אַפּלאָדירט ביז — די מאַשין האָט זי אַוועקגעפירט ווייט פון זיי.

אין די האָטעלן, ווו זי האָט זיך ס׳רוב אויפגעהאַלטן, זענען פול געווען אירע צימערן מיט בלומען, וואָס מען האָט איר צוגעשיקט. אין יעדן קראַנץ — אַ צעטעלע מיט אַ צושריפט מיט ליבן, מיט באַגערן, מיט אויסגעדריקטע חלומות, מיט די פאַנטאַסטישסטע פאָרשלאָגן, מיט ברכות אָן אַ שיעור.

און תמיד אַזאַ אויפמערקזאַמקייט אַרום איר, אַזאַ וואַכקייט, אַזאַ גרייטקייט, דאָ, ווו זי האָט זיך געפונען איז פייערלעך געווען, איז אַ יום־טוב געווען. מענטשן האָבן פאַרגעסן אין זייערע טעגלעכע דאגות. זי האָט זיי פאַרטראָגן אין אַזאַ זיסער וועלט פון גענוס, פון באַוווּנדערונג, און זיי זענען איר דאַנקבאַר געווען.

און באַוויזן האָט זי זיך ווי אַ מעטעאָר, דאָ — דאָ, דאָ — דאָרט. אָט איז זי אויפגעטרעטן אין פראַנקרייך און אָט אין בראַזיל. זי בייט קאָנטינענטן, נייע לענדער, נייע מענטשן. נאָר אומעטום די אייגענע באַגייסטערונג. אומעטום צינדט זי אונטער די צוהערער מיט איר געזאַנג.

און פּלאַטן זענען געמאַכט געוואָרן פון אירע געזונגענע אַריעס, צו זעטיקן די צוהערער ביי וועלכע איר שטים האָט זיך איינגעעסטעט און געלעבט און פלעג אויפגיין מיט אַ דורשט זי ווידער און ווידער צו הערן. אויך פאַר די ברייטע מאַסן, וועלכע האָבן קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט צו גיין אין די קאָנצערט־זאַלן און האָבן אַריינגעבראַכט אין זייערע הייזמען דעם „נאַכטיגאַל”, ווי זיי פלעגן זי רופן. די פּלאַטן זענען געגאַנגען אין אַלע טיילן פון שטאָט, אין די אָרעמע שטיבלעך און אין די סאַלאָנען,

ווי מוזיק ווערט גענוצט ווי דער ערשטער געברויך. אין די געמיטלעכע שעהן האָט מען אין די שטיבער דעם פּאַטעפאָן אויפגעשטעלט, געהערט איר גּעזאַנג.

גישט איינמאָל, בעת זי פלעג פאַרביי די גאַסן, האָט זי געהערט פון דאָ און דאָרט איר אייגן געזאַנג דורך די פענצטער.

אַזוי איז זי געטראָגן געוואָרן אויף די פאַליעס פון איר דערפאָלג ביז — אין פינפטן צענדליק פון איר לעבן.

וואָס אַן אמת האָט זי אין די לעצטע יאָרן שוין געקעמפט מיט אַלע מיטלען צו קענען דערהאַלטן זיך אויף איר מעמד. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן הערן מיינונגען, אַז אין איר שטים הערט זיך אַן אָפּשוואַכונג. נישטאָ שוין די פאַרב, דער כוח, די פרייע צעטרילטקייט פון אַמאָל.

אויך אויסערלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויין סימנים, וואָס האָבן זי באַאומרואיקט. אָן איר פיגור, וואָס איז אַמאָל גלייך געווען, ווי געגאָסן פון גיפּס, האָט זי זיך איצט יעדעס מאָל געמוזט דערמאַנען, אַז זי דאַרף זי אויסגלייכן, אַז נישט רונדיקט זי זיך אויס. הינטער די אויגן זענען ביי איר קיישעלעך אַרויסגעטרעטן. נאָך אַלע מיטלען, וואָס זי האָט קעגן זיי אָנגעוואָנדן, זענען זיי נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט פאַרב געמוזט נוצן צו אירע האָר און אַ ווידערגעפיל באַקומען צו איר פריזור. עפּעס אַ פרעמדע זאַך האָט זי געפילט אויף איר קאָפּ. און געיאָגט האָט זי זיך מיטן גרעסטן אימפּעט מיט אַ כוח, וואָס האָט זי געוואָלט צעטרעטן, איינברעכן.

אָט האָבן זיך ביי איר צייכנס באַוויזן אויפן שטערן. און ביי יעדן מאָל וואָס זי האָט זיך געוואָלט עפּעס דערמאַנען אָדער אָנגעשטרענגט דעם געדאַנק, האָבן זיך די צייכנס אין פאַלדן פאַרלייגט. צום סוף האָבן זיך איו', ווי אַ דראָאונג, צוויי כאַראַקטער־שטריכן פאַרלייגט אַרום אירע מויל־ווינקלען.

זי האָט געקעמפט, געווערט זיך מיט אַלע מיטלען פון דער קאָסמע־טיק און — זיך אונטערגעגעבן.

זי איז אויף די קאָנצערטן מער נישט אויפגעטראָטן.

זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין איר באַקוועמער וווינונג און געלעבט פון דעם גוטס, וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן פון אַלע יאָרן רחבה.

זען זיך מיט וועמען האָט זי נישט געוואָלט, נישט געוואָלט זיך ווייזן

אין איר איצטיקן צושטאַנד. עפּעס אַ געפיל געווען ביי איר, אַז מיט איר איצטיקן דערשיינען צווישן מענטשן וועט זי פאַרשווערכן איר אַמאָליקע הערלעכקייט, דער גלאַנץ וועט פאַרטונקלט ווערן.

זי האָט נאָר געלעבט מיט די דערינערונגען פון אַמאָל. יעדע זאַך, יעדע קעגנשטאַנד, יעדע מתנה האָבן איר דערמאָנט אין אַמאָל, אַמאָל.

אַמערגסטן פלעגט זי זיך פילן אין די אָוונטן, אין די קאָנצערט־שעהן. אַלע יאָרן האָט זי זיך אין דער צייט פאַרגעברייט, געפיבערט, אויפגעטרעטן, און אַרום איר — אַ רעשיק לעבן.

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט זי אויפגעשטעלט דעם פאַטעפאָן און פאַרלייגט אירע אייגענע געזאַנג־פּלאַטן.

ווי אַ שטאַרקער געטראַנק, וואָס צעגייט אין אַלע אברים, אַזוי האָט איר שטים זי באַטרונקען. זי איז אינגאַנצן געוואָרן באַרוישט. זי האָט זיך געזען צוריק אויף דער סצענע, גרויסע קאָנצערט־זאַלן, געפּאַקטע מיט צו־הערער; שטורמישע אָוואַציעס, אויגן אַרום מיט באַוווּנדערונג. עפּעס ווי כוואַליעס אויפן ים וואָס הייבן אַמאָל אַרויף אַ דערטרונקענעם, אַזוי האָבן זי אירע געזאַנג־פּלאַטן אַרויפגעהויבן. יעדער געזאַנג־נומער איז דאָך ביי איר פאַרבונדן מיט אַזוי פיל איבערלעבענישן, מיט אַזוי פיל אַנטציקונגען. און אָוונט ביי אָוונט פלעג זי אויפשטעלן דעם פאַטעפאָן און זיך וויגן אין אירע דערפאָלגן פון אַמאָל, וויגן זיך, וויגן און פאַרוויגן.

נאָר איינמאָל, בעת זי האָט פאַרלייגט אויפן פאַטעפאָן אירס אַ געזאַנג־פּלאַטע האָט זיך געהערט אַן אויסגעריבן קול, אַ צעדריפּעטעס, עפּעס ווי איינער, וואָס איז הייזעריק. אַנשטאָט איר זאַנפטע שטימע האָט זיך געהערט אַ קריצעריי, ווי אייזן וואָלט זיך געריבן אָן אייזן.

זי האָט שנעל אָפּגעשטעלט דעם פאַטעפאָן.

אין צימער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ טויטע שטילקייט, אַ שטילקייט, וואָס האָט אויסגעדאַכט, אַז זי וועט אייביק שוין אַזוי דויערן.

זי האָט געפילט ווי דער לעצטער קלאַנג פון איר אַמאָליקן לעבן הויכט אויס.

די יונגע שוישפילערין

זינאַ, אַ מיידל אין די אַכצענער יאָרן, וואָס האָט נאָר־וואָס פאַרענ־דיקט אַ דראַמאַטישע סטודיע, איז געזעסן אין די פרימאָרגן־שעהן אין דעם טונקעלן טעאַטער־זאַל איינע אַליין, צווישן הונדערטער ליידיקע שטולן און האָט געוואַרט אויף דעם טעאַטער־דירעקטאָר, וועלכער האָט באַשטימט מיט איר צו טרעפן.

ס'איז שוין געווען פופצן מינוט נאָך דער אָפּגעשמועסטער צייט און דער דירעקטאָר איז נישט געקומען. און זינאַ איז געזעסן ווי אויף שפּרינג־פעדערס, גרייט יעדע מינוט אויפצושטיין און אַרויס פון זאַל.

דאָס איז געווען דער ערשטער טריט, וואָס זי האָט געדאַרפט שטעלן אין טעאַטער. אויף צען אַזייגער פרי איז זי באַשטימט געוואָרן פאַרצו־טראָגן עפּעס פאַרן דירעקטאָר, מעגלעך אַז עס האָבן געדאַרפט זיין אויך אַקטיאָרן פון טעאַטער און אפשר אויך דער רעזשיסאָר, זיי וועלן דאָך נייגעריק זיין זי צו זען, אַזוי האָט זי געמיינט. לעת־עתה איז שוין דער ווייזער היפּש אָפּגעלאָפן פון דער באַשטימטער צייט און קיינער איז נישטאָ, זי אַליין.

מיט יעדער מינוט, וואָס זי איז געזעסן איינע אַליין אין דעם טויטן טעאַטער־זאַל, האָט זיך אַלץ מער ביי איר געלאָשן דער גלויבן אין זיך; דער פיבער, וואָס האָט אין איר געברענט זינט די לעצטע צוויי מעת־לעת, ווען דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זי באַשטימט אויף היינט. זי האָט אין דער צייט געהאַט מאָמענטן, וואָס זי האָט געגלויבט, אַז ווען מען לאָזט זי אַרויף אויף דער סצענע וואָלט זי אַלעמען אונטערגעצונדן מיט איר טעמפּעראַמענט, מיט איר שטים, מיט איר בליק. איצט לעשט זיך דאָס אַלץ ביי איר. אַפילו די אַלע גוטע ווערטער, וואָס זי האָט געהערט פון די פּעדאַגאָגן אין דער סטודיע וועגן דער טעאַטראַלער קאַריערע, וואָס שטייט

איר פּאַר, אַפילו די ווערטער פאַרשווינדן, צעגייען זיך. און זיי האָבן דאָך, די אַלע גוטע מיינונגען וועגן איר, געפּלאַסטערט פאַר איר אַזאַ העלן וועג מיט דערפּאָלגן, מיט אָוואַציעס, מיט פאַרערער, אַז ביים דערמאָנען זיך האָבן די געבליטן האַסטיקער אַנגעהויבן לויפן אין אירע אָדערן. איצט פילט זי זיך אַפּאַטיש, אַפּהענטיק. און זי וויל אויף ס'כוח אויפהאַלטן איר מוט, איר גלויבן, אפשר קומט ער דאָך אָן, דער דירעקטאָר, און זי וועט דאַרפן פאַר אים זיך באַווייזן אויף דער סצענע. זי פילט אָבער אַ ליידי־קייט אין האַרץ, אין די אויגן — אַ שטעכיק פייערל, אַנשטאָט דעם שמייכל פון שטענדיק. זי וואָלט איצט קיינעם גלייכגילטיק נישט געקענט קוקן אין פּנים. דאָס איז אַוודאי פון פאַרדרוס, פון דער באַליידיקונג, וואָס צערט פון איר איר חיות, ווי אַ ברענענדיקער קנויט צערט דעם ברען־אייל.

זאָל זי אַוועק? פאַרהאַקן אונטער זיך די טיר פון טעאַטער און אַוועק? מיט וואָס וועט זי לעבן? מיט וואָס וועט זי אויספילן אירע טעג?

אָבער, גאָט דו מיין איינציקער, דער זייגער איז דאָך 25 מינוט אַרי־בער דער באַשטימטער צייט, זי וואַרט דאָך אומזיסט, ער האָט אַוודאי פאַרגעסן אינגאַנצן. סתם אַזוי זיך פאַרנאַטירט אין זיין נאָטיץ־ביכעלע. און זי איז צוויי מעת־לעת אַרומגעגאַנגען אין פיבער, געצונדן זיך אינ־גאַנצן.

זי האָט אינדערפרי, אַהערגייענדיק אין טעאַטער, קיין געדולד נישט געהאַט זיך רעכט צוקומען, דער קאַם איז געשפּרונגען אין אירע פינגער. און די ווייסע בלוזע, וואָס זי האָט זיך אויסגעפּרעסט צום אָנטאָן, האָט זי צוגעזענקט, דער קאָפּ איז איר געווען אַזוי צעטראָגן, אַז זי האָט פאַרגעסן דאָס קאָכעדיקע אייזן אַראָפּצוכאַפּן.

נאָך פינף מינוט, אַ האַלבע שעה וועט זי האָבן געוואַרט און אַן עק, מער נישט, אַ סעקונדע אויך נישט. דאָס טוט זי אויך דערפאַר ווייל — ס'איז איר עפּעס אַ מיטלייד אויף זיך גופא, ווייל — די וועלט ווערט איר ענג זי זאָל דאַרפן אַרויס פון טעאַטער, זי ווייס נישט ווו זי זאָל אַנ־הייבן גיין און וואָס זי זאָל אָנהייבן טאָן. האָט זי דאָך פון דער שולע אויס, פון 12 יאָר אָן, ווען זי איז געהאַט אויפגעטרעטן אין אַ קינדער־פאַרשטעלונג און מען האָט געזען ביי איר טעאַטראַלע פעאיקייטן, פון דעמאָלט אָן האָט זי דאָך איר גאַנץ לעבן צוגעבונדן צו דעם מאָמענט, ווען

זי וועט אַריינטרעטן אין אַ טעאַטער. און איצט אַליין, איינע אַליין, קיי־נער ניט געקומען זי זען.

מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ס'איז גוט אַזוי, גוט וואָס ער איז נישט געקומען. זי וואָלט גאָרנישט געוואָלט, אַז ער זאָל זי זען אין אַזאַ צושטאַנד, די אברים אירע פילט זי ווי געליימט, זי וואָלט גאָרנישט געקענט פאַר אים זיך באַווייזן. זי איז געזעסן און זיך מער נישט געוואָלט אומקוקן אין זאַל. דער הוילער טעאַטער, די רייעס ליידיקע שטולן, וואָס האָבן איר ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, האָבן איר עפּעס אָנגעהויבן שרעקן. עפּעס האָט זי אין זיי, אין די ליידיקע שטולן, אָנגעהויבן זען אַן אָנדייטונג אויף זיך, אויף איר נישט דערפאָלג. ליידיקע זאַלן, קיינער קומט נישט אין טעאַטער, אָדער דאָס פּובליקום הייבט זיך אויף און פאַר־לאָזט דעם זאַל, די בענק בלייבן ליידיק.

דער זייגער איז צוגעקראָכן אויף האַלב, אויף האַלב עלף. זי האָט זיך אינסטינקטיוו אַ שטעל אויף געגעבן, ווי זי זאָל האָבן באַקומען אַ ביס, און איז בלינד נאָכגעגאַנגען איר באַשלוס, זי איז אַרויס פון דער טעאַטער־געביידע.

געקומען אויף דער גאַס, דער טאָג איז געווען אַ העלער, אַ זוניקער, און די דאָזיקע זון־נעצן האָבן פּרויען, מענער, יונגוואַרג זיך געשפּרייט הין־און־צוריק. יעדער האָט זיך באַמיט ביי דער אויפרייסנדיקער זון זיך צו ווייזן שענער, עלעגאַנטער, געפּוצטער... נאָר פאַר איר, פאַר זינאַן, איז אַלץ געווען גלייכגילטיק, זי האָט געפילט ווי זי איז עפּעס פאַרשלאָסן, פאַרהאַקט געוואָרן. דער גאַנצער אַרום, די גאַסן, די מענטשן, מיטן הימל איבער זייערע קעפּ, איז אויסגעלאָשן פאַר איר.

זי איז געלאָפן מיט גיכע טריט, שוין אַ היפּשער מרחק פון טעאַטער־בנין. און זי איז מיט איינמאָל שטיין געבליבן, וואוהין לויפט זי? און צו וואָס לויפט זי? און וואָס זאָל זי ווייטער אָנהייבן טאָן? און פאַרוואָס איז זי אייגנטלעך אַנטלאָפן? באַשר דער דירעקטאָר איז נישט געקומען, טאָ איז וואָס? זי וועט גיין צו אים, זי וועט אים אויפזוכן, זי וועט אים בעטן. ס'איז דאָך ביי איר אַ לעבנס־פראַגע. אַ פּאָר מינוט זאָל ער איר שענקען, נישט מער. זי פילט ווי די טרערן שטיקן איר, זי וואָלט זיך צעוויינט, אַזוי צעוויינט, אַז דאָס האַרץ זאָל ביי איר אויפפּלאַצן פון דער קלעם. זי וויל

פאַר אים פאַרלייענען אַ זאַך, אַ זאַך, וואָס האָט אַלעמען געפעלן, וואָס מען האָט איר אַזוי אַפּלאָדירט, אַ זאַך וואָס זי פילט זי אַזוי אין אַלע אי־רע גלידער. און זי איז שנעל צוריק, צוריק צו דעם טעאַטער־בנין. זי וועט פרעגן אין דער קאַסע, וווּ דער דירעקטאָר וווינט, וווּ מען קען אים געפי־נען. זי וועט אים אויפזוכן, זי מוז אים געפינען, און ער וועט איר אַוודאי אויסהערן.

זי איז צו צו אַ שפּיגל פון אַ שויפענצטער. גלייכגעוואָרפן דעם בלאָנדן קאָפּ האָר, נאָכאַמאָל אויפגעפרישט די ליפּן און אין איין אָטעם גע־שפּרייזט.

עס האָט איר באַהערשט אַ נייער גלויבן, מען דאַרף זי נאָר זען, זי דאַרף זיך נאָר באַווייזן. וועלן דען אַלע טירן זיין פאַר איר געשלאָסן? און אויב דער דירעקטאָר איז נישט געקומען? אפשר עפּעס אַ צופאַל, אפשר האָט ער קיין מעגלעכקייטן נישט געהאַט און ער וועט זיך פאַר איר אַנט־שולדיקן. ס'איז דאָך נאָך גאָרנישט נישט פאַרשפּילט, ניין, ניין, זי דאַרף זיך נאָר באַווייזן, מען דאַרף זי נאָר זען.

זי איז צו צו דער טעאַטער־קאַסע און זיך געפרעגט, וווּ דער דירעק־טאָר וווינט, וווּ מען קען אים איצט געפינען.

די קאַסירשע, אַן איבערגעשטאַנענע פריילין, מיט אַ שטאַרק געפּו־דערט פּנים און געפאַרבטע האָר, האָט זי געפרעגט: „איר זייט פריילין זינאַ? דער דירעקטאָר מיטן רעזשיסאָר וואַרטן דאָך אויף אייך, וווּ זייט איר?“.

— 2 —

צוויי מענטשן זענען געזעסן אין די פרימאָרגן־שעהן אין טעאַטער־זאַל, בעת די יונגע שוישפּילערין זינאַ האָט פאַר זיי דאָס ערשטע מאָל עפּעס פאָרגעטראָגן אויף דער סצענע, דער דירעקטאָר פון טעאַטער און דער רעזשיסאָר.

דער ערשטער איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער, מיט אַ פלאַ־טשיק פּנים, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין רינצלען. איבערן הויכן קאָפּ האָט זיך אים, ווי אַן אויסגעפלאָסטערטער העלער שטעג, דורכגעשניטן אַ

פליך צווישן די טונקעלע האָר־אָנגעוווקסן פון ביידע זייטן קאָפּ. אויגן — גראָע, לויפיקע, וואָס האָבן אַלץ אַרומגענומען, אויף אַלעס זיך אָנגע־שטעלט. און דער רעזשיסאָר — אַ הויכער, אַ שטייפער, מיט אַ לאַנג ערנסט פּנים און מיט טיפע כאַראַקטער־שטריכן ביי די מויל־ווינקלען. נאָר די אויגן — שפּאָטישע, חוזק־טרייבנדיקע, וואָס האָבן גאָרנישט געשטימט מיטן ערנסט פון פּנים און האָבן געפירט זייער פאַרשייט לעבן גאַנץ באַ־זונדער.

ביידע זענען זיי געזעסן אין דער צווייטער ריי ווי־זאָ־ווי דער סצע־נע. און זינאַ — אַ לופטיקע, מיט אַ דינער פיגור, וואָס אַ בלאָנדער פּו־לער קאָפּ האָר האָט איבער דער מאָס, ווי אַן אויפגעשפּרייטער פעכער, זיך אַרומגעוואָרפן איבער איר קלאָר לענגלעך פּנים, איז געשטאַנען פאַר זיי אויף דער סצענע.

אויף דער אָפענער ראַמפּע, וווּ זי האָט זיך געפונען, האָט געהערשט אַן אומאָרדענונג. אין אַלע זייטן זענען געווען אַרומגעשטעלט צעוואָרפענע דעקאָראַציעס פון אַ נעכטיקער פאָרשטעלונג, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט אַ וואַנט פון אַ צימער, אַ בוים, אַ פאַפּירענעם וואַזאָן. שטריק, פאַפּירן, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבערן דיל. און אַן איינציק עלעקטריש לעמפּל האָט פון ערגעץ אין דער הויך געוואָרפן אַ קאַרגן שיין. פונדעסטוועגן איז עפּעס די געשטאַלט פון זינאַ אויפגעגאַנגען פון דער סצענע אַזוי פאַרביק, אַזוי מיניעטנדיק, ווי אומגעזעענע רעפלעקטאָרן וואָלטן אויף איר זייער שיין געוואָרפן. עפּעס האָט פון דער סצענע געווייעט מיט פרישקייט, מיט אויפמערקזאַמקייט אַרום איר.

זי האָט פאָרגעלייענט אַ נאָוועלע פון מאָפּאַסאַן „מאַדעמואַזעל פי־פי״. איר איז אַזוי נאָענט געווען די ווירדיקע האַנדלונג פון דעם יידיש־פראַנצויזישן מיידל לגבי דעם דייטשישן אָפיציר, וואָס מאָפּאַסאַן שיל־דערט, אַז זי האָט מיטגעלעבט מיט יעדן וואָרט. זי איז אינגאַנצן פאַרזונ־קען געוואָרן אין דעם פאָרטראָגן די נאָוועלע אַזוי, אַז פאַר איר איז פאַר־שוונדן דער זאַל, די צוויי פּערזאָן, וואָס זענען געקומען זי פּרווון, דער געדאַנק, אַז פון דעם אויפטריט איז אָפּהענגיק איר אַריינטריט אין טעאַ־טער. זי האָט זיך נאָר געלאָזט אויף די פליגלען פון וואָרט, געטראָגן זיך, געטראָגן זיך.

פלוצלונג האָט זיך איר בליק אָנגעשטויסן מיטן דירעקטאָר און — דאָס בלוט איז איר פאַרקילט געוואָרן, דער מוט האָט ביי איר געפּלאַצט, ווי אַ פּענכער ביי אַ שטאָך פון אַ נאָדל.

דער דירעקטאָר איז געזעסן און האָט געשמייכלט, די פּעלדלעך אויף זיין פּנים האָבן זיך אַזוי געקנייטשט אין געלעכטער. און דער רעזשיסאָר האָט אים עפּעס געשעפּטשעט אויפן אויער און די אויגן זיינע האָבן אַזוי שפּאָטיש געקוקט צו דער סצענע.

זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי זאָל טאָן? איבעררייסן דאָס לייענען? אַראָפּ פון דער סצענע? אַנטלויפן פון טעאַטער?

זי האָט ווייטער געלייענט, בלויז די ווערטער געזאָגט, וואָס זי האָט זיי געהאַט איינגעחזרט אין זכרון. אָבער אָן גלויבן אין דערפאָלג. אָן פלאַטער פון אַ האָפענונג, אָן ציטער און אָן פאַרב. געזאָגט זיי ווייל — זי האָט שוין געוואָלט פאַרענדיקן.

פאַרענדיקט לייענען, איז זי געבליבן שטיין אויף דער סצענע, ווי זי וואָלט עפּעס אַ משא געווען, וואָס מען האָט עס דאָ אַוועקגעשטעלט, זיך נישט געקענט רירן, נישט געוווּסט, וואָס זי זאָל טאָן.

דער דירעקטאָר, קוים פּאַטשנדיק מיט די הענט, האָט איר אַפּלאָדירט און געזאָגט: — גוט. דער סוף איז געווען שוואַכער.

דער רעזשיסאָר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, איז מיט איר גע־פאָרן אין דער ברייט, ווי ער וואָלט אַ ליניע געלייגט מיט איר און האָט צו איר געזאָגט:

— אַנו, פריילין, באַוועגט אייך אַזוי אויף דער סצענע אייניקע מאָל.

זי האָט אָנגעהויבן גיין אונטער זיינע בליקן, ווי געשמיסן אונטער בייטשן. די פיס, האָט זי געפילט, באַוועגן זיך איר בלויז צוליב דעם באַ־פעל, וואָס זי האָט באַקומען, נישט מיט איר ווילן גייט זי. און זי איז גע־גאַנגען, געשפּרייזט ביז דער לענג פון דער סצענע. און, אַז זי האָט זיך אויסגעדרייט צו גיין אין דער פאַרקערטער ריכטונג, האָט זי באַמערקט ווי די בליקן פון די צוויי מענער זענען אָנגעשטעלט אויף ערטער ביי איר, וואָס באַליידיקן זי, בויערן זי דורך און — עפּעס שענדט מען זי, עפּעס אַנטפּלעקט מען זי, עפּעס רייסט מען זיך אַריין אין איר פאַרבאָרגן לעבן. און זי איז געגאַנגען, געגאַנגען מיטן כוח פון באַפעל, מיטן פרעמדן זאָג

פון וואָס עס איז אָפּהענגיק איר עקזיסטענץ, איר טעאַטראַלע אַרבעט, איר גאַנץ לעבן און אויסלעבן זיך. דער קאָפּ האָט זיך איר אָנגעהויבן דרייען, פונקט ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף שווינדל־טרעפּ, ווי זי וואָלט ערגעץ אין אַ תהום אַריין. זי האָט שוין גאָרנישט געוווּסט, געגאַנגען איבער דער סצענע אַהער און אַהין ווי אַן אייביקייט. ס'האָט זיך איר גענומען אויס־דאַכטן, אַז זי וועט זיך שוין גאָרנישט קענען אָפּשטעלן, וועט אַזוי גיין און גיין מיט אַט־אָ דעם פרעמדן כוח באַוויגן.

דער דירעקטאָר האָט צו איר אַ זאָג געטאָן:

— נו, גענוג, פריילין, קומט אַראָפּ.

זי איז צו. זיי האָבן די בליקן אַלע געהאַט אָנגעשטעלט אויף איר, געפּאָרן מיט זיי ווי מיט באַטעריע־לעמפּלעך, ווען מען וויל עפּעס אויפ־לייכטן. דער רעזשיסאָר האָט צו איר געזאָגט מיט צעשפּילטע ליפּן:

— אַ שיינע פיגור ביי אייך, פריילין.

זי האָט זיך אינסטינקטיוו פאַרשלאָסן אין זיך, אַרומגעפּאַנצערט זיך מיטן בליק, אַז ביידע האָבן זיי אָנגעטאָן ערנסטע פּנימער, און דער די־רעקטאָר האָט זיך צו איר אָפיציעל געוואָנדן:

— אַלזאָ, מיטוואָך אין ביוראָ ביי מיר, מיר וועלן דורכרעדן די באַ־דינגונגען, איר בלייבט אין טעאַטער.

זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון איר מויל, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק.

אין דער היים האָבן זי שוין מיט גרויס נייגער אָפּגעוואַרט די מוטער מיט דער יינגערער שוועסטער, און ביי איר אָנקום זי באַוואָרפן מיט פראַגן:

— נו, וואָס, זינאָ, האָסט געפעלן? מען האָט דיך אַנגאַזשירט? בלייבסט אין טעאַטער?

זינאָ איז אַ פאַל געטאָן אויף דער סאָפע, זיך צעשלוכצט און אירע שולטערן האָבן כסדר געצוקט: „יאָ מען האָט מיך אַנגאַזשירט, כ'האָב גע־פעלן, כ'האָב אַ שיינע פיגור, כ'האָב אַ שיינע פיגור".

— 3 —

אין דעם לעצטן אָוונט פאַר איר אויפטריט האָבן פאַר זינאַן די שעהן פון איר מאַרגנדיקן דערשיינען אויף דער סצענע אַזוי לאָקנדיק געוווּקען, עפּעס ווי פּייערן פון אַ נישט דערגרייכטן ברעג.

פון דעם מאָמענט, וואָס איז איר צוגעטיילט געוואָרן אַ ראָל, האָט זי עפּעס געלעבט אין כסדרדיקע פּיבער־צושטאַנדן. אַמאָל איז זי אַזוי לויטער דורכזיכטיק געוואָרן און האָט זיך געזען אין איר ראָל זיכער, מיט גלויבן אין זיך, אין איר טעאַטראַלער אַרבעט. די אַרום טעאַטער: רעזשי־סאָרן, שוישפּילער, טעאַטער־באַזוכער' — אַזוי איידל, ווייך, אַזוי נאָכגי־ביק, וואָס מיט איר טעמפּעראַמענט וועט זי זיי קענען צענעמען, ווי פּייער צענעמט וואַקס. זי וועט מיט זיי שפּילן, מאַכן זיי טרויעריק, מאַכן זיי פריילעך', לויט איר ראָל.

אַמאָל ווידער האָט זיך אַלץ ביי איר געלאָשן, אַ נעפּלדיקייט האָט זי אַרומגענומען. איר וועג אין טעאַטער איז פאַר איר געוואָרן אַזוי פאַרהוילן. און די אַרומיקע — שטרענגע, שטייפע, נישט צום איינבייגן און נישט צום באַהערשן.

דער אָוונט אָבער פאַר איר אַרויסטריט האָט זי אָנגעהויבן איינצוי־מען אין אירע לויפיקע געדאַנקען, אַריינעמען אין זיך, פעסט האַלטן זי אין די אָרעמס פון דער צייט. זי האָט זיך שוין געזען גיין אויף די שעהן פון מעת־לעת, ווי אויף טרעפּ, וואָס וועלן זי פירן ביז — אויף דער סצע־נע. יעדע שעה — אַ טרעפּ נידעריקער.

מאָרגן אין דער צייט, 8 אָוונט, וועט זי שוין זיין אין גרים, וועט שוין שטיין גרייט אַרויס אויף דער סצענע. זי איז געשטאַנען ביי זיך אין צי־מער און געקוקט אויף איר האַנט־זייגערל, געוואָלט דערזען די מינוט, ווען זי וועט דאַרפן דערשיינען. דאָס קליינינקע סעקונדע־ווייזערל אויף איר האַנט־זייגערל האָט זיך שנעל, שנעל באַוויגן, אַזוי אויך איר האַרץ, געצאַפּלט, געקלאַפּט. אין דער באַשטימטער מינוט, לויט ווי זי האָט אויס־גערעכנט, אַז איצט וועט זי דאַרפן אָנהייבן רעדן אויף דער סצענע, האָט זי געפילט ווי איר ווערט ענג אין האַלדז, דאָס בלוט הייבט ביי איר אָן האַסטיקער לויפן, פון דער איבערלעבעניש. אַ מאָמענט האָט זיך פאַר איר

פֿאַרגעשטעלט דער טונקעלער טעאַטער־זאַל, באַקלעפּט אַרום מיט נייגע־ריקע מענטשן־קעפּ, וואָס קוקן אויף איר יעדן באַוועג. און זי האָט שנעל פֿאַרטריבן פֿון זיך דאָס בילד.

עפּעס האָט ער איר דערמאָנט, דער טונקעלער טעאַטער־זאַל מיט די מענטשן באַזעצט, אין דער טונקלקייט פֿון פּאַטום — גליק, דערפֿאָלג, אָדער — פֿאַרקערט.

דער אָוונט, דער היינטיקער, איז איר אייגנטלעך געבליבן זיך אויס־צורוען, אויסצורוען פֿאַר דער פֿאַרשטעלונג נאָך די אָנאויפהערלעכע לעצ־טע פּראָבן, וואָס זי האָט די לעצטע זעקס וואָכן געמאַכט. זי האָט געוואָלט פֿאַרגעסן אין אַלעם, באַקומען צוריק איר אַמאָליקע רו, איר לייכט צע־שפּילטקייט, און נישט געקענט. זי האָט גלייכגעקעמט דעם קאָפּ־האָר, מיט כעס איינגעקנייטשט דעם בלאָנדן קאַרב־האָר אויף איר שטערן, וואָס האָט זיך איר נישט לייכט נאָכגעגעבן, און זי האָט שוין דערזען דערין אַ שלעכטן סימן, געכאַפּט עפּעס אויף זיך און איז אַרויס אין גאַס.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי געזען די גאַס אַזאַ וואַכעדיקע. ביי דעם עלעקטרישן שיין פֿון גאַסן־לאָמפּן, ביי די פֿייערן פֿון די ליכט־שילדן, פֿון די שויפֿענצטער, האָבן שפּאַצירט יונגע פֿאַרלעך, פֿאַרפֿעלקער און גע־ציילטע איינצלנע מענטשן. זיי זענען זיך געגאַנגען אַזוי רואיק, מיט גע־מאָסטענע טריט און זיך באַטראַכט איינער דעם אַנדערן. מאַנכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די שויפֿענצטער, באַטראַכט די פֿאַרשידענע שטאָפֿן, שיך, ביימאַדישע, און לענגער זיך פֿאַרהאַלטן ביי די מעבל־געשעפֿטן. זיך צוגעקוקט צו פֿאַרשידענע מעבל־שטיקער, געחלומט אַוודאי זיך אויפֿצו־פֿרישן די שטיבער. און זי, זינאַ, איז געלאָפֿן מיט איר אומרו איבער דער גאַס. קיין אָרט זיך נישט געפֿונען. איצט, אין אָוונט, האָט זי געטראַכט, שפּילן אייניקע טעאַטערן אין שטאָט, און עס שטייען אַקטיאָרן מיט צאַפּ־לעניש אין די הערצער, פּונקט ווי זי, פֿלאַטערן פֿאַר יעדן אויפֿטריט אויף דער סצענע. און דאָ אין גאַס, אַזאַ רואיקער שפּאַציר.

זי איז געגאַנגען, געגאַנגען אָן אַ ציל און איז נישט ווילנדיק צוגעקו־מען צום טעאַטער, ווו זי דאַרף אויפֿטרעטן.

אויך דאָ, אַרום טעאַטער, איז אויף אַלעם געלעגן אַזאַ פֿאַרדרימלט־קייט, אַזאַ שלעפֿעריקייט. אין טעאַטער, ווייזט אויס, שפּילט שוין דער

צווייטער אַקט. די עלעקטרישע לעמפּלעך פאַרן טעאַטער, וואָס האָבן אָנ־געוויזן דאָס שטיק, וואָס ווערט געשפּילט, זענען איר פאָרגעקומען אַזוי אַלטעגלעך, אַזוי מאָנאָטאָן, זי פילט גישט קיין שום יום־טוב־שטימונג דאָ. אמת, אין טעאַטער גייט שוין אָן אַלטע פאַרשטעלונג, מען שפּילט איר שוין וואָכן לאַנג, שוין אַראָפּ פון איר דער גלאַנץ, די פרישקייט. און דאָך האָט זי עפּעס פאַרדראָסן, אַז זי האָט נישט געזען קיין מענטשן, קיין מאַ־שין, זאָלן וואַרטן אויף וועמען פון די טעאַטער־באַזוכער. פּוסט אַרום. בלויז דער ייד מיט דער געלער באָרד שטייט אין קיאָסק פון גזוז ווי־זאָ־ווי דעם טעאַטער און וואַרט אויף די אַנטראַקטן צו לייזן געלט פאַר געטראַנק.

נאָר מאָרגן, האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, עפּנט זיך אַ ניי בלאַט — אַ פּרעמיערע. און גוט איז, וואָס זי הייבט אָן איר ערשטן אויפטריט אין אַ פּרעמיערע. עפּעס אַ פרישקייט טרעט אַריין אין אַ טעאַטער, אַ פייער־לעכקייט. פון די טעאַטער־באַזוכער, וועלכע גייען אין דעם טעאַטער, קו־מען ווייטער די ערשטע, די וועלכע האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס פאַרן טעאַטער. זיי טוען זיך אָן שענער, יום־טובדיקער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּרעמיערע, און קומען מיט אַ נייער געשפּאַנטקייט. און עס קומען פאַר־שטייער פון דער פּרעסע, רעצענזענטן, און סתם געלאַדענע חשובע געסט. און אָוואַציעס און בלומען. און נאָך דער פּרעמיערע — אַ באַנקעט, רע־דעס, באַגריסונגען, אַפּשאַצונגען, אַזוי האָט זי ליב, אַ פייערלעכקייט. און אַז מען גייט אַרויס פון טעאַטער, שטייען נאָך נייגעריקע באַזוכער און וואַרטן אָפּ דעם באַליבטן אַקטיאָר און מען בראַווירט אים נאָכאַמאָל אויף דער גאַס. און ער, דער אַרטיסט, לויפט האַלב־שיכורלעך פון דערפאָלג ביז צו זיין מאַשין, וואָס פירט אים אַוועק, און די אַפּלאָדיסמענטן באַ־גלייטן אים. אַזוי האָט זי ליב, יום־טוב זאָל זיין אַרום טעאַטער. ציט מען אַרויף די פאָרהאַנג, זאָל מען אין אַלע ווינקעלעך פילן: איצט שפּילט מען טעאַטער, איצט איז דער פאָרהאַנג אָפן — — —

די נאַכט פאַר דער פּרעמיערע האָט זינאַ נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט זיך אויף איר געלעגער געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדע־רער. זי האָט צוגעמאַכט דאָס בוך, וואָס זי האָט געהאַלטן אין לייענען און ווידער געעפנט. צו דער פּרעמיערע איז זי געגאַנגען אַ מידע, אַ נישט אויס־גערוטע, און אַלץ אַרום האָט זי אַזוי שווער געדריקט.

די טענצערין

אַלע האָבן מקנא געווען שמעון מאַלקינען פאַר זיין פרוי. זי איז נאָך יונג געווען, ביי עטלעכע און צוואַנציק, און האָט זייער אימפּאָנירט מיט איר׳ באַוועגלעכער דין געפאָרמטער פיגור. איר פּנים איז קיילעכדיק קלאָר געווען און אַרומגעוואָרפן מיט פאַסמעס שוואַרצע האָר, וואָס האָבן ווי אַ שאָטן געטונקלט דערויף אין אַן אייביקן שפּיל אַרויסגערופן צווישן ליכט און שאָטנדיקייט. און דאָס האָט עפּעס אַ באַזונדערן רייץ געווען, פּונקט ווי די פרוי וואָלט פאַרבאָרגענע, באַזונדערע תענוגים פאַרמאָגט. דערצו איז זי געווען אַ טענצערין מיט אַ נאָמען. אירע געשטאַלטן, פאָלקס־טיפּן און פאַרשידענע כאַראַקטערן, וואָס זי האָט אויסגעטאַנצט, האָבן געהאַט אַ שם, און דער עולם אין זאַל פלעגט שוין אויסרופן און זי נישט לאָזן פון דער סצענע אַראָפּ ביז זי האָט נישט אויסגעפירט דעם אָדער יענעם טאַנץ. און שטענדיק נאָך די קאָנצערטן איז זי אַרומגערינגלט געווען מיט פאַרע־רער און באַקאַנטע, וואָס זענען געווען גליקלעך, אַז זיי האָבן געקענט זי באַגלייטן ביז דער טיר פון איר וווינונג. און אין דער שטיל מקנא געווען דעם מאַן, וואָס ער, דער גליקלעכער, איז דער, וואָס הויזט מיט איר אינ־איינעם.

זעענדיק זי אויף דער סצענע, ווי געשיקט זי קנעט אויס מיט אירע גלידער פאַרשידענע פיגורן און טרעט אויס און טאַנצט און שוועבט, ווי אַ הימליש וועזן, האָט זי ביי בחורים געוועקט זייער פאַנטאַזיע. זי האָט אַרויסגערופן ביי זיי געשטאַלטן, פּרויאַישע, וואָס האָבן אין דמיון זיי אַרומגערינגלט און אָנגעבאָטן זיי אויסטערלישע אַנטציקנדיקע תענוגים. נישט איינער פון די בחורים האָט איר בילד פון אַ זשורנאַל אויסגעשניטן און עס אויף דער וואַנט אויפגעהאַנגען, און ביי חתונה־געהאַטע מענער האָט זי, נאָך זייער איינגעגעסן איינטאָניק לעבן, אַ באַלעבט געפיל אַרויס־

גערופן און זיי פּאַרטראַגן אין זייער יוגנט אַריין, ווען אויך זיי האָבן גע־חלומט, און געהאָפּט אויף אַ שיין לעבן.

נאָר ביי פרויען האָט זי אַרויסגערופן אַ געמישט געפיל. ביי מאַנכע — אַ שטאָלץ, עפּעס אַ צופרידנקייט, וואָס איינע פון זייער מין צייכנט זיך אויס. און ביי אַנדערע, וועלכע האָבן פּרעטענזיעס אויף עפּעס, האָט זי אַ שפּל געפיל דערוועקט. און בעת זיי פלעגן זיצן ביי אירע אויפטריטן אין קאָנצערט־זאַל ביי דער זייט פון זייערע באַגלייטער, האָבן זיי אויס־געמיטן צו באַגעגענען זיך מיט די בליקן פון אַ מאַן, ווער שמועסט פון אַ געליבטן. פּונקט ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען אין עפּעס.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן נאָך אַ קאָנצערט פלעגט מען זען שמעון מאַלקינען מיט זיין פרידע אין די קאַפעען, ווו עס קומט זיך צונויף די קינסטלער־משפּחה. און זיי זענען געווען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע. פרידע איז געגאַנגען אַ צעשפּילטע, אַ באַוועגלעכע, שטענדיק אין אַן אָרי־גינעל היטעלע אויפן שוואַרצן קאָפּ האָר, וואָס האָט מיט אַ ברוינער אָדער מיט אַ גרינער קאָליר זיך אַריינגעשניטן אין דעם שפּיל, וואָס אויף איר פּנים. און דערנעבן דער מאַן, שמעון מאַלקין, אַ הויכער, מיט אַ גלאַטיק ראַזירט פּנים, וואָס האָט זי באַגלייט און געטראָגן די בלומען, וואָס זי פלעגט באַקומען ביים אויפטריט. ביי זייער אָנקום אין קאַפע, איז עפּעס אַ פרישער אינטערעס אויפגעקומען ביי די זיצנדע אַרום די טישלעך, וואָס האָבן זיך שוין שעהן געהאַט אָנגענודעט און אויסגעקראַצט פון אונטער דער ערד עפּעס אַ טעמע אָדער אַ רכילות פאַר זייערע געשפּרעכן. די אויגן אַרום זענען פריש באַלעבט געוואָרן און אַלע האָבן געקוקט אויף דער גע־שיקטער טענצערין און אויף דעם גליקלעכן מאַן מיטן קראַנץ בלומען. פּונקט ווי ער, שמעון מאַלקין, וואָלט די רויטע רויזן פון גן־עדן געבראַכט און זיי אָפּגעריסן פון סאַמע בוים פון גליק.

אַרום זייער טישל איז שטענדיק געווען אַ באַוועגונג. מענער האָבן געצויגן אַהער ווי בינען צו אַ צוקער־בלימל, כאָטש אַ נאַש צו טאָן מיטן אויג פון דעם זיסן פרויען־וועזן. און ביים אַהיימגיין האָבן איר שטענדיק באַקאַנטע און פאַרערער פאַרגעלייגט זייער באַגלייטונג. זי פלעגט שטענדיק פאָרן אַריינגיין אין טויער זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער גאַס, פּונקט ווי אויף דער סצענע צום פּובליקום, און שיקן האַנט־באַוועגונגען צו די

באַגלייטער און זיי, ביי דער שוועל פון גליק, איבערלאָזן אַ שמייכלענדיקע, און צוזאַמען מיט איר מאַן אַריין אין דער וווינונג.

אין דעם צימערל, וווּ זיי האָבן געוווינט, איז דאָס רוב אין די אָוונט־שעהן אַלץ געווען אין אַ צעוואָרפענעם, צעפלויגענעם צושטאַנד. זי פלעגט אַוועק אויפן קאָנצערט אַ צעפּיבערטע, אַ נערוועזע, און אַלץ וואָס איז איר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט איז געשליידערט געוואָרן פון אָרט צו אָרט. פון דער אַטאַמאַן, ווו זי איז שעהן פאַרן אַרויסטריט געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, פאַרזונקען אין זיך, איז זי צו דער באַשטימטער מינוט, ווי פון אַ ביס, אַראָפּ און האָט זיך שוין גענומען גרייטן, שוין אַריין אין אַ פיבער׳. די קאָלדרע אויף דער אַטאַמאַן, מיט די קישעלעך און די אויסגע־שטעלטע פּופּעלעך, זענען געווען צעוואָרפן, ווי אַ שטורעם וואָלט איבער זיי אַריבער׳. אויף די שטולן אַרום זענען געווען אויפגעשפּרייט די קליי־דער און אונטערקליידער, וואָס זי האָט זיי אַרויסגענומען צום אָנמעסטן. פאַרן טרימאַ־שפּיגל זענען אויפן טישעלע געשטאַנען אָפן און האַלב פאַר־שיט שעכטעלעך פּודער, פאַרשידענע קרעמס און שטיפן צו די ליפּן און ברעמען. די בלומען אויפן טיש זענען געשטאַנען שוין האַלב פאַרוועלקטע, אין אַ וואַסער פון אייערנעכטן.

אַז זיי זענען אַריין אין צימער, האָט זי אויף דער שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעלע און עס אויפגעהאָנגען אויף אַ ווענטל פון אַ שטול, אַראָפּגע־צויגן פון זיך דעם קאָסטיום, די הענט פאַרפלאָכטן אונטערן נאַקן און זיך אַזוי געלענגערט, רעדנדיק בעת מעשה צום מאַן: „אַך, שמעון, ווי מיד איך בין פון אַלעם, ווי מיד. זאָלסט מיך לאָזן אין אַבסאָלוטער רו׳, איך וויל פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט״. און האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער אַטאַמאַן, אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט, די קאָלדרע פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ און — ווי זי וואָלט פאַרשווונדן פון צימער.

שמעון מאַלקין, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ באַנק און האָט געדאַרפט אויפשטיין צו אַ באַשטימטער אַרבעטס־שעה, האָט זיך געוואָרפן מיט דער דעה, צי ער זאָל נאָך האַלבער נאַכט זיך אַוועקלייגן שלאָפן אָדער אַביסל צוקלייבן אין צימער, מחמת ס׳איז ממש נישט מעגלעך געווען אַריבער די שוועל. און דאָס געפיל פון ריינקייט, וואָס ער האָט פון דער היים מיט־געטראָגן, האָט גובר געווען, און אין די שפּעטע נאַכט־שעהן האָט ער אַלץ

אַרומגעהאָנגען, גלייכגעשטעלט, אָפּגעשטויבט. די פרישע בלומען אַוועק־געשטעלט אויפן טיש. און אין דער שטילער פאַרזונקנקייט פון צימער, זיך אַוועקגעלייגט אויף געציילטע שעהן שלאָפן.

אויפגעכאַפּט זיך אינדערפרי לוי'טן קלאַנג פון וועק־זייגער, איז פרי־דע שוין געשטאַנען אין ספּאָרט־קאָסטיום און האָט זיך טרענירט. זי איז געשפּרונגען, געבראָכן די גלעלנקען פון די הענט און פיס, פּונקט ווי אַ טיר, וואָס ווערט אויף און צוגעמאַכט אויף זאַוויעסעס. זי האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „איך בין אויסגעצייכנט געשטימט, שמעון, עס ווילט זיך מיר שטאַרק אַרבעטן, נאָר שטער מיר נישט". און זי איז אַריין אין אַזאַ צעפּיבערטקייט, געהויבן זיך ביז צום בעליק, געגאַנגען אויף די הענט און זיך איבערגעוואָרפן, ווי אַ פיש אין וואַסער.

שמעון האָט זיך שטיל אַרויסגעגנבעט פון צימער און איבערן וועג אַריין אין אַ קאַפע עפּעס צו טרינקען אויפן ניכטערן מאָגן.

ביים אַהיימגיין אויף מיטאָג, צוקומענדיק צום טויער, איז אים דאָס האַרץ געוואָרן אומרואיק. ער האָט קיינמאָל נישט געקענט פאָראויסזען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער וועט טרעפן פרידען. ער האָט מיט פאַר־זיכט אויפגעשלאָסן די טיר, געעפנט אַ שפּעלטעלע און פרידאַ, דערזעענ־דיק אים, האָט צו אים צוגעטאַנצט אויף די שפּיץ־פינגער און פאַר אים געבליבן שטיין.

— שמעוניו, איך האָב היינט גאָרנישט געקאָכט, ס'האָט זיך מיר אַ גאַנצן טאָג אויסגעצייכנט געאַרבעט.

— אָבער פרידאַ, אום גאָטעס ווילן, ס'איז דאָך אַ שטוב. מען דאַרף דאָך לעבן, מען גייט דאָך איין.

— איך ווייס, דו האָסט נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר מיר. דאָס גאַנצע פאַמיליען־לעבן איז אַ קייט אויף מיינע הענט און פיס.

— אָבער מען דאַרף דאָך פליכטן אויך עפּעס האָבן, איך בין דאָך אַ מאַן.

— און אַז אַ מאַן, איז וואָס? מיינסט, אַז איך בין אַן אָפן טויער, ווו מען קען אַריינגיין און אַרויסגיין, ווען עס גלוסט זיך? און זי האָט זיך צעוויינט, אַוועקגעלייגט זיך אויפן אַטאָמאַן מיטן פּנים אין קישן און גע־בליבן ליגן ווי אַ נישט לעבעדיקע זאַך.

שמעון מאַלקין האָט שוין געוווסט, אַז ס'איז גלייכער אין אַזאַ צייט זי צו לאָזן אין מנוחה. ער איז אַרויס, געכאַפּט עפּעס איבערן וועג אין מויל אַריין און געגאַנגען אין באַנק צום צווייטן האַלבן טאָג אַרבעט.

זעקס אַזייגער, ווען שמעון האָט פאַרענדיקט די אַרבעט אין באַנק, האָט ער געאײַלט שנעל אַהיים. ער ווייס, אַז פרידאַ גרייט זיך שוין דער־מאָלט צום קאָנצערט. זי איז זייער אומרואיק פאַר יעדן אויפטריט און אַלץ פליט און שפּרינגט אונטער אירע הענט. ער באַמיט זיך איר אַלץ נאָכקו־מען, זי נישט אַרויסצוברענגען פון גלייכגילט פאַרן קאָנצערט. ער נעמט איר טשעמאָדאַנטשיקל מיט די קאָסטיומען און שמינקעס און פאָרט מיט איר צו צום קאָנצערט־זאַל.

און נאָכן קאָנצערט — אַ שפּאַציר מיט פרידען איבער די קאַפעען, וווּ די קינסטלער קומען זיך צונויף. פרידע איז אין געזעלשאַפט שטענדיק אויפגעלייגט, פריילעך, וויציק. און ער, שמעון מאַלקין, טראָגט נאָך די בלומען פון איר דערפאָלג. און אַלע אַרום קוקן מיט קנאה אויף דעם אייג־ציק אויסדערוויילטן מאַן אירן, און זיי קענען זיך נישט שיידן פון דעם פאָרפאָלק און פירן זיי צו ביז זייער וווינונג, ביז צו דער שוועל פון זייער גליקלעכן נעסט.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטירלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — העַנעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פּאַנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אַשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פּאַנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פּאַנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**
90) **ז. י. אנכי** — ר' אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געוויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**
99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**
105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאַרעמט מיטן ווינט **(היסטאָרישער ראָמאַן)**
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**
114) **פנחס שטיינוואַקס** — יידן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס וויינרייך** — פוןביידע זייטן פּלויט
117) **אליעזר וויזל** — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
יוסף אַקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע

עס גרייט זיך צום דרוק:

אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאָלעס צייטן (ראָמאַן)
פנחס וועלנער — דערציילונגען
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

פרעסע־אָפּרופן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע יידנטום

מרדכי יפה שרייבט וועגן מאַרק טורקאָוו „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" („לעבנספראַגן", נומער 46־47, תל־אביב, אַפּריל־מאַי 1955 און „דבר", תל־אביב, 15טער אַפּריל 1955).

פיר ברידער זענען זיי, די טורקאָווס: מאַרק, זיגמונט, יאָנאַס און יצחק, אַ גאָט־געבענטשטער פירלינג — קינסטלער־אַקטיאָרן און אויך שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער. יעדער איינציקער פון זיי האָט זיך אויסגעצייכנט אין געביט פון טעאַטער ווי שוישפּילער, רעזשיסאָרן און באַנייער פון יידישער טעאַטראַלישער קונסט.

דאָ וויל איך באַהאַנדלען איינעם פון זיי — מאַרק טורקאָוון — וואָס האָט זיך שפּעטער באַזונדער אויסגעצייכנט ווי אַ ליטעראַטור־ און קולטור־אונטערנעמער און דורכפירער. ער דאַרף גענומען ווערן ווי אַ מוסטער פון אידעאַליסט און פּראַקטיקער, וואָס איז ביי אונדז אַ זעלטנקייט. דהיינו: ער איז געווען אין אַרגענטינע דער גרינדער, רעדאַקטאָר און לעבעדיקער גייסט פון אַ פאַרלאַנג וואָס האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אַ שלל ביכער פון דער סעריע „דאָס פוילישע יידנטום". דער דאָזיקער פאַרלאַג — וואָס איז ממש אַ וווּנדער, אַ נס — האָט זיך געהאַלטן און האַלט זיך עד היום אויף די פּלייצעס פון צוויי מענטשן: מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג ווי דער פאַרלאַגס־לייטער. ס'איז נאָך ביי אונדז נישט געווען אַזאַ דערשיינונג — בפרט אין די לעצטע יאָרן פון ירידה — ווי צוויי כלל נישט פאַרמעגלעכע מענטשן האָבן אויפגעבויט אַ גראַנדיעזע קולטור־ און ליטעראַטור־אינסטיטוציע, אַ פאַרלאַג, וואָס האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן אַריבער הונדערט ביכער. דאָ זענען פאַראַן צוויי גרויסע עובדהס: דער אַקטועלער און קאָנסטרוקטיווער ציל פון כינוס, פון פאַרפיקסירן די באַזונדער מהותיקע תקופה פון פוילישן יידנטום אין זיין ספּעציפיש יידישן, פילזייטיקן פאַרנעם פון ליטעראַטור, קולטור, געשיכטע וכדומה — ווי אויך אויסנוצן די שפע מאַטעריאַלן פון שרייבער, כראָניקער, עדות, פאַרטיזאַנען און פאָרשער פאַר דער געשיכטע פון אונדזער גרויסער קאַטאַסטראָפע. נישט אַלע ביכער זענען אין די ראַמען פון עכטער ליטעראַטור — אָבער כמעט אַלע ביכער זענען אין די ראַמען פון דעם הויפּט־ציל: באַלויכטן די גרויסע תקופה פון פוילישן יידנטום אין זיין אויפשטייג און די פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין טראַגישן אונטערגאַנג.

די דריי ברידער: מאַרק, זיגמונט

און יאַנאָס, האָבן זיך ביז איצט באַ־טייליקט אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג, וואָס ווערט געשטיצט דורכן צענ־טראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, מיט אַ צאָל מהותיקע ביכער. דאָס זענען בעיקר געווען זכרו־נות וועגן דעם גרויסן יידישן צענ־טער וואַרשע, וועגן דעם גלאָררייכן עבר און טראַגישן אונטערגאַנג פון אַ דור. זון און שאָטן, דער אויפקום און אומקום פון פוילישן יידנטום, איז ביי זיי פאַרפיקסירט דורך מע־מואַרן, וואָס האָבן נישט בלויז אַ קולטור־געשיכטלעכן נאָר אויך קינסט־לערישן ווערט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער בראשית און דער סיום צו אַ נייעם בראשית פון דעם דאָזיקן פאַר־לאַג, איז געווען פון מאַרק טורקאָוון. דער פאַרלאַג האָט זיך אָנגעהויבן מיט טורקאָווס בוך „מלכה אָוושאַני דער־ציילט...״ און אַרויסגעקענטיקט זיך אין אַ סך־הכל פון הונדערט ביכער, מיט דעם הונדערטסטן בוך פון זיין אָנהייבער און שטענדיקן רעדאַקטאָר א. נ. „די לעצטע פון אַ גרויסן דור״ (בוענאָס איירעס, 1954).

אינעם בוך זענען אַריין מעמואַרן, וואָס זענען באַזירט אויף געשיכטלע־כע עפּיזאָדן און פּערזענלעכע זכרו־נות וועגן יידישע משפחות אין פּוילן. הייסט עס, אַז זיי זענען אויטענטיש סיי דורך גוט קאָנטראָלירטער גע־שיכטלעכער דאָקומענטאַציע און סיי דורך דער גבית־עדות, דורך דעם פּער־זענלעכן — אַמאָל אַפילו גאָר אינטי־מען — קאָנטאַקט און דערפאַרונג פון דעם מחבר מיט די פּערזאָנען און ענינים וואָס ער באַהאַנדלט. דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז קיין שום פּרט, וואָס ווערט געבראַכט אין בוך האָט נישט אין זיך קיין שמץ פון סברה; איז נישט, ווי עס טרעפט לגבי זכרו־נות, „אויסגעזויגן פון פינגער״ לשם מליצה אָדער דעקאָראַציע, — נאָר איז געשטיצט אויף באַשיימפּערלע־כע פאַקטן און אויף דעם גוטן זכרון פון דעם אחריותדיקן מחבר. וואָרעם מאַרק טורקאָוו האָט געהאַט די זכיה און די מעגלעכקייט צו זיין, בימים ההם, אין צענטער פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וואַרשע, סיי ווי אַן עסקן און סיי ווי אַ זשור־נאַליסט. דערצו האָט ער די פעאי־קייט, דאָס וויסן און געוויסן צו סינ־טעזירן פאַקטן און זכרונות, אַז זיי זאָלן באַלאַנסירן, זיי זאָלן געבן אַ גע־נוי בילד פון אַ תקופה, וווּ ס׳פיגו־רירן פּערזענלעכקייטן און מעשים.

דער אופן פון דערציילן און שיל־דערן איז נישט באַפּליטערט מיט פראַזן און סתם הויכע ווערטער. עס איז נישט קיין פיקציע נאָר מאַטע־ריאַל פאַר געשיכטע. אמת, אַמאָל דאַכט זיך, אַז דער מחבר האָט אין זיין דערציילן אָפּגעווייכט פון דער טעמע; אַז ער האָט דעם מעמואַריס־טיש וואָרעמען שטראָם פאַרלעבלעכט מיט „טרוקענע״ געשיכטלעך־ביאָ־גראַפישע פּרטים; אַז ער האָט זיינע אייגענע אינטערעסאַנטע זכרונות דורכגעפלאָכטן מיט היפּשע אויסצוגן פון דעם, וואָס אַנדערע האָבן וועגן דעם ענין געזאָגט און געשריבן — צוליב דעם, וואָס אים גופא האָט אויסגעפעלט מאַטעריאַל. פון דער צווייטער זייט, דאַכט זיך, אַז ער האָט טייל פּערזאָנען צופיל אידעאַ־

ליזירט; ער האָט אין זיי געפונען צו־
פיל זכות. אָבער די דאָזיקע ספקות
טוען זיך אָפּ אין פּראָצעס פון באַ־
קענען זיך מיטן גאַנצן גאַנג פון דער
שילדערונג ־ דערציילערישקייט, ווען
מען באַקומט דעם סך־הכלדיקן איינ־
דרוק פון איטלעכן קאַפּיטל באַזונ־
דער און פון גאַנצן בוך בכלל. עס זע־
נען דאָ נישטאָ קיין סתם אָפּווייכן ווי
אויך נישט קיין שמץ פון גוזמא אין
שילדערן די „העלדן" פון דער עפּאָ־
פּייע „די לעצטע פון אַ גרויסן דור".
אַדרבא, עס פילט זיך די אָביעקטיוו־
קייט פון אַ געניטן זשורנאַליסט, ביי
וועמען די סוביעקטיווע איינדרוקן
און מיינונגען גיבן נאָר צו האפט און
אמת צו די אַמאָל נישט גאָר זיכערע
פאַקטן.

מ'דאַרף זיך רעכענען מיט דעם, אַז
אידעאָלאָגיש און סאָציאַל איז דער
מחבר גאָר ווייט געווען פון טייל
שטיינרייכע אַסימילירטע יידן, וואָס
ער גיט וועגן זיי גאַנצע מאָנאָגראַ־
פיעס. אָבער דאָס האַלט אים נישט
אָפּ צו אָנערקענען זייער גרויסע, אין
אַ היפּשער מאָס אַפילו קאָנסטרוק־
טיווע, ראָל אין יידישן לעבן. דאָ
גילט ביי אים חוץ דער סענטימענט
פאַר די פאַרשידנסטע פאָרשטייער
פון פּוילישן יידנטום, אויך זיין גע־
פיל פון יושר און זיין איבערצייגונג,
אַז אַפילו די אייגערס, די וואַוואַל־
בערגס, די טעפּליצעס און די בערג־
מאַנס, וואָס זענען אין פלוג געווען
אָפּגעפרעמדטע, זענען בעצם געווען
וויכטיקע פאַקטאָרן פון יידישן לעבן.
ווען ער האָט זיי געשילדערט האָט
ער נישט געטייטלט אויף זיי מיט די
פינגער, אַז זיי זענען געווען פאַררע־
טער, משומדים צו להכעיס, גראָבע
געלט־זעק, עקספּלואַטאַטאָרס — נאָר,
אדרבא, ער האָט גאָר באַוויזן דעם
כוח פון זייער פערזענלעכקייט און
פון זייערע מעשים, ווי ער וואָלט
דערמיט געוואָלט זאָגן: זעט נאָר דעם
גרויסן דור פון די פּוילישע יידן, וואָס
צוזאַמען מיט די דאַווידזאָנס, שע־
רעשעווסקיס, צייטלינס און זיידנ־
ביטלס האָבן פיגורירט און אויפגע־
טאָן די אַסימילירטע יידן; און די
דאָרטיקע מיליאָנערן זענען נאָר אַנ־
דערש געווען ווי די יידישע מיליאָ־
נערן אין אַנדערע לענדער — זיי
האָבן פאַרמאָגט האַרץ און נשמה...

דאָס בוך האָט אין זיך אַכט מאָנאָ־
גראַפיעס וועגן יידישע משפחות, וואָס
האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין
דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום
אין משך פון אַ הונדערט און פופציק
יאָר. די לעצטע פאָרשטייער פון די
דינאַסטיעס זענען געשטאָרבן מיטן
נאַטירלעכן טויט, חוץ אלחנן צייט־
לין און די צוויי ברידער זיידנבייטל,
וואָס זענען אומגעקומען אין דער לעצ־
טער קאַטאַסטראָפע. דער מחבר שיל־
דערט דעם אויפקום, אַנטוויקלונג און
אונטערגאַנג פון די דאָזיקע משפחות,
וואָס דורך דעם קענטיקט זיך אַרויס
דאָס אַלגעמיינע בילד פון דעם גייס־
טיקן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן
לעבן אין פּוילן אין די לעצטע דריי־
פיר תקופות.

דאָ ווערט דערציילט וועגן דער
משפּחה א יי ג ע ר, וואָס האָט
געשטאַמט פון דעם גאון ר' עקיבא
אייגער, האָט זיך אָנגעהויבן מיטן
לובלינער רבין ר' לייבעלע און האָט
אַרויסגעגעבן דריי ברידער: יוליוש,

בראַניסלאַוו און באַלעסלאַוו, וואָס זענען געווען די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער יידיש־פּוילישער אַסימילאַציע אין וואַרשע; וועגן דער משפחה ד אַ ו י ד ז אָ ן, ווו די הויפּט־פיגורן זענען געווען: ר׳ חיים, דער פאַקטישער מנהיג הדור, זיין זון ר׳ נפתלי, זיין זון ר׳ לייביש, איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין אַלע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע יידישע קערפּערשאַפטן, אַ פילאַנטראָפּ און קעמפער קעגן אַסימילאַציע; און די צוויי זין פון ר׳ לייביש ד״ר נח און ד״ר יוסף, וואָס האָבן געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. בפרט איז דאָ אַרויסגעבראַכט די פיגור פון דעם פּאָפּולערן עסקן נח, דער פּיאָנער פון פּוילישן ציוניזם און גלייכצייטיק דער קעמפער פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור. זייער קורץ, שיין אָבער דערנאָך טראַגיש לעבן, איז דאָ זייער קאָלירפול און רירנדיק געשילדערט.

עס ווערט דערציילט וועגן דער משפחה ט ע פּ ל י ץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ ר׳ טעוועלע, אַ צענטראַלע געשטאַלט אין דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, זיך געצויגן דורך זיין נאָכפאָלגער, דעם אַסימילאַטאָרישן טוער, דעם באַנקיר הענריק ט. און דעם אידעאָלאָג פון פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) טעאָדאָר ט.; וועגן דער משפחה וו אַ ו ו ע ל ב ע ר ג, ווו אַלע דריי דורות האָבן געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן. בפרט האָט זיך אַרויסגעקענטיקט היפּאָליט וו., וואָס האָט דורך זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט געוואָלט באַלאַנסירן זיין פּוילישקייט און יידישקייט. עס ווערט דערציילט וועגן דער משפחה ש ע ר ע ש ע ו ו ס ק י, ווו די קאָלירפולע פיגור איז געווען דער באַנקיר (מיליאָנער בלע״ז), געזעלשאַפטלעכער טוער און סענאַטאָר רפאל ש., וואָס איז געווען ממש אַ געניאַלער פינאַנסיסט און פון דער צווייטער זייט גלייכצייטיק איז ער געווען „אַ נאָמען און אַן אַדרעס נישט בלויז פאַר די פּוילישע יידן גופא, נאָר טאַקע פאַר יידן אין דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן צוטרוי צום „באַנקיר פון דעם פּוילישן יידנטום"; וועגן דער מ ש פּ ח ה ב ר ע ג מ אַ ן, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ ר׳ לייזער, גייט דורך אַ ר׳ שבתי, וואָס האָט זיך דערנאָך פאַרוואַנדלט אין אַ... סעבאַסטיאַן, וואָס איז געווען טעטיק אין דער וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג אַלס דאָזאָר און דערנאָך ראש הקהל אין משך פון 25 יאָר (דער לעצטער ראש הקהל פון דער אַסימילאַטאָרישער תקופה), — און דערגרייכט ביז ד״ר לודוויק און זיין זון לעאָן, וואָס זענען געווען די קעמפער פון דער אַסימילאַציע צווישן יידן.

דערנאָך קומט אַן אָפּנויג פון מיליאָנערן, אַסימילאַטאָרן, פילאַנטראָפּן וכדומה און עס ווערט דערציילט די געשיכטע פון דער משפחה זיידנביטל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן באַדייטנדיקע קינסטלער, מאָלער און סקולפּטאָרן — די פיר ברידער: יוסף (דער באַדייטנדיקסטער אין דעם דאָזיקן געביט), הערש און דער צווילינג

מנשה און אפרים. צום סוף קומט אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער משפחה פון הלל צייטלין, וווּ עס ווערט באַזונדער געשילדערט דער באַגאַבטער זשורנאַליסט, פּאָעט און געזעלשאַפטלעכער טוער אלחנן צ., וואָס איז כמעט מיט דער גאַנצער משפחה צייטלין פאַרשניטן געוואָרן פון לעבן.

הכלל, מיר האָבן דאַ אַ קאָלירפולע גאַלעריע פון „די לעצטע פון אַ גרויסן דור", וואָס ווערט דורך מאַרק טורקאָוו אַרויסגעבראַכט מיט גרויס וויסן און געוויסן, דורך זאַכלעכע געשיכטלעכע פאַקטן, פאַרשטענדעניש און אויך רירנדיקער, כמעט אינטימער, באַציאונג צו טייל פאַרשטייער פון אָט דעם לעצטן גרויסן דור.

י. האָרן שרייבט אין זיין אַרטיקל א. נ. „פּאָליטישע זכרונות פון אַ שטורמישער צייט" וועגן דעם בוך פון פּ. מינץ „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע" („די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 28סטער דעצעמבער 1954):

שוין אַ לענגערע צייט איז נישט דערשינען אין יידיש אַ בוך פּאָליטישע זכרונות, ווי עס איז פּ. מינצס „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע", וואָס איז נאָר־וואָס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין היגן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום". דאָס זענען זכרונות פון זייער אַ שטורמישער צייט אין דער וועלט — וועגן צוואַנציק יאָר קאָמוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן.

אין 1918 איז פאָרגעקומען איר גרינדונג און אין 1938 איז די פּאַרטיי אויפגעלייזט געוואָרן ווייל זי איז פון אינעווייניק צעפרעסן געוואָרן.

אַזוי האָט געפּסקנט די אָנפירונג פון קאָמינטערן און קיינער פון די אָנפירער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דעם פּסקדין נישט געקאָנט אָפּשרייען.

און געשריבן האָט דאָס בוך: „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע", איינער, וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם אויפבלי און דעם באַרג־אַראָפּ פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג — אויף די סאַמע הויפּט־ליניעס פונעם פראָנט — אַ מענטש, וואָס האָט נישט בלויז געזען די פייערן, נאָר זיך אויך געברענט אין זיי און געהאָלפן צינדן די קאָמוניסטישע פייערן אין פּוילן, ביז ער איז געוואָרן אויס. ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ טיפן אומרו און צווייפל און האָט איבערגעריסן מיטן קאָמוניזם און שפּעטער אָנגעהויבן קעמפן קעגן קאָמוניזם און דיקטאַטור.

פּאָליטישע זכרונות זענען פאַראַנען צווייערליי: די ערשטע — שרייבט אַן אָנפירער פון אַ באַוועגונג, וואָס איז געזעסן אין אויסלאַנד און אין זיין רואיקייט רעכנט ער זיך אַפילו אויך אָפּ מיט וועמען ער וויל. און פאַראַן פּאָליטישע זכרונות, וואָס ווערן געשריבן פון אַ ביז גאָר אַקטיוון טוער, וואָס באַשפּייט נישט זיין נעכטן, ווייל דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון העכסטן אידעאַליזם פון

איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן אין משך פון יאָרן און יאָרן. איינער פון זיי איז דער מחבר פּ. מינץ, אַלעקסאַנדער.

עטלעכע איבערלעבונגען וועגן קאָמוניזם אין אַנדערע לענדער אין דער וועלט ווי פּ. מינץ אין פּוילן, האָבן געשריבן קראָסמאַן, איגנאַסיאָ סילאָנע, אַרטור קעסטלער, איסאַק דייטשער און אַנדערע.

די 20 יאָר קאָמוניסטישע באַוועגונג, וועגן וועלכע פּ. מינץ דערציילט, האָבן דאָך אויפגערודערט שיעור נישט די גאַנצע וועלט און גאַנץ באַזונדערס פּוילן, וואָס גרעניצט זיך ווי באַוווסט מיט רוסלאַנד. אין פּוילן איז די נויט געווען זייער גרויס און די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט האָט מוראדיק געשטיקט. די געשאַפענע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך דעריבער פעסט פאַרמאָסטן. זי האָט געשפּאָלטן די אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, געפירט אַקציעס און אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע צווישן פּויערטום.

אין 1920, ווען די סאָוועטישע אַרמיי איז געגאַנגען אויף פּוילן האָט סאָוועט־רוסלאַנד געהאָפט, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג וועט אויפנעמען די רויטע אַרמיי מיט אָפענע אָרעמס און זיך נישט געריכט אויף דעם דורכפאַל וואָס זי האָט געהאַט. האָט דאָך מאָסקווע, אין יענער צייט, שוין אַפילו געהאַט באַשטימט ווער עס זאָל רעגירן אין פּוילן.

אין יענע האַרבסט־טעג אין פּוילן, האָט מען אויך אויסגעקלערט, אַז נישט ווייט פון דער שטאָט שעדלעץ האָט שוין געוואַרט קאַרל ראַדעק, כדי צו ווערן דער הויפּט־אָנפירער.

יאָ, עס דערמאָנט זיך יענע שטורמישע צייט, ווען יוגנט איז מיטגעלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי און וויפל רדיפות און פּראָצעסן עס איז געקומען נאָך דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט געמוזט אַוועק.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אין פּוילן געווען אומלעגאַל און פאַר יעדער אַקטיוויטעט האָט מען באַצאָלט מיט לאַנגע יאָרן תפיסה.

טויזנטער און צענדליקער טויזנטער האָבן אָנגעפילט די תפיסות אין פּוילן, מיט דער האָפענונג אַז מיטן אָנשפּאַר אויף רוסלאַנד וועט פּוילן רעוואָלוציאָניזירט ווערן און זיי וועלן נעמען די מאַכט אין זייערע הענט. עס איז אויפגעגאַנגען די קאָמוניסטישע באַוועגונג, צוגעצויגן צו זיך מאַסן אויף דער נישט־יידישער און יידישער גאַס, געפירט אַקציעס, שטרייקן, געהאַלטן רעדעס אין סיים, אין די שטאָט־ראַטן, געשפּאָלטן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, געפירט ברידער־קאַמפן און נאָך, און נאָך.

וואָס די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן האָבן אָבער נישט געזען און אַוודאי נישט די מאַסן איז, אַז זייער גורל ליגט נישט אין זייערע הענט און אַפילו נישט אין דער אָנפירונג פון זייער פּאַרטיי. מאָסקווע, דער קאָמינטערן, האָט דעצידירט און באַפוילן ווער עס זאָל די אַרבעט אין פּוילן פירן און וואָס עס זאָל געטאָן ווערן.

וועגן דעם אַלעם דערציילט זייער קלאָר פּ. מינץ אין זיין בוך „די גע־

שיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע״, וואָס האַלט 356 זייטן.

געפינען פאַר אָט דער שטורמישער צייט, מיט אירע ברענענדיקע פאָליטישע פראָבלעמען, די רו איבערצוגעבן, איז גאָרנישט לייכט. בערג מיט געשעענישן בעטן זיך צו פאַרצייכענען; מ׳דאַרף דעריבער וויסן וואָס נישט צו נעמען. באַזונדערס מוז דער טאָן פאַר אַזאַ דראַמאַטישער צייט, ווו אַלץ אַרום איז פול מיט פאָליטיק פון וועלט־פאַרנעם, זיין עכט. פ. מינץ האָט געהאַט גובר צו זיין אַ סך שוועריקייטן און ער איז זיי בייגעקומען: ער שרייבט קלאָר און גיט איבער דאָס אינטערעסאַנטסטע וואָס ער האָט מיטגעמאַכט.

זאָל ביי דער געלעגנהייט אויך דערמאָנט ווערן, אַז הגם ער איז געווען ביי דער אָנפירונג אַ ריי יאָרן, און פאַרנומען גאָר הויכע אַמטן, שרייבט ער וועגן זיך זייער געצוימט און וואָס ווייזט דעם מענטש אינעם מחבר.

פ. מינץ צוזאַמען מיט נאָך, זענען געהאַט געווען פון בונד, ווען דער בונד האָט נישט געוואָלט אָנגעמען די 21 איינטריטס־באַדינגונגען אָנגענומען צו ווערן אינעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָבן אָבער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג געצויגן צו רעכט פאַר יידישער אַרבעט, געשטיצט אויף אַ געוויסן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויטאָנאָמיזם.

די פוילישע קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט זיך אָבער פעסט אָנגעהאַלטן אין דער שטעלונג פון לענינען און אין דעם, וואָס ראָזאַ לוקסעמבורג האָט געזאָגט, אַז „יידן זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ שפּראַך־גרופּע״.

שפּעטער דערציילט דער מחבר וועגן זיינע צוזאַמענטרעפן מיט ירחמיאל וויינשטיין נאָך דער מינסקער קאָנפערענץ פון „קאָם־בונד״ און בכלל גענומען גיט ער איבער פון די וויכטיקסטע שמועסן זיינע אין מאָסקווע מיט אַ ריי אָנפירער וועגן תוך־פראַגן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט, וואָס זענען באַלערנדיק.

דער מחבר איז אַ פּאָר מאָל געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד, געשיקט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן און ער האָט דאָרטן פיל געזען, געהערט און געלערנט.

דעם ערשטן באַזוך אין רוסלאַנד, איז אים אויסגעקומען בעת דעם קראָנשטאַטער אויפשטאַנד און ביים צענטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פאַרטיי.

שילדערט ער מאָסקווע און לענינגראַד אין יענער צייט. ער דערציילט וועגן אַ פאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פון „דריטן אינטערנאַציאָנאַל״, פון ראַזאַנאָווס אַ רעדע אין שייכות מיט 50 יאָר פאַריזער קאָמונע. ווייטער קומען שטיקער לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד פון יענע יאָרן, וואָס פאַרכאַפן ווי אַ שפאַנענדיקער ראָמאַן. ער שילדערט די צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פוילן, וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן נעבן מאָסקווע. די פאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנהייט, צוזאַמענטרעפן מיט די פוילישע פאַרטרעטער פונעם קאָמינטערן, וואָס זענען געווען די ספּעצן איבער פוילישע פראָבלעמען. קאַמפן

אין דער אוקראַינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיינע פּאָליטישע רייזעס קיין בערלין, מאָסקווע אין 1921 און 1927; צוזאַמענטרעפן מיט טורמע־חברים וואָס זענען אַוועק אין סאָוועט־רוסלאַנד און געוואָרן נישט מער ווי פּשוטע מלוכה־באַאַמטע...

דער מחבר האָט געזען די נייע סאָוועטישע ווירקלעכקייט, אויפגאַנג פון אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס אין דער אָנפירונג אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד, פּוילן און אַלע אַנדערע לענדער. עס הערשט נאָך דעמאָלט צו ביסלעך פרייהייט, הגם עס זענען שוין אָנפירער צוריקגעצויגן און אַראָפּגעזעצט געוואָרן. סטאַלין, וואָס איז שוין געווען אין די פעדערן „האָט זיך שוין דעמאָלט אין דער שטיל באַנוצט מיטן אַנטיסעמיטישן אַרגומענט אין קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע. ער האָט עס אָבער נאָך געמאַכט גענוג פאָרזיכטיק“, זאָגט דער מחבר. בכלל גענומען האָט אים דער באַזוך אין מאָסקווע, אין יאָר 1927, ביים פערטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן „רייכער געמאַכט מיט אַ ריי דערפאַרונגען, אָבער אויך אָרעמער געמאַכט מיט אַ ריי אילוזיעס“.

ער האָט צוויי מאָל געזען פון דער סאַמע נאָענט דאָס פּנים פון דער רוסישער רעוואָלוציע, זיך צוגעקוקט ווי אַלץ ווערט צוגעגרייט פאַר אַ ריי קאָמינטערן־סעקציעס, געזען די קורבער, די סערווירער. עס איז אַוועק אַ פּאָר יאָר און ער האָט אַלץ אָנגעהויבן זען ניכטער און שפּעטער געמאַכט די פעסטע אויספירונגען.

ביזן אַנטגילטיקן איבערייס האָט נאָך געדויערט און ער האָט ווידער געלעבט אַ שטורמיש פּאָליטיש לעבן אין פּוילן. געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַ ריי הויפּט־געביטן, צוגעטיילט אין אַ ריי ראַיאָנען, דורכגעמאַכט אַרעסטן, געווען אַ ריי יאָרן אין תפיסה, וווּ ער האָט פיל געטראַכט.

וועגן דעם אַלעם — אויפן פאָן פון גרויסע וועלט־געשעענישן — פּאָליטישע סיטואַציעס אין פאַרשידענע לענדער, וויכוחים און קאַמפן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, און שפּעטער „רייניקונגען“, פאַרשיקונגען פון סאָוועטישע פירער און גאַנץ באַזונדערס וועגן מענטשן און געשעענישן אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דערציילט פּ. מינק אין זיין בוך „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע“.

פּ. מינצס פּאָליטישע זכרונות פון אַ שטורמישער צייט, הגם געשריבן הויפּטזעכלעך אויפן פאָן פון פּוילן און נישט מיט קיין כוונה אַרויסצורופן סענסאַציע, נאָר כדי צו דערמאָנען אידעאַליסטן, וואָס זענען „שפּעטער געפאַלן קרבנות פון זייערע אייגענע פאַלשע אילוזיעס און אָפּגענאַרטע האָפענונגען“, און מיטן ציל צו העלפן דערקענען די פאַטאַלע ראָל פון קאָמוניזם „פאַר דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט“, וועלן אַרויסרופן גרויס אינטערעס. און מסתמא, אויך פאַר דער נישט־יידישער וועלט. וועט דאָס בוך נישט בלייבן פרעמד.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 118

Copyright by, S. BERLINSKI, Tel-Aviv, Israel

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Againet Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 4 de Enero de 1956, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S. R. L. Corrientes 1976, Buenos Aires

S. BERLINSKI

HERENCIA

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1956